STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04467

SHEYD-VEGN

Kalman Segal

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קלמן סעגאל

שייד־וועגן

פאַרלאַ: יידיש בוך וואַרשע

K. Segal

„ROZDROŻE"

Okładkę projektował: R. CHOF

הילע פּראָיעקטירט: ר. כאָף

WYDAWNICTWO „IDISZ BUCH", WARSZAWA, UL. NOWOGRODZKA 5

Nr zam. 4442. Nakład 2,500 egz. Druk ukończono w listopadzie 1961 r.
Ark. druk. 15,75, wyd. 12. Papier druk. sat. V kl. 61 × 86, 80 g
Druk. RSW „Prasa", Warszawa, Tarczyńska 8. S-72

שפּורן

זיבּן יאָרן וואָגל איך אַרום אויף דער ברייטער וועלט, אין פאַרשידענע באַדינגונגען און אָנגעלעגנהייטן. צוערשט האָט מיך געטריבן די נויט, שפּעטער האָט מיך באַגלייט מיין אומרו.

פאַרלאָזנדיק מיין היים, פלעג איך שטענדיק טרוימען וועגן צוריקקומען אויף דעם זעלבן אָרט. און שטענדיק האָב איך געזוכט שפּורן צום צוריקקער.

געפין איך זיי טיילמאָל, מיינע אייגענע שפּורן, אויף וועגן און אומוועגן. איך דערקען זיי און איך זאָג צו זיך אַליין: דאָ בין איך שוין געווען, פּאַסירט האָט עס דעמלט און דעמלט, אַזוי־פיל און אַזוי־פיל. בין איך דעמלט אַלט געווען. און געבענקט האָב איך — צו וועמען האָב איך דאָס דעמלט געבענקט? וועמען האָב איך דעמלט געליבט? דאָס איז געווען ווינטער, אָדער — געווען איז עס זומערצייט, געשלאָפן בין איך אין א סטאַדאָלע אויף א בינטל שטרוי. אָדער: געשלאָפן בין איך אין א וואַנציק האָטעלעכל, וואָס איז געשטאַנען אויף דעם דאָזיקן אָרט, און שפּעט ביינאַכט פלעגט מיר די באַרמהאַרציקע דינסט־מויד אַריינברענגען געגנבעטע רעשטלעך פלייש פון דער קיך.

שפּורן זענען עס — דויערהאַפטיקע שפּורן פון מענטשישן זיין, דערמאָנונגען, אין וועלכע עס זענען פאַרכישופט איבערלעבונגען און ברעקלעך געפילן, וועלכע פאַרבלייבן אין אים ביז צו דער שפּעטער עלטער.

טרעט איך נאָך אַלץ אויף די דאָזיקע שפּורן מיינע, און עס טרעפט נאָך אַלץ, אַז איך געפין א פאַרלוירן שטייגרעלע, אַן איידל־שטיין א טייערן, א דערמאָנונג, וואָס עס ווילט זיך זי נעמען אין דער האַנט אַריין און צודריקן צום האַרץ, פּונקט ווי עס זאָל זיין

עפּעס אַזוינס, וואָס איז אַ מאַטעריע און האָט איר וואָג, איר געשטאַלט.

און די דאָזיקע אַלע דערמאָנונגען און דאָס דאָזיקע זוכן פון די אייגענע שפּורן, שאַפן אַן אילוזיע, וואָס דערנעענטערט אונדזער עבר צו דער קעגנוואַרט. זי מאַכט אונדז מיט אַ פּאָר מינוטן ייִנגער, די דאָזיקע אילוזיע, ווייל אַלץ וואָס איז געווען, איז דאָך געווען ערשט נעכטן, כאָטש די קעמערלעך און געוועבן פון אונדזער לייב ווילן גאָרנישט וויסן וועגן אונדזער איינרעדעניש, וואָס איז אונדזער טרייסט אַנטקעגן דעם ביאָלאָגישן פּחד.

שפּורן — טיילמאָל זענען עס ווערטער, נישט מער ווי ווערטער פון יענע עטלעכע הונדערט אָדער עטלעכע טויזנט, וואָס מיר באַנוצן זיך מיט זיי — ווערטער ווי בוקעטן בלומען, ווי קרענץ, ווי מאָזאיקעס פאַנטאַסטישע, וואָס עמעצנס ליפּן און עמעצנס אָטעם האָט זיי געפורעמט פּונקט אַזוי, ווי עס פורעמט זיי ווער הייַנט, כאָטש יענע ליפּן פון אַמאָל זענען שוין הייַנט פאַרחתמעט מיט טויזנט זיגלען פון שווייַגעניש.

אָדער בילדער — בילדער לעבעדיקע, בילדער טויטע, פאַרוועלקטע: אַ וואַלד, אַ בוים, אַ באַשאָטענער מיט פרוכטן. בלעטער געלע, וואָס פאַלן אין אַ האַרבסטיקן נעפּלדיקן טאָג. אַ שוואַרצע במאַרע אויפן הימל, אַ געסל פול מיט שמוץ און בלאָטע. אַן אַלטע פרוי וואָס שטריקט אויף דראָטן. אַ הייזל אַ הילצערנס מיט בלינדע פאַרשלאָגענע פענצטער — פּייזאַזשן, וואָס זענען שוין אַמאָל געוואָרן געמאָלט דורך אַ מענטש, דורך דער נאַטור. אַלץ דערמאָנט און פליסטערט אין דיין אויער אַרייַן סודות פאַרכאַפּנדיקע און זיסע.

אָדער די מענטשן... קודם כל די מענטשן.

איך האָב אַמאָל באַגעגנט אַ יונג מיידעלע, אַ שיינע איז זי געווען, און אויגן האָט זי געהאַט די זעלבע און די זעלבע האָר, און דעם זעלבן שמייכל און אַפילו דעם קלאַנג פון דער שטימע, ווי אַן אַנדער מיידל פון מיינע פאַרגאַנגענע יאָרן, אַ מיידל, וואָס אירע הענט און אירע ליפּן און אירע האָר זענען אין פּראָך פאַרוואַנדלט געוואָרן, אין אַש, וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט אויף די וועגן פון מיין היימלאַנד. און דערפאַר איז איר אומבאַקאַנטע ייִנגערע און לעבעדיקע שוועסטער אויך אַ דערמאָנונג, אויך אַ שפּור פון יענעם לעבן, וואָס איז אויסגעוואָרצלט געוואָרן.

אַדאַנק אַזעלכע באַגעגענישן, אַדאַנק זיי קלאַפּט דאָס האַרץ שטאַרקער און שטאַרקער מיט עס ווײ. אַדאַנק אַזעלכע שפּורן דויערט אין אונדז די האָפענונג, אַז געפונען וועט ווערן און אַנטפּלעקט וועט ווערן דער סוד פון דעם המשך פון דער וועלט.

און טיילמאָל גייט ארויס אויף מיין באַגעגעניש עמעץ פון י ע נ ע יאָרן, א מענטש פון י ע נ ע ם דור, אָדער איך גיי אַרויס, כדי א י ם צו באַגעגענען. און איך האָף און איך רעד מיר איין, אַז א באַגעגעניש וועט עס זיין א פריידיקע, א ליבע, א צוזאמענטרעפן זיך אין דער וועלט, וואָס איז שוין נישט די זעלבע וועלט, און אין א צייט, וואָס איז שוין נישט אין דער זעלבער עפּאָכע, ווייל מיר אַליין זענען דאָך שוין אויך נישט די זעלבע — נישט ענלעך זענען מיר צו אונדזערע נעכטיקע פאָרטרעטן, כאָטש ערגעץ אין דער טיפעניש פון אונדזערע געפילן בענקען מיר נאָך אונדזער אָפּשפּיגלונג אין יענעם שפּיגל, וואָס איז צעבראָכן געוואָרן מיט פיל יאָרן צוריק.

א גערירטער העט איך מיך צו צום קלאַנג פון א צופעליק־באַגעגנטן נאָמען. אָדער צופעליק ווער איך געוויר, אַז דאָרט און דאָרט וווינט א מענטש, וואָס אין מיין ספר הימים איז ער נאָך אַלץ פאַרצייכנט מיט א קליין סימנדל, מיט א שיפער, וואָס נאָר איך איינער פאַרשטיי זיין באַדייט, ווייל פאַר מיר איז ער א בת־קול פון עבר. הייס איך מיך צופירן צו זיין שטוב, צו דער שטוב פון יענעם מענטש, און איך שטיי פאַר זיין טיר לאַנג און אין אומזיכערקייט, און עס מאַטערט מיך א פחד, אן אומרו: ווי אַזוי זעט ער היינט אויס? ווער איז ער? האָט די צייט נישט פאַרווישט זיינע איידעלע שטריכן? איז זיין האַרץ פאַרבליבן ריין און איידל? און איך, ווער בין איך?

ווייל איך ווייס דאָך, אַז זיך אַליין זעט מען נישט גענוג ריכטיק און נישט גענוג שטרענג משפּט מען זיך אַליין, נישט גענוג שטרענג...

קלאַפּ איך אין זיין טיר און דאָס האַרץ איז דערביי פול מיט דעם טיפסטן באַגער: אויב דער דאָזיקער פּרוּוו דאַרף מיר ברענגען אומעט און ווייטיק, זאָל איך אומשטאַנד זיין איבערצוטראָגן מיין אַנטוישונג, בכדי איך זאָל כּוח האָבן צו ווייטערדיקע באַגעגענישן און אַנטוישונגען.

צום ווייטערדיקן קלעטערן אויף די אייגענע שפּורן, וועלכע זענען שפּורן פון עבר...

אַ קרעטשמע אין פּוילן

אין איינעם אַן אַמעריקאַניש-יידישן זשורנאַל האָב איך איבערגעלייענט אַ ידיעה וועגן טויט פון אַ מענטש, וואָס זיין נאָמען איז מיר געווען מאָדנע באַקאַנט. געלעגן איז דער דאָזיקער נאָמען ערגעץ אין די ווייטע און טיפע ראַיאָנען פון מיין זכרון און לאַנג האָט געדויערט, ביז איך האָב מיר דערמאָנט דאָס אַלץ, וואָס עס האָט זיך מיט דעם דאָזיקן נאָמען געבונדן.

איך האָב ווידער און ווידער געלייענט די קורצע נאָטיץ, אין וועלכער עס זענען אויסגערעכנט געוואָרן די מעלות פונעם פאַרשטאָרבענעם און האָב זיך דערביי דערמאָנט געוויסע פּרטים וועגן זיין אָפּשטאַמונג. און צומאַכנדיק די אויגן האָב איך איבערגעחזרט די דאָזיקע ווערטער, און זייער קלאַנג האָט פאַר מיר אַרויסגעבראַכט לאַנדשאַפטן, וועלכע זענען שוין היינט נישטאָ, מענטשן וואָס זענען שוין לאַנג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַש. די ווערטער האָבן מיר דערמאָנט דערציילונגען פון מיין טאַטן, און אויך דאָס וואָס איז אין מיין זכרון פאַרבליבן פון די קינדער-יאָרן. און עס האָבן אויפגעטויכט פאַר מיר געשעענישן ווייטע און פאַרגעסענע, ווערטער האַרציקע און פול מיט ליידן, כאָטש אפשר נישט אַזעלכע, וואָס זענען איינציקן פאַר יעדן גלייך וויכטיק. און וועגן ליידנשאַפטן מענטשלעכע האָב איך מיך דערמאָנט, וועגן ליבע און האַס, וועגן זינד און אומשולד — און אַלץ האָט זיך אַרומגעוועבט אַרום דעם נאָמען פון פאַרשטאָרבענעם איינזאַמען פּוילישן ייד אין דער ווייטער אַמעריקע. דעם בן-יחיד פון עליע-בער דעם אַרענדאַר, וואָס איז מיט פיל יאָרן צוריק, נאָך אַלס יונגער בחור אַנטלאָפן פון דער היים און מער פון זיך קיין לעבנס-צייכן נישט געגעבן. אין אַלע אַרומיקע דערפער האָט מען דעמלט זייער שלעכט גערעדט וועגן עליע-בערן און וועגן זיין זון, דעם בן-יחיד — נאָכמעלע האָט ער געהייסן. און פאַסירט האָט עס מיט פיל יאָרן צוריק. עליע-בער לעבט שוין נישט זינט דער

ערשטער וועלט=מלחמה, דערמלט האָבן אים די קאָזאַקן באַגראָבן לעבעדיקערהייט, און אויך זיין ווייב און נאכמעלעם מוטער לעבט שוין נישט אַ יאָר צוואַנציק — געשטאָרבן איז זי אין הקדש, און דאָס אָרט, ווי זייער קרעטשמע איז געשטאַנען איז שוין לאַנג פאַרוואַקסן מיט ווילדע קרייטעכצער, און קיינער אין דער גאַנצער געגנט געדענקט שוין נישט, אַז ס׳איז אמאָל געווען אַן ארענדאַר — ווייל ווער איז ער דען געווען, מען זאָל דאָס אים געדענקען אַזוי לאַנג?

און איך... איך קלויב צוזאַמען די צעבראָכענע שערבלעך, קוק אויף די ביינער פון פאַרשטאָרבענע — יידישע ביינער איז נישט אזוי שווער צו געפינען אויף אונדזער ערד — און לייג זיי צוזאַמען אין אַ דערציילונג און טראָג זיי אייך צו, ווי אַ יזכור, ווי אַ הספד, ווי אַ מצבה.

איך דערמאָן מענטשן פאַרשטאָרבענע, טרייסל אָפּ פון זיי דאָס אַש, דעם שטויב — אָ, מיינט נישט, אַז איך וויל אייך זיי פאָרשטעלן ווי העלדן, ווי קדושים, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין פלעק אויף דער נשמה. גלייבט מיר, נישט אין דעם ליגט די הייליקייט פונעם מענטש. איך וויל זיי אויפלעבן אַזעלכע, ווי זיי זענען געווען. און אויב דאָס וועט זיין צו שווער פאַר מיין המיון, זאָלן זיי מיגדעסטנס אויפקומען אַזעלכע, ווי איך שטעל מיר זיי פאָר, ווי איך זע זיי — אמתדיקע און פולבלוטיקע, ליבנדיקע און ליידנדיקע, בלאָנדזשענדיקע און לײדנשאַפטלעכע — מיט אַלע מעלות און חסרונות פון אַ בשר=ודם.

און געווען איז עס אפשר אַזוי.

א.

שבת נאָכמיטאָג האָט עליע=בער דער ארענדאַר מעביר געווען די סדרה און רבקה, די יידענע זיינע, האָט געלייענט די צאינה=וראינה. און געווען איז זומער, און אינדרויסן האָבן שווער און דופּטיק געאָטעמט די בליענדיקע ליפּע=ביימער, און געראָיעט האָבן די בינען און גאָטס וועלט איז געווען שיין און בליענדיק.

אויף די פעלדער האָבן תבואות זיך געמיניעט אין דער זון, און צווישן זיי איז אויך געווען אַ היפּש שטיקל ווייץ און אַ היפּש שטיקל קאָרן פון עליע=בער דעם ארענדאַר. און אין הויף, אין דער שטאַל

אונטער דעם שטרויענעם דאַך זענען געשטאַנען צוויי קי מיט א פערדל, און אין דער קאַמער זענען געווען פולע ערדענע טעפּ מיט מילך און סמעטענע — א זעטיקייט איז געווען אין יעדן ווינקעלע, קיין פויגל־מילך האָט נישט געפעלט.

אין אפשר דערפאר עליע־בערס געזיכט געווען גוטמוטיק און לויטער, און זיינע אויגן האָבן געשיינט מיט א העלער שיין פון אַ מענטש, וואָס קאָן נישט קיין גרעסערע זאָרגן. בלויע אויגן זענען עס געווען און מענטשן פלעגן זיך חידושן פון וואַנען עס נעמען זיך צו א ייד אַזעלכע אויגן — ווייל עליע־בער האָט גאָרנישט אויסגעזען ווי קיין ייד. האָר האָט ער געהאַט בלאָנדע און נאָר די בלאָנדע באָרד זיינע האָט עדות געזאָגט וועגן אים. און א שפּראַך האָט ער אויך גע־האַט א פויערישע, מיט וועלכער ער האָט זיך באַנוצט גאַנצע טעג און אַפילו שפּעט אין אָוונט. דערפאר איז אויך זיין יידיש־לשון געווען פאַר־גרעבט, הארב ווי אוקראַינישע קללות, וואָס ער פלעגט זיי אויסהערן אין דער קרעטשמע, ווו די שיכורים פון גאַנצן דאָרף פלעגן טרינקען דאָס ביטערע ביר און דעם שטאַרקן אָקאָוויט, וואָס האָט געברענט ווי א פייער.

אין א וואָכעדיקן טאָג איז עליע־בער געשטאַנען ביים שענק, אָנ־געשפּאַרט אויף דעם עלנבויגן, אָדער ער האָט פאַרקויפט דאָס, וואָס עס פלעגט פאַרקויפן יעדער אַרענדאַר אין יעדער קרעטשמע. נאָר אויב אין אנדערע קרעטשמעס פלעגט מען אין יענע צייטן נישט איינמאָל הייבן א האַנט און א שטיין קעגן א ייד, איז ביי עליע־בערן געווען גאָר אַנדערש — פאַר אים האָבן די פויערים געהאַט גרויס דרך־ארץ, און אפשר נישט אַזויפיל פאַר אים און פאַר זיין גוטמוטיקייט, ווי פאַר זיינע פלייצעס וואָס זענען געווען ברייט ווי לאָקשנברעט, און אויך פאַר זיין כעס האָט מען געהאַט דרך־ארץ, פאַר זיינע פויסטן האַרטע, וואָס האָבן שוין נישט איין עזות־פּנים אויסגעלערנט גוטע זיטן.

אָבער שבת האָט עליע־בער נישט געטראַכט וועגן דער קרעטשמע און אויך נישט וועגן די שיינע בייטן מיט קאָרן און מיט ווייץ. שבת האָט מען ביי דעם אַרענדאַר געהאַלטן פּונקט ווי ביי אַלע יידן, כאָטש אין שול אַריין פלעגט מען נישט גיין, ווייל עס איז געווען מער ווי א תחום שבת — בלויז אויף די ימים נוראים פלעגט מען זיך איינ־דינגען אין דער שטאָטישער אכסניה. די געוויינלעכע שבתים פלעגט מען פּראַווען אין דאָרף, שטיל און באַלעבאַטיש, מיט ליכטיקע פרייטיק־

צונאַכטן און מיט פיש און ראָזשינקע־וויין, און שבת נאָך דער סעודה פּלעגט מען כאַפּן א דרימל, און נאָך שלוש־סעודות פּלעגט עליע־בער זינגען זמירות מיט דעם אַלטן ניגון, וואָס ער האָט געירשנט פון זיינע דאָרפישע אבות, און דער בן־יחיד זיינער, דער איינגעבעגער נאַכמעלע האָט אים צוגעהאָלפן מיט זיין יונג זילבערן קולכל, און עליע־בערס יידענע, די שיינע רבקה האָט זיך צוגעהערט און צוגעקוקט און דאָס האַרץ איז אין איר געוואָקסן פון גליק און נחת.

און אזוי האָבן זיי דאָ געלעבט בשלום, שטיל און באַלעבאַטיש אויף דעם יידישן שטייגער, און כאָטש געענדערט האָבן זיך די צייטן, האָט מען אין דער קרעטשמע געלעבט שטיל, אָן שום ענדערונגען. דעם אמת געזאָגט, איז עליע־בער שוין לאַנג נישט געווען קיין אַרענדאַר, ווייל דער פּריץ האָט זיין פּאַרמעגן שוין לאַנג אויספאַרקויפט און אַוועק אין די ווייטע מדינות, און די קרעטשמע איז געווען שוין עליע־בערס אייגנטום אויף אייביק. דאָך איז פאַרבליבן דער צונאָמען: סיי די פּויערים אין דאָרף, סיי די יידן אין שטאָט האָבן אים ווייטער גערופן „עליע־בער דער אַרענדאַר“ און זיין ווייב האָט מען גערופן „רבקה די אַרענדאַריכע“, און אַפילו דעם בן־יחיד זייערן האָט מען אויך מיט דעם זעלבן צונאָמען גערופן.

און אָט זענען זיי אַלע דריי אין שטוב. אין דעם שיינעם אויס־געקאַלכטן אַלקער זיצן זיי, און עליע־בער זאָגט תורה פון זיין חומשל און פאַרטייטשט זי אויף מאַמע־לשון און דאָס ייִנגל הערט זיך צו.

— ... און די פּרוי פון דיין חבר זאָלסטו נישט גלוסטן... — זאָגט מיט א זינגעוודיקער שטימע דער פאָטער.

און דאָס ייִנגל קוקט אויף דעם אַלטן ספר וואָס איז איינגע־בונדן אין א שטיק קעלבערנע לעדער, און פרעגט:

— טאַטע, וואָס מיינט מען דאָס?

עליע־בער האָט זיך צעלאַכט מיט א ברייט געלעכטער, דערנאָך האָט ער אַרויפגעלייגט זיין שווערע האַנט אויף דעם ייִנגלס אקסל.

— וועסט אויסוואַקסן, וועסטו שוין געוווויר ווערן.

זיי האָבן זיך ביידע אַנידערגעזעצט אויף דער שוועל. די זון האָט געלויכטן אויף זיי מיט א ליכטיקער שיין, און זיי האָבן געמוזט צוזשמורען די אויגן, אַזוי שטאַרק האָט זי געברענט. פון נישט ווייטן צווייגטער האָט זיך געטראָגן דאָס גערוך פון בליענדיקע בלומען. פון

אונטער די געדיכטע לאַנגע ברעמען האָט עליע־בער געקוקט אויף דער וועלט און געשעפּט נחת.

— זע, יונגאַטש, זע ווי שיין ס'איז גאָטס וועלט — האָט ער געזאָגט צום זון.

אין משך פון צוויי זמנים האָט עליע־בער געהאַלטן אַ בעלפער, אַ יונג בטלניש בחורל, וואָס האָט נאָכמעלען אויסגעלערנט עברי, און דער דאָזיקער בעלפער האָט נאָכמעלען דערציילט אַ סך מעשיות וועגן „יענער וועלט", וועגן שדים און נישט־גוטע, וועגן בעל־עבירהניקעס וואָס קומען אָפּ אין גיהנום. גרויזאַם איז געווען זייער גורל און גרויזאַם זענען געווען די דאָזיקע דערציילונגען און נאָכמעלע האָט פיל שעהן אין די נעכט נישט געקאָנט שלאָפן — נישט אַזויפיל צוליב פּחד פאַר זיין אייגענעם גורל, ווי צוליב גרויס רחמנות פאַר יענע אומגליקלעכע זינדיקע, וואָס קאָכן זיך און בּראָטן זיך אין דעם פייערדיקן גיהנום שוין הייגט, ווען ער אַליין לעבט זיך זאָרגלאָז ביי טאַטע־מאַמען...

— מען קאָן גאָרנישט העלפן — פלעגט זאָגן די מוטער — וואָס קאָן דען אויפטאָן אַ געוויינלעכער בשר־ודם? יעדער מוז אָפּקומען זיינס, איינער קומט אָפּ דאָ אויף דער ערד, און דער צווייטער אויף יענער וועלט. ליידן מוז יעדער מענטש.

— פאַרוואָס מוז יעדער ליידן? — האָט געפרעגט נאָכמעלע — קיינער דאַרף נישט ליידן. נישט דאָ און נישט דאָרט.

די מוטער פלעגט אים דעמלט אַרומנעמען און קושן אים צאַרט און אירע אויגן האָבן געשטראַלט מיט צופרידנקייט — זי איז געווען שטאָלץ פון דעם בן־יחיד, אָבער זי האָט די דאָזיקע שטאָלצקייט נישט אַרויסגעוויזן.

און ער האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס די וועלט איז אַזוי שלעכט, אים האָט זיך דאָך אויסגעוויזן, אַז די וועלט איז שיין און מיט אַלע מעלות. די לאָנקע, אויף וועלכער ער האָט געפּאַשעט די בהמות, איז געווען גרין. אין וואַלד האָבן געשמעקט די יאַגעדעס און די שוואָמען. די זון האָט געוואַרעמט. דער שטויב אויפן שאָסיי איז אויך געווען וואַרעם און אָנגענעם האָט ער געצערטלט די באָרוועסע פיס. פון די עפּל־ביימער האָבן אַראָפּגעהאַנגען זיסע, זאַפטיקע פרוכטן. די קי אין דער שטאַל האָבן פון זיין קינדערשער האַנט געלעקט

דאָס זאַלץ, און מיט אַלע כּלבים אין דער געגנט איז ער, נאָכמעלע, געווען פֿאַן בראָט.
און מיילמאָל פֿלעגט ער אויך מיטן פֿאָטער פֿאָרן אין שטעטל אַריין און דאָרט זענען געווען קרעמלעך פֿאַרביקע מיט פֿאַרשידענע סחורות, און געסלעך שמאָלע, ווו דער גערוך איז הווקא נישט געווען אַזוי אָנגענעם פֿאַר דער נאָז, אָבער דערפֿאַר איז אינטערעסאַנט גע־ווען אַרומצודרייען זיך אין די שמאָלע געסלעך, ווו עס זענען געווען א סך קינדער און אַלע האָבן זיי גערעדט יידיש און נאָכמעלע האָט אויף זיי געקוקט א פֿאַרשעמטער, א ביסל א פֿרעמדער, און אויך זיי האָבן אויף אים געקוקט ווי אויף א פֿרעמדן, ווייל זיי האָבן דאָך נישט געקענט דאָס, וואָס ער האָט געקענט — העלפֿן דעם געשפּאַן און נאָך אונטערשמייסן דאָס פֿערדל, אז לויפֿן זאָל עס ווי א ווינטער. דאָס אַלץ האָבן די שטעטלשע ייִנגלעך נישט געקענט, די בלאַסע שטעטלשע חדר־ייִנגלעך. אָבער נאָכמעלע האָט זיך געריכט, אַז עס זע־נען מסתמא פֿאַראַן אַנדערע זאַכן, וואָס זיי האָבן געקענט און וועגן וועלכע ער האָט נישט געהאַט קיין אנונג. פֿונדעסטוועגן האָט ער ליב געהאַט צו פֿאָרן אין שטעטל אַריין, ווייל אויך דאָרט איז פֿאַר אים די גאַנצע וועלט געווען שיין, און ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען פֿאַר־וואָס די מוטער זיינע האַלט, אַז די וועלט איז שלעכט...

ב.

עליע־בער האָט איינגעשפּאַנט דאָס פֿערדל.
— מירן פֿאָרן באַגראָבן דעם מת — האָט ער געזאָגט צו נאָכ־מעלען — קום, זעץ זיך אוועק אויפֿן וואָגן.
געשטאָרבן איז עליע־בערס ברודער, וואָס האָט געוווינט אין דרוי־מן דאָרף און דאָרט געהאַלטן דעם שראַנקן, אָדער ווי מען פֿלעגט זאָגן: די ראָגאַטקע. אליין האָט ער דאָרט געלעבט ווי א בער, אָן א ווייב און אָן קינדער. בייזע צינגער האָבן דערציילט, אז די פֿרוי זיינע, א יונגע שטאָטישע קראַסאַוויצע, האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן אין דעם קליינעם שטיבעלע ביים שראַנקן, ווו איינמאָל אין דער וואָך פֿלעגט מען זען א לעבעדיקן מענטש, און א ייד פֿלעגט דאָ דורכגיין איינמאָל אין א יובל — און זי איז געווען א שטאָטישע און א שיינע,

און טריב איז איר דאָ געווען און אומעטיק, און זי איז אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט גייט אויס, יונגערהייט איז זי פאַרשטאָרבן און ער, דער אַלמן, האָט שוין מער קיינעם נישט געוואָלט. אַליין איז ער דאָרט געזעסן און צוזאַמענגענומען די פּרוטות, און אַליין איז ער אויסגע־גאַנגען, קיינער איז נישט געווען ביי אים אין דער שעה פון שטאַרבן, און בלויז אַ צופעליקער דורכגייער, אַ באַקאַנטער פויער האָט צו ווייסן געטאָן אין דער קרעטשמע, אַז מען דאַרף יונהן פון שראַנקן ברענגען צו קבר ישראל. און איצט איז צום שראַנקן געפאָרן עליע־בער, כאָטש ביידע ברידער האָבן צוליב אַ סכסוך וועגן ירושה, נישט גערעדט צווישן זיך אפשר אַ יאָר צוואַנציק.

— טאַטע — האָט געפרעגט נאַכמעלע — ביזט דאָך ברוגז מיטן פעטער יונהן?

— איצט בין איך שוין נישט ברוגז — האָט געענטפערט דער קרעטשמער — איצט איז שוין אַלץ איינס.

עליע־בער האָט אַרויסגעטראָגן דעם בר־מינן און פאָרזיכטיק אַרויפגעלייגט אים אויף דעם וואָגן. דערנאָך האָט נאַכמעלע געזען דאָס טהרה־שטיבל און דער פעטער יונה איז געלעגן אויסגעשטרעקט אויף אַ טיש, אַ דאַרער און ביינערדיקער, אַ שטייפער ווי אַ שטיק האָלץ, און יידן מיט רויטע נעז האָבן אויף דעם פאַרשטאָרבענעם געגאָסן קווערטלעך וואַסער, און ער איז געלעגן אין דער דאָזיקער שמוציקער קאַלוזשע, אַ געלער און פאַרקנייטשטער.

דאָס הייליקע אָרט איז געווען אויף אַ שיין בערגל, אַרומגעצוימט מיט אַ שטיינערנעם פּאַרקאַן. ביים טויער איז געשטאַנען דאָס הייזל פון באַגרעבער, און דאָס גאַנצע בית־עולם איז געווען געדיכט באַ־דעקט מיט שטיינערנע מצבות.

ביים גרוב איז געשטאַנען דער קברן — אַ ייד אַ לייב, מיט ברייטע פּלייצעס און מיט אַ צעפּלאָשעטער באָרד. גרויזאַם האָט ער אויסגעזען אין נאַכמעלעס אויגן — דאָס איז ער דאָך געווען דעם טייוולס אַ קרוב, וואָס האָט גענומען מענטשן און באַגראָבן זיי און צוגעשיט מיט ערד, אַז קיינמאָל זאָלן זיי שוין נישט זען די שיין, און אַז קיינער זאָל שוין נישט זען זייער פּנים.

ווען מען האָט אָנגעהויבן צוצושיטן דאָס קבר אין וועלכן ס'איז איצט געלעגן יונה פון שראַנקן, האָט נאַכמעלע דערפילט, אַז עס שטיקט אים אין האַלדז. באַלד האָט ער זיך אָבער באַהערשט, ווייל

ווי נאָר דאָס קבר איז געוואָרן אויסגעגלייכט מיט דער ערד, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז דער פעטער יונה איז שוין נישט קיין פעטער, און אפשר איז ער גאָר קיינמאָל נישט געווען און קיינמאָל נישט געהערט צו דער וועלט פון לעבעדיקע מענטשן. אראָפּגייענדיק פון בערגל, האָט נאכמעלע געטראָטן פּאַוואָליע און פּאָרזיכטיק. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אז אונטער יעדן הויפן ערד ליגט א מענטש — אן ענלעכער צום פעטער יונהן פון שראנקן.

ווען זיי זענען אהיימגעקומען, האָבן זיי ביי דער טיר געוואַשן די הענט און אין שטוב האָט זיך עליע־בער אַוועקגעזעצט אויף א קליין בענקעלע און געזאָגט תהילים.

— מאַמע — האָט געפרעגט נאכמעלע — ווי מיינסטו? איז ער געגאנגען אין הימל אַריין?

— וואָס איז ער דען געווען? — האָט געזאָגט די מוטער — א צדיק איז ער געווען, ער זאָל גיין גלייך אין הימל אריין? ער איז דאָך געווען א געוויינלעכער ייד, אן עם הארץ, גאָט זאָל אים מוחל זיין. אַזעלכע טרעפן זעלטן אין הימל אַריין.

— ווי מיינסטו, מאַמע? האָט ער געגלוסט צו דעם חברס פרוי?

— האָט זיך דאָס ייִנגל עפּעס דערמאָנט...

ג.

דער פשוטער טאָג פון א דערוואקסענעם דויערט קורץ, כאָטש ער איז אָנגעפילט מיט שווערער אַרבעט, מיט זאָרגן און ליידן. אויך דער חודש, אויך דאָס יאָר פון דעם דערוואקסענעם אַנטלויפט גיך, פיל גיכער ווי עמיץ וואָלט זיך עס געווונטשן.

אַנדערש איז ביי א קינד. פון זון־אויפגאַנג ביז צו דער שקיעה ציט זיך א גרויס שטיק לעבן, וואָס איז פול מיט אַנטדעקונגען און איבערלעבענישן, פול מיט רעטענישן און געדאַנקען, וועגן וועלכע דערוואָקסענע האָבן גאָר נישט קיין אַנונג. אפשר איז עס דערפאר, ווייל קינדער קענען נאָך נישט די ווערט פון צייט, פון מינוטן און שעהן, און אפשר דערפאר וואָס זיי זעען נאָך נישט קיין נויטווענדי־קייט זיך צו איילן, ווייל דאָס לעבן וואָס ליגט פאר זיי, איז גרויס און ציט זיך ווייט, כמעט אומענדלעך. דאָס יונגע באַשעפעניש איז נאָך

שטאַרק פאַרבונדן מיט זיין אורשטאָם, מיט דער נאַטור וואָס איז דער קוואַל פון לעבן — און פונקט ווי א בלום, פונקט ווי א שמעטערלינג, לעבט אויך דאָס מענטשישע קינד: זיינע חושים קענען בלויז אַנטוויקלונג. דער פאָרגעפיל פון וועלקונג און טויט איז פאַר זיי ווייט און אומבאַקאַנט. קינדער פאַרמאָגן די גרעסטע חכמה פון דער וועלט — זיי ווייסן, אז דאָס לעבן איז אייביק. און אפשר טאַקע דערפאַר איז זייער טאָג שיין און לאַנג.

די צייט האָט זיך גערוקט לאַנגזאַם, אָבער אויף איין אָרט איז זי דאָך נישט געשטאַנען. נאַכמעלע איז געוואָקסן און ער האָט מיט זיינע ברייט-געעפנטע אויגן באַטראַכט דאָס קליינע שטיקל וועלט, אויף וועלכן עס איז אים אויסגעקומען צו לעבן. ער האָט אונטערגעקוקט דאָס לעבן, געמאַכט אַליין נייע אַנטדעקונגען — טיילמאָל האָבן זיי אים געבראַכט פרייד, טיילמאָל — יסורים. גאָר אָפט פלעגט ער זיך אַנשטויסן אויף רעטענישן, וואָס האָבן ביי אים אָפּגענומען דעם שלאָף פון די אויגן. פרעגן האָט ער נישט געהאַט ביי וועמען, ווייל פראָסטע מענטשן זענען זיי געווען, זיינע עלטערן, און פראָסטע מענטשן האָבן געלעבט אין דאָרף, פראָסטע פויערים.

— זיי נישט אזוי נייגעריק — פלעגט זאָגן דער פאָטער — בייגעריקייט דערפירט צו זינד.

און די מוטער האָט געקוקט אויף אים מיט זאָרג. און געהאַט האָט זי גענוג סיבות צו זאָרגן וועגן אים. ער האָט גאַנץ פרי אויפגעהערט צו דאַווענען, און אויב ער פלעגט נאָך פון צייט צו צייט אַנטאָן די תפילין, האָט ער עס געטאָן נאָר פארן אויג. און עליע-פלעגט גאָר אָפט מוזן דערמאָנען וועגן כבוד אב ואם.

און נאַכמעלע דעם אַרענדאַרס האָט נישט געטראַכט וועגן כבוד פאַר זיינע עלטערן, און נישט וועגן די צען געבאָטן — זיינע עלטערן האָט ער גאַנץ פשוט ליב געהאַט. ער האָט ליב געהאַט דער מוטערס הענט, די האָרעפאַשנע הענט אירע, אירע ליפּן וואָס פלעגן צו אים שמייכלען מיט צאַרטקייט, אירע אויגן, וואָס זענען אָפט געווען רויט פון געוויין — ליב האָט ער זיי געהאַט און דער אָנזאָג פון פאָטערס חומשל איז אים געווען נישט נייטיק, אפילו פרעמד. ער איז דאָך גרייט געווען אַוועקצוגעבן זיין אייגן לעבן פאַר דעם לעבן פון זיינע עלטערן. און וועגן דעם האָט עליע-בער געוווסט און אויך רבקה די אַרענדאַריכע האָט וועגן דעם געוווסט, אוןביידע האָבן זיי אָפט גע=

שאָקלט מיט די קעפּ און טרויעריק געזיפצט, ווייל ווער וועט נאָך זיי קדיש זאָגן, אַז עס וועט קומען די צייט? און געטראַכט האָבן זיי מיט פאַרביטערונג, אַז אַזאַ איז דער גורל פון א ייד, וואָס לעבט אין א דאָרף פון וואַנען עס איז אַזוי ווייט אין שטעטל אַריין. אַליין ווערט מען פאַרגראָבט און פאַרגראָבט ווערן די קינדער, און עס האָט אפילו נישט געהאָלפן דער בעלפער פון שטעטל, דער יונגער בטלן וואָס האָט מיט נאַכמעלען געלערנט עטלעכע זמנים.

און נאַכמעלע איז געוואָקסן, א הויכער איז ער געווען און א פעסט־געבויטער ווי זיין פאָטער, און יעדן זונטיק, ווען די חברים זיינע פלעגן אַרויסגיין פון קלויסטער, פלעגט ער צוזאַמען מיט זיי אַרומטאַנצן אויף דער שוואַרצער קליאַטשע, אָדער צוזאַמען מיט אַלע שווימען אין טייך. און פונקט ווי די אַלטע פויערים האָבן געהאַט דרך־ארץ פאַר די פויסטן פון דעם ארענדאַר, אַזוי האָבן אויך די יונגע מאָלאָיצעס ליב געהאַט דעם אַרענדאַרס זון, וואָס איז געווען יונג ווי זיי און שטאַרק ווי זיי, און אפשר נאָך שטאַרקער און פלינקער.

ד.

געשטאָרבן איז אין שטעטל די מומע עטל. אן אלמנה איז זי געווען און געלעבט האָט זי פון דעם, וואָס זי האָט פאַרדינט יעדן דאָנערשטיק און פרייטיק — זי איז אַרומגעגאַנגען אין די הייזער און געפליקט עופות אויף שבת. ווינטערצייט פלעגט זי פליקן גענ־דזענע פעדערן אויף ווייכע קאָלדרעס און קישנס און אויף איבער־בעטן פאַר די רייכע באַלעבאָסטעס וואָס האָבן צוגעגרייט בעטגעוואַנט פאַר די כלה־מיידלעך.

און ווען די מומע עטל איז געשטאָרבן, איז נאָך איר פאַרבליבן די בת־יחידה, יענטעלע האָט זי געהייסן, א מיידל פון א יאָר אכצן, וואָס איז שוין לאַנג ראוי געווען לחופּה, א בלאַסע און שוואַרצהאָ־ריקע, מיט אויגן שוואַרצע און פלאַמיקע ווי שטורקאַצן.

ווען רבקה די אַרענדאַריכע איז געוואויר געוואָרן, אז עטל די פעדערפליקערין איז געשטאָרבן, האָט זי זיך אַ טראַכט געטאָן, אַז אַלץ איז אַ גאָט־זאַך, און זי האָט אין מאיר בעל הנס־פּושקע אַריינגעוואָרפן אַן איבעריקן גרייצער. און אין א פאָר טעג אַרום איז אין דאָרף געקומען די יתומה יענטעלע מיט די שוואַרצע האָר

און פלאמענדיקע אויגן — א בינטל א קליינס האָט זי מיט זיך מיטגעבראַכט, א קליידל מיט א צווי העמדלעך און צוויי מעשענע לייכטער — דאָס איז געווען דאָס גאַנצע אָרעמקייט אירס, מער האָט זי נישט פאַרמאָגט.

און עליע־בער האָט קוקנדיק אויף איר געטראַכט, אז אַלץ, וואָס גאָט טוט, טוט ער גוט, ווייל רבקה האָט שוין נישט קיין כוח צו ארבעטן, די קנייטשן אויף איר פּנים ווערן אַלץ לענגער און טי־פער, און ער אַליין איז שוין אויך נישט דער זעלבער וואָס אמאָל, דעריבער איז אפשר גוט געשען, וואָס די מויד איז אַהער געקומען זוכן א דאך איבערן קאָפּ. דאָ וועט זי זיך אויסלערנען דאָרפישע באַלעבאַטישקייט, קיין גרויסע חכמה שטעקט נישט אין דעם, וואָס עס נויטיקט זיך דאָ צו טאָן.

און אַזוי איז געווען. יענטעלע האָט זיך אויסגעלערנט מעלקן די קי, און שניידן שטרוי אויף דער האַנט־מאַשין, און שניידן די תבואה אין פעלד, און קאַרטאָפל קאָפּען, און איר בלאס געזיכט האָט דאָ אָנגענומען ראָזעווע פאַרבן, און דאָס דאר געשטאַלט האָט זיך פאַרקיילעכט — שיין איז זי געוואָרן און מלא חן.

איינמאָל, אין א שבתדיקן נאָכמיטאָג, ווען עליע־בער האָט גע־כאַפּט א דרימל אין גאָרטן, אין קילן שאָטן פון דעם ברייטצווייגיקן עפּל־בוים, און רבקה איז געזעסן אין אַלקער מיט א ספרל אין דער האַנט, האָט נאָכמעלע שטיל געעפנט די טיר פון דער קאַמער אין וועלכער עס האָט געוווינט יענטעלע. א קליין שטיבעלע איז עס גע־ווען, וו עס איז געשטאַנען דאָס בעטל פון דער יתומה, און אין ווינקל זענען געלעגן אַלטע מכשירים פון דער ווירטשאַפט, א צע־בראָכן אַקער־אייזן, אן אויסגעריבענער כאָמוט, א צעבראָכענע לאַמ־טערן.

יענטעלע איז געלעגן אויף איר בעטל, פאַרקוקט אין באַלקן, פאַרטראַכט. זי האָט אים, נאָכמעלען, נישט באַמערקט, און אפשר האָט זי אים נישט געוואָלט באַמערקן. און ער איז געשטאַנען לעבן איר א שווייגנדיקער, א שעמעוודיקער, און דאָס האַרץ האָט ביי אים געקלאַפּט ווי ביי א גזלן. ער האָט אויף איר געקוקט אַזוי, ווי ער וואָלט זי איצט געזען צום ערשטן מאָל אין לעבן. אירע שוואַרצע האָר זענען געווען צעוואָרפן אויף דעם קליינעם ווייסן קישעלע, און ערשט איצט האָט ער באַמערקט ווי שיין זיי זענען, און איינגעקוקט

האָט ער זיך אין איר פּנים, וואָס איז שוין נישט געווען אַזוי בלאַס ווי אַמאָל — אָפּגעברענט פון דער זון איז עס געווען. ווייס איז נאָר געווען איר לייב, וואָס האָט זיך פאר אים באַוויזן פון אונטער דעם קליידל וואָס זי האָט אויף זיך געהאַט און די ווינקעלעך פון אירע ברוסטן, וואָס האָבן צו זיך צוגעצויגן זיינע אויגן און אַלע זיינע חושים.

שווייגנדיק האָט ער זיך לעבן איר אראָפּגעלאָזט אויף די קני און פארגנורעט דאָס צעפּלאָמטע געזיכט אין אירע האָר. עס האָט אים פארשיכורט דער ריח פון איר הויט און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז נישט אין דער אָרעמער קאַמער פון דער דינסטמויד געפינט ער זיך איצט, נאָר אין א שיינעם פארכישופטן פּאַלאַץ, אויף דעם טונקעלן שטערן פון יענטעלען האָט ער ארויפגעלייגט די שענסטע קרוין פון זיינע יונגע חלומות. און זי איז ווייטער געלעגן שווייגנדיק און אָן שום באַוועגונג, כאָטש זיינע גיריקע אומגעדול־דיקע הענט האָבן זי ארומגענומען, און געגלעטשט זיך איבער איר יונג לייב. און נאָר די אויגן אירע זענען געווען לייכט צוגעזשמו־רעט און אויף די ליפּן האָט געבלאָנקעט א צאַרטער, כמעט אומזע־באַרער שמייכל.

דערנאָך האָבן זיך אין הויף דערהערט די שווערע טריט פון עליע־בער און דעמלט האָט נאַכמעלע זיך אויפגעכאַפּט פון די קני און אויף די פינגער אַרויס פון דער קאַמער.

און ווען ער האָט הינטער זיך פארמאַכט די טיר, האָט ער נאָך באַמערקט איר פּנים — אירע גרויסע שווארצע אויגן האָבן אויף אים געקוקט מיט פאָרוורף און מיט פּיין.

ה.

לעבן יענטעלען איז אים געווען גוט.

געגנבעטע שעהן, וועלכע זיי האָבן פארבראכט אין דעם קליינעם קעמערל וווּ זי איז געשלאָפן — זענען געווען שעהן פון שטילקייט און רו. אין דער צווייטער זייט פון דער הילצערנער געביידע איז געווען די קרעטשמע מיט שיכורע פויערים און מיט דעם גערוך פון בראָנפן און ביליקן טאַבאַק. אינדרויסן איז געווען נאַכט, האַרבסטיקע רעגנס

האָבן געשמיסן די שייבלעך פונעם קליינעם פענצטערל, פון יענער זייט וואנט האָבן געהירזשעט די פערד.

און זיי זענען געזעסן אין דער פינצטערניש, שווייגנדיק און צוגעדריקט צו זיך, און איינס האָט געהערט דעם אָטעם פון צווייטן, און גוט איז זיי געווען — גליקלעך זענען זיי געווען מיט זיך.

טיילמאָל פלעגט נאַכמעלע ארויסגנבענען זיך פון אַלקער ערשט דעמלט, ווען ער האָט שוין געהערט דעם טיפן אָטעם פון דעם שלאָפנדיקן פאָטער. און נישט איינמאָל פלעגט ער פארברענגען מיט דער יתומה א גאַנצע נאַכט, ביז אין פענצטערל האָט אָנגעהויבן צו גראָען דער פרימאָרגן.

און איינמאָל האָט פּאַסירט, אז זיינע ווערטער און זיינע באַוועגונגען זענען שוין געגאַנגען צו ווייט, און נישט ער און נישט זי זענען אימשטאַנד געווען צו פארהאלטן זיך אין זייער ליבע און אין זייער ליידנשאפט. דעמלט האָט יענטעלע צוגעצויגן צו זיך זיין פנים, איןביידע האַנטפלאכן האָט זי געהאַלטן זיין קאָפּ, און אירע הענט האָבן געציטערט און געציטערט האָט אויך איר קול; ווען זי האָט צו אים געזאָגט?

— ניין... ווייל וואָס וועל איך טאָן ש פּ ע ט ע ר ?

אין איר שטים האָט געקלונגען א בקשה, און אים האָט זיך געדאַכט אַז נישט איר קול בעט זיך ביי אים, נאָר אירע אויגן, אירע אויגן וואָס זענען איצט געווען נאָענט צו זיינע אויגן, און וואָס זענען געווען נאָך גרעסער ווי שטענדיק, איבערגעשראָקענע, פול מיט צער.

— שפּעטער? — האָט ער נישט פאַרשטאַנען איר פחד — וואָס קאָן דען זיין שפּעטער?

— דו פאַרשטייסט נאָך גאָרנישט. קום! לייג זיך לעבן מיר.

די ווענט פון דעם קליינעם צימערל זענען זיך פאנאנדערגעגאַנגען, די וועלט האָט זיך פון זיי אַוועקגערוקט אַזוי ווייט, אז זי האָט בכלל אויפגעהערט צו זיין. עס האָט זיי אַרומגענומען א זיסקייט — א נייער ערשט איצט באַקאָנטער געשמאַק פון לעבן, און די דאָזיקע זיסקייט איז אַריינגעדרונגען אין אַלע געוועבן און אָדערן.

ווען נאַכמעלע האָט זיך אויפגעכאפּט, איז אין פענצטער שוין געווען העל. אויף יענטעלעס ליפּן האָט געשיינט אַ שמייכל. וועגן וואָס האָט זי איצט געחלומט?

אין עטלעכע טעג אַרום איז די מוטער געפאָרן אויף קבר אבות אין שטעטל אַריין, און אין שטוב איז געווען פוסט און שטיל. עליע־בער האָט זיך געפּאָרעט ביי דער באַלעבאַטישקייט, אָדער אין דער קרעטשמע, נאַכמעלע איז געווען אין פעלד — אַ גאַנצן טאָג האָט ער געאַקערט. אין אָוונט איז ער אַריינגעקומען אין שטוב אַ מידער. יענ־טעלע האָט אים צוגעטראָגן די וועטשערע און קוקנדיק ערגעץ אין אַ זייט, האָט זי געזאָגט:

— היינט קום נישט צו מיר.

עס האָט זיך געעפנט די טיר און אַריינגעקומען איז דער פּאָ־טער, און נאַכמעלע האָט שוין נישט באַוויזן צו פרעגן ביי איר, פאַר־וואָס ער קאָן היינט נישט קומען. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט עליע־בער זיך געפּאָרעט, און פון צייט צו צייט געוואָרפן אַ בליק אויפן זון.

— נחמן — האָט ער געזאָגט — גיי שוין שלאָפן. אינדערפרי מוזטו ווידער אַרויספאָרן אין פעלד.

— אַ גוטע נאַכט — האָט געזאָגט נאַכמעלע און האָט הינטער זיך פאַרמאַכט די טיר פון אַלקער.

לאַנג איז ער געלעגן אויפן בעט און געקוקט אין פענצטער אַריין. דער ווינט האָט געטרייסלט מיט אַ נאַקעטער צווייג פון עפּלבוים און אין די שויבן האָבן געקלאַפּט טראָפּנס פון הארבסטיקן רעגן.

דערנאָך איז עליע־בער אַריינגעקומען און נחמן האָט צוגעמאַכט די אויגן. אָבער געזען האָט ער אין דער פינצטערניש, ווי דער פּאָ־טער בייגט זיך אָן איבער זיין געלעגער און שטייט אַזוי אַ ווײַלע אי־בער אים. דערנאָך האָט דער פאָטער אראָפּגענומען די שטיוול און שטילערהייט איז ער באָרוועס אַרויסגעגאַנגען פון אַלקער. און דער זון האָט געהערט זיינע שטילע פאָרזיכטיקע טריט, און ער האָט אויך דערהערט, ווי עס סקריפּעט די טיר פון יענטעלעס קעמערל און ער האָט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס ער האָט היינט נישט געטאָרט קומען צו איר. עס איז אים פּלוצים געוואָרן זייער קאַלט און ער האָט אָנגעהויבן צו ציטערן, כאָטש דאָס פּנים האָט ביי אים געברענט ווי פייער.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון געלעגער און פאָרזיכטיק, ווי אַ גנב, איז ער אַרויס פון דער קיך. צוגעטוליעט צו דער וואַנט האָט ער געציטערט פון אויפרעגונג און קעלט. דורך דער הילצערנער וואַנט האָט ער געהערט שטילע רייד און ער האָט דערקאָנט דעם פאָטערס רייד, און אויך די שטילע ווערטער פון יענטעלען.

— פארלעש דעם לאָמפּ...

און די שמאָלע ווי א שפּיז פּאסמע ליכט, וואָס האָט זיך דורכ־געגנבעט דורך דער שפּאַרע פון דער טיר, איז אויסגעלאָשן געוואָרן, און ער האָט געהערט זייער אָטעם און איר שטילן געשריי. און ווען זי האָט אָנגעהויבן צו וויינען האָט נחמן פאַרשטעקט די אויערן, אָבער אין א ווײַלע אַרום איז ער ווידער געשטאַנען ביי דער טיר און אונ־טערגעהערט.

— זיי שטיל, יענטעלע — האָט געזאָגט עליע־בער — וויין נישט.

— פאַרוואָס? — האָט געכליפּעט די יתומה — פאַרוואָס קומט מיך צו שלאָגן.

— פאַרוואָס? — האָט געפרעגט דער ארענדאַר — איך ווייס אליין נישט פאַרוואָס. אפשר דערפאַר, ווייל איך האָב דיך ליב. פריער בין איך שטענדיק געווען א גוטער מענטש. קיינעם האָב איך נישט געשלאָגן, און דיך מוז איך שלאָגן.

— פאַרוואָס? — האָט זי ווידער געפרעגט.

— די גאַנצע רו האָסטו מיר אַוועקגענומען, די גאַנצע מנוחה. נו, שריי שוין נישט און וויין נישט. דיר האָט עס נישט אַזוי ווי געטאָן און מיר איז איצט א ביסל לייכטער.

דער זון האָט זיך אומגעקערט און איז שטיל אַריין אין אַלקער. ער האָט זיך געוואָרפן אויפן געלעגער, פאַרנורעט דאָס פּנים אין קישן און לאַנג אין דער נאַכט אַריין געוויינט, און אפילו נישט געהערט ווען דער פאָטער איז אַריינגעקומען.

ו.

צוגעפאַלן איז דער ווינטער מיט שנייען און זאַווערוכעס, מיט לאַנגע אָוונטן און טונקעלע פאַרכמאַרעטע טעג. עליע־בער דער ארענ־דאַר האָט פאַרבראַכט די טעג אין דער קרעטשמע — ער האָט פאַר־קויפט בראָנפן און געטרונקען בראָנפן צוזאַמען מיט די פּויערים, צו־זאַמען מיט זיי האָט ער געשיכורט און אין זיין אָפּן געזיכט האָט זיך עפּעס געענדערט. געענדערט האָט זיך זיין אָפענער שמייכל, ער איז געווען ערנסט און פאַרביסן. ער האָט געשוויגן און אין זיינע אויגן האָט זיך פאַרנעסטיקט א טריבער אומעט.

פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך פארמאכן אין דעם אלקער און נישט ווייזן זיך אין דער קרעטשמע א טאג אדער צוויי, און דעמלט איז ער געזעסן און געזאגט תהילים פון אינדערפרי ביז צום אוונט. עס האט אויך אמאל געטראפן, אז ער האט זיך אויסגעקליבן אין שטעטל אריין און ער איז דארט פארבליבן גאנצע צוויי וואכן — ער האט מנדר געווען מיט די אייגענע הענט אויפצושטעלן א וואנט אין דעם נייעם בית־המדרש, וואס די שטעטלשע קהילה האט געבויט אויפן ארט פון דער אלטער שול, וועלכע איז פארברענט געווארן מיט א צייט צוריק.

ווען ער פלעגט אבער ווידער אריינקומען אין דער קרעטשמע, האט אים ווייטער געצויגן דער ביטערער טראפן, און וועלכן ער האט געפרווט דערטרינקען זיין ביטער געמיט.

רבקה די ארענדאריכע איז ארומגעגאנגען אין שטוב א שווייגנ־דיקע און צעבראכענע — אירע אויגן און איר הארץ האבן געפילט, אז עפעס ארום איר פארוועבט זיך מיט א נעץ. זי האט געפרווט פאר־טרייבן מיט א ווארט און מיט א שמייכל די דאזיקע שווייגעניש, וואס האט געהערשט אין שטוב, אבער עס איז איר נישט געלונגען. נחמן האט זיך געפארעט ביי דער באלעבאטישקייט און עס האט זיך איר אויסגעוויזן, אז דער בן יחיד אירער דערווייטערט זיך פון איר, און אז נאך מער דערווייטערט ער זיך פון זיין פאטער, און בשום אופן האט איר פראסטע נשמה נישט געקאנט פארשטיין, וואס עס קומט פאר אין דער שווייגעניש צווישן דעם פאטער און זון.

און יענטעלע, די שיינע יענטעלע, וואס רבקה האט איר ליב באַ־קומען ווי אן אייגן קינד, און נישט איינמאל האט זי שוין געטראכט וועגן א שידוך פאר איר — יענטעלע וואלט געווען א גוטע שנור פאר רבקהן און א גוטע פרוי פאר נאכמעלען — אויך זי, די ארעמע יתומה איז אפט ארומגעגאנגען מיט אויגן רויטע און פארוויינטע.

— יענטעלע — האט געפרעגט די ארענדאריכע, ווען זיי זענען אמאל געבליבן אליין אין קיך — ביסט חס ושלום נישט קראנק, יענ־טעלע?

אבער יענטעלע האט נישט באוויזן צו ענטפערן, ווייל פון דער קרעטשמע איז אריינגעקומען דער באלעבאס. האלב־שיכור איז ער

געווען, און מיט דער ציטערנדיקער שטימע האָט ער געזונגען אַן אַלטן ווילנער זמר:

„האָט עץ געהערט, וואָס עס האָט זיך געטראָפן?
די זבאָרעווער רביצין איז מיט אַ שייגעץ אַנטלאָפן...

אָבער זיין שטים האָט זיך געפּלאָנטערט און געפּלאָנטערט האָבן זיך זיינע פיס, און מיט אַ וואָרף געלעכטער האָט ער זיך אַנידער־געוואָרפן אויפן געלעגער.

— יענטעלע — האָט געזאָגט די באַלעבאָסטע — גיי אַריין אין קרעטשמע, מען וועט דאָך דאָרטן צעגנבענען...

אָבער יענטעלע האָט נישט געוואָלט אַריינגיין אין קרעטשמע, ווייל זי האָט געוווסט, אַז נחמן שטייט שוין דאָרט ביים פּרילאַוועק, און זינגט יענער פינצטערער נאַכט, ווען די באַלעבאָסטע איז געפאָרן אויף קבר אבות, האָט זי מיט נחמנען נישט פאַרברענגט קיין איין מינוט אונטער פיר אויגן. אויסגעמיטן האָבן זיי זיך, כאָטש זייערע אויגן האָבן זיך געזוכט בייטאָג און ביינאַכט, און זייערע הערצער האָבן געבענקט צו זיך, און געגאַרט.

יענטעלע איז שוין איצט נישט געשלאָפן אין קאַמער, ווייל קאַלט איז דאָרט געווען. אין קיך איז זי געשלאָפן און ביינאַכט פלעגט רבקה הערן אַ שטיל געוויין פון דער יתומה.

ז.

געקומען איז דער פרילינג, דער געבענטשטער און גרינער, און אויף די הערצער איז אַ ביסל גרינגער און פרייִלעכער געוואָרן. מען האָט די פעלדער פאַראַקערט און פאַרזייט, און איידער מען האָט זיך אומגעקוקט, האָט די גרינקייט אָנגעהויבן צו שפּראָצן פון דער ערד און רעגנס זענען געפאַלן וואַרעמע, און אַ גערעטעניש האָבן פאָרויס־געזען די אַלטע פויערים לויט אַלע סימנים אויפן הימל און אויף דער ערד. און איידער מען האָט זיך אומגעקוקט איז געקומען שבועות, און עליע־בער איז אַרויסגעגאַנגען צום וועג מיט אַ לייטער און מיט אַ האַק און האָט געבראַכט די שענסטע צווייגן פון ליפּעס און קאַש־

טאַנעס און האָט שיין באַצירט דאָס הויז. און די פּויערים האָבן גע־וווּסט, אַז די קרעטשמע וועט צוויי טעג זיין פאַרמאַכט, האָבן זיי זיך אָנגעגרייט יעדער אַ קווערטל ביטערן טראָפּן, בכדי נישט צו שטערן דעם קרעטשמער, ווען ער וועט אָפּריכטן זיין יום טוב.

און דער זומער איז געווען אַ זוניקער און הייסער, איז די תבואה שנעל געוואַקסן, שנעל רייף געוואָרן, און שוין איז געקומען די גע־בענטשטע צייט פון שניט, אויף וועלכער עס וואַרטן די באַלעבאַטים אַ גאַנץ יאָר, ווייל דאָס איז דאָך די צייט פון לוין, וואָס קומט נאָך לאַנגע חדשים אַרבעט.

און טאַקע אין שניט־צייט האָט יענטעלע געבוירן אַ טאָכטער. און געשען איז עס אַזוי אומגעריכט און גיך, אַז מען האָט נישט באַוויזן צו רופן די הייבאַם.

דער טאָג איז געווען אַ זוניקער, אַ בלויער. דאָס געזאַנג פון פייגל האָט זיך געטראָגן איבער די פעלדער, געשמעקט האָבן די געטריקנטע בינטלעך ווייץ.

יענטעלע איז געשטאַנען אויף דער בייט מיט דעם סערפּ אין דער האַנט. און לעבן איר זענען געשטאַנען נאָך עטלעכע פרויען, געדונגענע אַרבעטאָרינס, און כאָטש זי איז געווען אַ שטעטלשע, איז זי דאָך נישט געבליבן הינטערשטעליק. און אויף דער צווייטער בייט האָט מיט גרויסע, פאַוואָליעדיקע טריט און מיט באַוועגונגען ברייטע און קרעפטיקע געררוקט זיך פאָרוים עליע־בער מיט דער קאָסע אין דער האַנט, און נאָך אַ יעדן טראָט האָט זיך אים געלייגט צו די פיס אַ כוואַליע פון רייפע, גאָלדענע זאַנגען.

פּלוצים האָט יענטעלע אַוועקגעלייגט דעם סערפּ און איז צוגע־לאָפן צו דער מיעזע. אויף אַ ווייצענעם בינטל האָט זי זיך אַוועקגע־לייגט, און ווען די פּויערטעס האָבן דערהערט איר געוויין און געשריי, זענען זיי צו איר צוגעלאָפן, און אייניקע האָט זיך געלאָזט אין דאָרף אַריין נאָך הילף, אָבער זי האָט זיך אומגעקערט, ווייל איבער די ברייטע פעלדער האָט זיך שוין דערהויבן דאָס דינע געשריי פון דעם נייגעבוירענעם.

יענטעלע איז צוגעגאַנגען אהיים מיט די אייגענע כוחות. דאָס קינד האָט געטראָגן אייניע פון די פּויערטעס. אין קיך און אין אַלקער זענען אַרומגעלאָפן די שכנות, יעדע האָט געהאַט אַן אַנדערע עצה און

יעדע האָט געוואָלט העלפן. און רבקה די ארענדאַריכע איז ארומגע־גאנגען פון איין ווינקל צום צווייטן און געריסן זיך די האָר פון קאָפּ:

— אזא חרפּה! — האָט זי געוויינט און געיאָמערט — אַזאַ בי־טערע חרפּה!

עליע־בער איז געבליבן אויפן פעלד. און ווען נחמן האָט איינגע־שפּאנט דאָס פערד, בכדי צו פאָרן אין שטאָט אריין נאָך א דאָקטער, האָט ער געזען דעם פאָטערס קרעפטיק און ברייט געשטאַלט, וואָס האָט פונדערווייטנס אויסגעזען ווי א דענקמאָל. און אין דער דאָזיקער מינוט האָט דער זון אפשר צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געטראַכט וועגן פאָטער מיט האַס.

נאכמעלע איז אַוועקגעפאָרן אין שטעטל אַריין, און יענטעלע איז געלעגן אין אלקער א בלאַסע — פונקט אַזוי בלאַס איז זי איצט געווען, ווי דעמאָלט, ווען זי האָט צום ערשטן מאָל איבערגעטראָטן די שוועל פון דער קרעטשמע און ארום איר האָבן זיך איצט געפּאָרעט די דאָר־פישע פרויען. זיי האָבן געבראַכט וואַרעם וואַסער, צוזאמענגענומען אין די ווינקלען שפּינוועבס, געזוכט פארשימלט ברויט. זיי האָבן גערעדט הויך און א סך — מען האָט יענטעלען נישט געקאָנט מוחל זיין, וואָס קיינער האָט נישט געוווּסט וועגן איר אומשטאַנד, אַזוי שמאָל איז זי שטענדיק געווען אין די לענדן און שטענדיק, ביז צום געבורט האָט זי געאַרבעט, און קיינמאָל האָט מען זי נישט געזען מיט קיין שום מאַן.

און יענטעלע איז געלעגן אויפן בעט א שוויגנדיקע און בלאַסע, א שטילע און שוין א ווייטע.

נאָך דעם זעלבן טאָג האָט נחמן אָפּגעפירט די געשטאָרבענע יענ־טעלע אין שטעטל אַריין, צו דעם זעלבן קברן, וועלכער האָט מיט עט־לעכע יאָר צוריק באַגראָבן דעם פעטער יונהן פון שראנקן.

די ארענדאַריכע איז פאַרבליבן אין שטוב און פאַרנומען זיך מיטן קינד. עליע־בער האָט זיך צוגעקוקט און געזאָגט מיט א שמייכל:

— מילא, ס'וועט זיך אונטערכאָוועז, וועט זיין א הילף אין שטוב.

און דעמאָלט האָט רבקה א קוק געגעבן אויף זיין געזיכט און זי האָט אין זיינע אויגן דערזען א פונק, וואָס איז איר נישט געפעלן.

— ניין — האָט זי געענטפערט — איך וועל קיין ממזרים נישט כאָוועון.

— ס'איז דאָך א קינד — האָט געזאָגט עליע־בער — וואָס איז דאָס קינד שולדיק.

— כ'וועל עס מאָרגן אָוועקפירן אין שטעטל. זיי האָבן א יתומים־הויז, זאָלן זיי עס נעמען.

און מער האָט מען שוין וועגן דעם נישט גערעדט.

שפּעט אין דער נאַכט איז נחמן צוריקגעקומען פון שטעטל. אין שטוב האָט נאָך געלויכטן דאָס געלע נאַפט־לעמפּל און אין קרעטשמע איז געזעסן אליין, ביי פארמאכטע לאָדנס עליע־בער און האָט גע־טרונקען פּראָסט פון דער פלאַשקע — ער איז שוין געווען באַזויפט און נאַכמעלע האָט געהערט זיין שיכורע שטים:

„— האָט געהערט, וואָס עס האָט זיך געטראָפן...“

ח.

ביז צום ווינטער איז יענטעלעס קבר פאַרוואַקסן געוואָרן מיט ווילד גראָז. קיין מצבה האָט מען איר נישט געשטעלט, וויל ווער האָט עס געזאָלט טאָן? איבעריקנס וואָס איז דען דער דאָזיקער שטיין? יענ־טעלע האָט דאָך געלעבט — אין איר קליין טעכטערל האָט זי געלעבט, אין איר קינד, וואָס האָט אויך געהייסן ווי זי — יענטעלע. און אויך אין נחמנס געדעכעניש האָט זי געלעבט, וויל נישט אויפגעהערט האָט ער וועגן איר צו טראַכטן.

ווען עס האָט זיך געשטעלט דער ווינטער און געמאַכט האָט זיך א שליטוועגס, האָט נחמן געזאָגט צום פאָטער:

— די תבואה איז שוין אויסגעדראָשן, קיין גרעסערע אַרבעט איז שוין איצט נישטאָ. איצט קאָן איך שוין פאָרן.

— וווּ ווילסטו פאָרן? — האָט געפרעגט דער פאָטער — אויף מיין עלטער ווילסטו מיך איבערלאָזן?

— כ'וועל פאָרן אין שטאָט אריין — האָט ער געענטפערט — אפשר וועל איך דאָרט באַגליקן.

— און איך? — האָט זיך צעוויינט די מוטער — וואָס וועל איך טאָן אָן דיר?

עליע־בער האָט געקנייטשט דעם שטערן און מיט אַ האַרטער שטימע האָט ער געזאָגט:

— פאַרהאַלט אים נישט, אויב ער וויל פאָרן...

אָבער זיין קול האָט געציטערט און געציטערט האָבן זיינע גרויע וואָנצעס.

זיי האָבן זיך געזעגנט מיט קארגע קורצע ווערטער, כאָטש גע־וויינט האָבן אין זיי אַלע אברים.

— ווען וועסטו קומען? — האָט געפרעגט רבקה. — וועסט קומען אויף פּסח?

— יאָ, מאַמע. כ׳וועל קומען אויף פּסח.

געוווסט האָבן זיי, אַז ער וועט נישט קומען.

אײנטאָגיקע ליבע

זי איז נישט געווען קיין שײנהײט. פאַרקערט — זי האָט געהאַט אַ ברײט און אָפן פּנים, מיט ראָזעווע עטװאָס צו פולע באַקן, מיט אַ נידעריקן שטערן, װאָס איז געװען אַרומגעװעלבט מיט אַ כוואַליע לױטערע האָר. און דאָך איז אין איר געװען עפּעס, װאָס האָט צוגעצױגן מײן בליק, מײנע חושים. דאָס זענען זיכער געװען אירע אױגן, װאָס האָבן געקוקט מיט אַזאַ מין צוטרױ, מיט װעלכן עס קוקן קינדער, װעלכע זענען נאָך נישט געפּרוּװט געװאָרן און האָבן נאָך נישט קײן שום גרעסערע דערפאַרונג. און אױך דער שמײכל אירער, װאָס האָט זיך געבלאָנקעט אױף אירע ליפּן, אַ שמײכל — האָב איך געטראַכט — װאָס אַנטװאָפנט, מיט אַזאַ שמײכל קאָן מען זיך באַװעגן נישט נאָר צװישן פרעמדע מענטשן, נאָר אַפילו צװישן װילדע בעסטיעס קאָן מען מיט אים דורכגײן אָן שום געפאַר.

און דאָך האָב איך פאַרשטאַנען, אַז פאַר אַ שװאַך באַשעפעניש — און זי איז דאָך געװען אַ שװאַכע און צאַרטע, כאָטש אױסגעזען האָט זי אַזױ פּשוט — איז דער שמײכל אַ גאַנץ קלײנע שוץ פאַר געפאַרן. דעריבער האָב איך געקוקט אױף אירע פיס: צי זענען זײ נישט באָרװעס? און אױף די פיס פון די דורכגײער האָב איך געקוקט מיט אומרו, אױף די באַשטיװלטע פיס האָב איך געקוקט און געטראַכט: צי װעלן זײ איר נישט אָנטאָן קײן װײטיק?

זי האָט געהאַט גרױסע פולע ברוסטן, די דאָזיקע יונגע פרױ, און ברײט איז זי געװען אין די פּלײצעס און אין די לענדן, און אױך האַנטפלאַכן האָט זי געהאַט גרױסע, מיט דיקע רױטע פינגער, דיקע און רױטע פון דער אַרבעט — איך האָב ליב געהאַט אַזעלכע האָרעפּאַשנע הענט אַפילו בײ פרױען, אַזעלכע הענט זענען מיר שטענדיק געװען נעענטער און אײגענער, װײל איך אַלײן האָב אױך שװער געאַרבעט

און האָב תמיד געפֿילט אַ האַס צו העטלער, וואָס זענען געווען צאַרט, ווייל זיי האָבן קיינמאָל גאָרנישט געטאָן.

איך געדענק שוין נישט מיט וואָס פֿאַר ווערטער איך בין צו איר צוגעגאַנגען. איך האָב זי אָנגענומען ביי דער האַנט און אין האַרץ האָט ביי מיר געציטערט יענע שעמעוודיקע האָפֿענונג, אַז...

שטענדיק האָב איך געטראָגן אין האַרצן די דאָזיקע האָפֿענונג, די דערוואַרטונג און זיכערקייט, אַז אין אַ געוויסן טאָג וועל איך זי באַגעגענען, אַז אין אַ געוויסן טאָג וועל איך ע מ ע צ ן באַגעגענען, און די דאָזיקע באַגעגעניש וועט זיין ווי אַ נס, וואָס געשעט איינמאָל אין אונדזער לעבן.

אין בין געגאַנגען לעבן איר שווייגנדיק און אויך זי האָט געשוויגן. און אַרום אונדז איז געווען אַ וועלט פֿון פֿרעמדע מענטשן און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אַרום אונדזערע פֿיס און אַרום אונדזערע לענדן שווימט אַ טיפֿער טייך און מיר טרעטן אויף אַן אינדזל, אַליין זענען מיר, אַליין ווי אדם מיט חוהן.

— מיר מוזן גיין שנעל — האָט איך צו איר געזאָגט מיט אַ דערשטיקטער שטימע — מיר מוזן גיין גיך, בכדי אָפּצוראַטעווען דעם דאָזיקן איינציקן נאָכמיטאָג, דעם דאָזיקן איינציקן טאָג, אויף וועלכן מיר האָבן געוואַרט אַ גאַנץ לעבן.

זענען מיר געגאַנגען גיך, מיר האָבן הינטער זיך איבערגעלאָזט די שטאָט, די פֿאָרשטאָט, און שפּעטער די גערטנער און פֿעלדער — און איך האָב נאָך אַלץ נישט געוווּסט איר נאָמען און אפֿילו נישט דעם קלאַנג פֿון איר שטימע. אין דער דאָזיקער אומוויסנקייט איז געווען די זיסקייט פֿון דערוואַרטונג, דער אומרו פֿון האָפֿענונג.

דערנאָך האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ הויכן שטיינערדיקן באַרג, אונטן, אונטער אונדזערע פֿיס איז געשוואומען אַ טייך. די יונגע פֿרוי האָט אַלץ נאָך געשוויגן. און פּלוצים, אין אַ געוויסער מינוט האָב איך דערקאָנט אין איר בליק און אין איר שמייכל אַ געוואַלטיקע ענדערונג. עס איז געווען אַזוי, ווי איך זאָל געווען זען פֿאַר זיך דעם גאַנצן פּיין פֿון מענטשלעכן מין — שוצלאָזיקייט, פּחד, וואָס האָט זיך פֿאַרמאָסטן מיטן צוטרוי, און אויך אַ שטילער שטומער פֿאַרוווּרף, אַ געשריי, וואָס איז געווען געווענדעט צו מיר און קעגן מיר, און אפֿשר — קעגן דער גאַנצער וועלט? עס איז מיר געוואָרן אומעטיק און שווער אויפֿן האַרצן, איך האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגן. איך האָב שוין איצט

באַדויערט יענע עטלעכע צאַרטע ווערטער, וואָס איך האָב איר געזאָגט. איך האָב מיך פאַרמאַכט אין זיך פאַר דעם דאָזיקן בליק אירן, שולדיק האָב איך מיך דערפילט...

באַלד האָב איך דערהערט איר געשריי, און נאָך איידער זי איז שטיל געבליבן, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אַזוי שרייט אַ מענטש, ווען ער געפינט זיך אין אַ געפאַר. און איך האָב די דאָזיקע געפאַר פאַרשטאַנען. פון איין זייט איז געווען דער אָפּגרונט, אונטן האָט זיך געשוואָרצלט די טיפעניש פון וואַסער, און פון דער צווייטער זייט בין איך געשטאַנען און זי איז געווען אַליין, אַליין קעגן הימל און קעגן ערד, אַליין ביים אָפּגרונט פון טייך. אַליין אַנטקעגן אַן אומבאַקאַנטן מאַן, וואָס האָט געציטערט פון ליידנשאַפט און פון גיריקייט — איך האָב דאָך זי באַגערט און זי האָט עס געפילט, זי האָט עס געמוזט פילן, און אפשר האָט זי אַליין אויך באַגערט דעם דאָזיקן פרעמדן מענטש... איר געשריי איז געווען שאַרף און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך וועל משוגע ווערן פון שרעק, אויב זי וועט נישט שטיל ווערן.

איך האָב זי אָנגעכאַפּט ביי די הענט און אַוועקגעצויגן פון ברעג. שווער אָטעמענדיק, האָט זי געזאָגט:

— די דאָזיקע טיפעניש... די שרעקלעכע טיפעניש פונעם טייך. קום מיט מיר ווייטער, איך וויל דאָ נישט זיין. וויפל מאָל איך שטיי ביי אַ וואַסער, פיל איך דאָס זעלבע... עס ווילט זיך מיר אַריינשפּרינגען אין דער טיפעניש און שווימען, שווימען... גיב מיר צו פאַרשטיין, אפשר ווייסטו פאַרוואָס איז עס אַזוי?...

עפּעס איז אין מיר פאַרשטיינערט געוואָרן, עפּעס איז אין מיר פאַרקילט געוואָרן. איך האָב פאַר איר מורא געהאַט און איך האָב מורא געהאַט וו ע ג ן איר. שטענדיק האָב איך געפילט אַ פּחד פאַר מענטשן, וואָס האָבן נישט געוואָלט לעבן, אַפילו ווען איך האָב געוווסט, אַז זייערע פינצטערע ווערטער און געדאַנקען זענען נישט מער ווי פּאָזע, ווי לירישער ליגן.

איך האָב זי שוין איצט נישט באַגערט. אין אירע גרויסע בלויע אויגן האָב איך דערזען אַ פונק פון משוגעת. און אפשר האָט זיך מיר אַזוי געדאַכט בלויז?

— פאַרוואָס קוקסטו אויף מיר אַזוי מאָדנע? — האָט זי געפרעגט.

און זי האָט אירע שווערע האַרעפּאַשנע הענט אַוועקגעלייגט אויף מיינע אַקסלען.

— דו ביסט אַזוי שיין — האָט זי געזאָגט — דיך וואָלט איך געקאָנט ליבן א לעבן־לאַנג.

איך האָב געשוויגן. יענע איינציקע מינוט פון שרעק, פון א י ר שרעק, ווען זי איז געשטאַנען מאַכטלאָז צווישן מיר און צווישן דעם אָפּגרונט — צי וועל איך קיינמאָל יענע מינוט נישט קאָנען פאַרגעסן?

— זאָל זיין אַזוי, ווי דו ווילסט — האָט זי געזאָגט, ווען איך האָב געפרעגט, צי זי וויל שוין אהיימגיין — דערפאַר בין איך דאָך געקומען, ס'זאָל זיין אַזוי ווי דו ווילסט. אויב דו ווילסט, וועל איך גיין און זיך וואַרפן אין וואַסער אַריין. און אויב דו ווילסט, קאָן איך בלייבן און זיין דיינע. איך זע דאָך, אז דו ווילסט מיך. דו קוקסט אויף מיינע קני. און ציטערסט, איך זע עס. און איך ציטער אויך, ווייל איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט צו קיין מאַן. איך בין שוין נישט אַזוי יונג, דאָס לעבן אַנטלויפט, און איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געקאָנט זיך אַנטשליסן... איך האָב מורא דערפאַר. און דו ביסט דער ערשטער, דער ערשטער אין מיין לעבן, וואָס כ'האָב פאַר אים נישט קיין מורא.

זי האָט זיך צעלאַכט מיט א הויכן געלעכטער, און איך האָב נישט געוווּסט, צי איז עס א פריידיק געלעכטער, צי אַן אויסגעלאַסענער אומפאַרשעמטער געלעכטער. היינט, נאָך אַזויפיל יאָרן וואָלט מיך שוין דער דאָזיקער געלעכטער נישט געאַרט, ווייל גערן הער איך היינט יעדן געלעכטער, אויב ער באַטייט נישט קיין שפּאָט. אָבער דעמלט...

דעמלט בין איך נאָך געווען יונג און נישט דערפאַרן. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אין דער דאָזיקער שעה פון בין השמשות איז נישט פאַראַן קיין אָרט פאַר געלעכטער און אפילו נישט פאַר א הויך וואָרט. אַן אומעט האָט מיך אַרומגעכאַפּט, און איך האָב איינגעגנורעט דאָס פּנים אין די האַנטפלאַכן.

— אָ, אויך דו קאָנסט זיין אומעטיק — האָט זי געפליסטערט — ווי גוט, וואָס אויך דו קאָנסט זיין אומעטיק...

זי האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן גראָז. זי איז שוין איצט געווען גאַנץ רואיק און באַהערשט, און אָנבויגנדיק זיך צו מיר האָט זי לייכט געקושט מיין שטערן.

— איך ווייס שוין — האָב איך געהערט איר הייסן פליסטער — איך ווייס שוין איצט פאַרוואָס עס האָט מיך צו דיר אַזוי געצויגן. דיין אומעט האָט מיך געצויגן.

אין שטאָט אַריין זענען מיר ווידער געגאַנגען שווייגנדיק — איצט האָב איך שוין געקאָנט דעם קלאַנג פון איר שטים, כאָטש כ'האָב וויטער נישט געוווסט (און איך האָב שוין אפילו נישט געוואָלט וויסן) איר נאָמען, און נישט ווער זי איז.

מיר זענען געגאַנגען מיט פעלדיקע וועגן, ביים שיין פון דער לבנה. באַגלייט האָט אונדז דער כאָראַלער געשריי פון די זשאַבעס.

איך האָב זי געפירט ביי דער האַנט, געפילט לעבן זיך די וואַרעמקייט פון איר אומגעדולדיק, צאַפּלדיק לייב. און אין די געדאַנקען האָב איך צו איר גערעדט צאַרט און מיט ליבשאַפט: „איך דאַנק דיר, איך דאַנק דיר פאַר דעם דאָזיקן טאָג, וואָס איז געווען פול מיט דערוואַרטונג. איך דאַנק דיר פאַר דער דערוואַרטונג פון א נס, וואָס איז נישט מקוים געוואָרן, און אויך דערפאַר דאַנק איך דיר, וואָס שטייענדיק ביים אָפּגרונט, האָסטו דאָך מיך אויסגעקליבן און נישט די שוואַרצע טיפקייט פון טייך“.

ביים געזעגענען זיך האָב איך געקוקט אויף איר פּראָפיל, אויף די שטריכן פון איר פנים און אויף דער ליניע פון איר לייב. באַקאַנט האָט זי זיך מיר אויסגעוויזן, אַזוי באַקאַנט ווי מיר וואָלטן געווען צואמען זינט לאַנגע, לאַנגע יאָרן...

דערמאָנונגען פון אַן אַלטן קאָמיוואָיאַזשאָר

יעדער מענטש האָט זיינע דערמאָנונגען, בפרט א קאָמיוואָיאַזשאָר, און דערצו נאָך אַזאַ, ווי איך בין אַמאָל געווען — א קאָמיוואָיאַזשאָר לויטן אינערלעכן באַרוף, אָן אומרואיקע נשמה.

פאָר איך מיר אין וואַגאָן דריטע קלאַס פון א געוויינלעכן שלעפּצוג. איך זיץ ביים פענצטער און אין די געדאַנקען האָב איך פול קללות. בייז בין איך ווי א שד און שווייגנדיק, מיט פארביסענע ציינער באַטראַכט איך מיר די גאַנצע געזעלשאַפט, וואָס זיצט אַרום מיר אין דעם איבערגעפולטן וואַגאָן. ער, פארוואָס מוזן זיי זיך שלעפּן פון איין סטאַנציע צו דער צווייטער, פון איין וואָקזאַל צום צווייטן?... אפשר קאָן מיר ווער זאָגן, פאַרוואָס מענטשן רייזן אַזויפיל? פאַרוואָס זיצן זיי נישט אינדערהיים? איך שווער אייך — ווען איך זאָל האָבן אַ שטוב, א דאַך איבערן קאָפּ, א קאַפּעלע עקזיסטענץ — מיט א שטעקן וואָלט איר מיך פון דער היים נישט אַרויסגעטריבן. איך בין שוין היינט אַלט עפּעס מער פון אכצן יאָר און עס זענען שוין פאַרביי יענע צייטן, ווען איך פלעג ציטערן ווי א פיש, בעת איך האָב נאָר דערהערט דאָס פייפן פון א לאָקאָמאָטיוו. און לאַנדשאַפטן פאַרשיידענע האָב איך אויך שוין געזען א סך, און איך האָב מיך שוין אויפגעהערט צו אַנטציקן מיט זיי. געזען האָב איך גרויסע שטעט און קליינע שטעטלעך, אַזעלכע ווי אויף די בילדער פון מאַרק שאַגאַל. און קליינע דערפלעך האָב איך געזען, דערפלעך צוגעקלעפּטע צו די שטיינערדיקע ברעגן פון די קארפּאַטן-בערג. און אומעטום זענען די זעלבע מענטשן, אומעטום דער זעלבער געיעג נאָך א שטיקל ברויט, די זעלבע זאָרגן, כאָטש אין אַנדערע ווערטער אָנגעקליידט. ניין, איך וויל שוין נישט רייזן, איך פאַרטראָג שוין נישט דאָס דאָזיקע שטענדיקע וואַנדערן פון איין אָרט אויפן צווייטן. איך האַס שוין דעם דאָזיקן אופן פון לעבן. איך בענק נאָך רו. איך האָף און איך וויים: אין אַ געוויסן טאָג וועל איך ערגעץ אויסשטייגן, אפשר

וועט עס זיין א קליין שטעטל און דאָרט וועל איך מיך באַזעצן אויף שטענדיק. איך וועל לעבן מיט א פרוי, מיט א יי ן פרוי — געווים וועל איך זי אמאָל באַגעגענען, ווייל שוין היינט זע איך זי אין מיינע געדאַנקען: א הויכע, גוט געבויטע פרוי, מיט געזונטע ראָזעווע אָרעמס, מיט א לאַכעדיק געזיכט. איך זע: זי שטייט אָנגעבויגן ביים טיש און קנעט ברייטלעך, קיילעכדיקע שמעקנדיקע ברייטלעך, איך פיל דעם גערוך פון קימל און פון פרישע פלעצלעך מיט פוטער, און א וואַרעמקייט צעגייט מיר אין אַלע גלידער.

אַזוי טראַכט איך מיר, זיצנדיק אין וואַגאָן פון דער דריטער קלאַס, אין דעם שמוציקן קאַלטן וואַגאָן, מיט וועלכן איך שלעפּ זיך שוין א גוטע פּאָר שעה. אַזוי טראַכט איך מיר און איך וויים, אַז אין דעם דאָזיקן טראַכטן איז פאַראַן מער ליגן ווי אמת, ווייל סוף כל סוף איז דאָך גאָרנישט געשען, און דאָס לעבן איז נאָך נישט אַזוי שלעכט איך זאָל וועלן זיך אַוועקזעצן ערגעץ אין א קליין שטעטל, ווו די פרויען באַקן ברויט און זענען מכבד זייערע מענער מיט פרישע פלעצלעך מיט פוטער. איבעריקנס — אויב איך טראַכט אַפילו וועגן אייגער א פרוי, איז עס דאָך נישט יענע מיט די דיקע אָרעמס און מיט דער פלייצע ווי א לאָקשן־ברעט. יענע וועגן וועלכער איך טראַכט, זעט אויס גאָר אַנדערש...

דער צוג האָט זיך פאַרהאַלטן אויף א קליינעם וואָקזאַל. אין דרויסן האָט גערעגנט, די טראָפּנס אויף די שויבן האָבן אויסגעזען ווי טרערן. אויף די פּעראָנען האָבן זיך אַרומגעדרייט מענטשן אין גרויע קאַפּאָטעס, אין פּעלערינעס. איך האָב נישט געזען זייערע פּנימער און נישט זייערע אויגן. עס איז שוין צוגעפאַלן דער אָוונט.

איך האָב נאָך געפונען אין קעשענע א ביסל טאַבאַק און האָב פאַררויכערט. אויף א ווײַלע האָב איך פאַרגעסן, אַז איך בין הונגעריק און אַז איך האָב נישט קיין גראָשן געלט.

עס איז אַריינגעקומען דער קאָנדוקטאָר און האָט געמאָלדן, אַז צוליב א דעפּעקט וועלן מיר דאָ שטיין אומגעפער א האַלבע שעה.

די פּאַסאַזשירן האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויפן פּעראָן, צום בופעט און זענען צוריקגעקומען מיט פלעשלעך סאָדע־וואַסער און לעמאָניאַדע. זיי האָבן גענומען פּאַנאַנדערפּאַקן די רענצלעך און קוישלעך, און מיטאַמאָל האָט זיך דערפילט די אַטמאָספער פון א סעודה. ווער עס האָט געהאַט — האָט געגעסן האַרטע אייער, ווורשט מיט זעמל, ברויט מיט

קנאָבל און אַנדערע גוטע זאכן. עס האָט זיך געהערט א מליאסקען מיט די צונגען. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז זיי, די עסנדיקע, איילן זיך און אַז זייערע בייכער זענען טיף — א פּחד וויפל מען קאָן אין אזא בויך אַריינלאָזן פארשיידענע מאכלים!

איך בין געווען הונגעריק. מיט האַס האָב איך געקוקט אויף די אַרומיקע אומשולדיקע מענטשן און האָב זיך געחידושט, וואָס קיין איינער פון זיי האָט זיך נישט דערשטיקט מיטן עסן, פונקט פאַר־קערט — וואָס מערער זיי האָבן געגעסן, אַלץ לוסטיקער און שענער זענען געוואָרן זייערע געזיכטער. ווען זיי האָבן געענדיקט, זענען זיי געווען זייער צופרידן. מיט דער האַנטפלאך האָבן זיי אָפּגעווישט די ליפּן. און איך האָב געקוקט אויף זיי און האָב נאָך שטאַרקער גע־פילט מיין הונגער, דאָס היינטיש לעבן, וואָס איך פיר אויף דער ברייטער שיינער וועלט.

פון דער צווייטער זייט האָב איך מיך געפרווט טרייסטן. איך האָב געפרווט דערמאָנען זיך אלע מעלות פון מיין קאָמיוואָיאזשאָריש לעבן.

— דעם אמת געזאָגט — האָב איך געטראכט — איז דאָך גאָר נישט אַזוי שלעכט. איך בין א פרייער מענטש, א פרייער פויגל, א פּאסא־זשיר אָן באַגאַזש בין איך. איך בין צו קיינעם נישט צוגעבונדן, קיינער וואַרט נישט אויף מיר און איך בענק נישט נאָך קיינעם. דערפאַר איז די דאָזיקע פארנעפּלטע און פאררעגנטע וועלט אין א געוויסער מאָס מ יי נ ע. וויל ווען דער מענטש באַזעצט זיך שוין אויף איין אָרט — האָט ער שוין אויסגעקליבן די איינע מעגלעכקייט, וואָס איז אים באַשערט געווען. אָבער איך האָב נאָך גאָרנישט אויסגעווילט און די גאַנצע וועלט איז נאָך פאר מיר אָפן, מיט אלע מעגלעכקייטן.

אזוי האָב איך געטראכט אין יענעם אָרעמען און הונגעריקן בין השמשות.

— איך וועל כאַפּן א שפּאַציר אויפן פּעראָן — האָט זיך אָנגערופן מיין קאָלעגע — א ביסל לופט וועט גוט ווירקן אויף די נערוון...

און ער איז אַרויסגעגאנגען. דורך דעם פענצטערל האָב איך געזען זיין הויך און מאָגער געשטאַלט אין דעם אָפּגעריסענעם אַנצוג. א בראָד, ס׳ארא אויסזען דער דאָזיקער מענטש האָט געהאַט! מיט דעם דאָזיקן בעל דבר האָב איך זיך באַגעגנט צופעליק, ערשט מיט א פּאָר טעג צוריק. מיר האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן אין א לאַסט־וואגאָן — ביידע זענען מיר געפאָרן אָן בילעטן. איך האָב נאָך געהאַט א פּאָר גראָשן,

האָב איך אויף דער נאָענטסטער סטאַציע געקויפט א ברייטל און א ביסל פרוכט און האָב אים מכבד געווען. איך האָב אים וועגן קיין שום זאַך נישט געפרעגט און ער האָט מיך אויך נישט געפרעגט. איך האָב נישט די טבע צו ציען ווערטער ביי דער צונג, און אליין בין איך אויך נישט געגרן צו פיל צו דערציילן.

האָבן מיר אָנגעהויבן מיט דעם דאָזיקן קאָלעגע צוזאַמען צו רייזן איינמאָל האָבן מיר געמאַכט אן איבעררייס אין דעם מאַרשרוט. איך האָב צוויי טעג געאַרבעט אויפן וואָקזאַל, געלאָדן שווערע זעקלעך מיט צעמענט און ער איז ארומגעגאנגען שפּאַצירן, דער פריץ מישטיינס געזאָגט. דעם דריטן טאָג האָב איך אים געמאָלדן, אז איך פאָר צום ים, ווייל זומער פלעג איך אין יענע יאָרן שטענדיק פאַרברענגען ביים ים.

— צום ים... — האָט ער געזאָגט גלייכגילטיק — מעג זיין צום ים. פאַרוואָס דען נישט?

האָב איך שוין פאַרשטאַנען, אַז אזוי גיך וועל איך פון אים נישט פטור ווערן.

— מיין נישט, אז איך וועל אויף דיר האַרעווען — האָב איך אים געוואָרנט. — א מענטש מוז זיין זעלבשטענדיק, בפרט אזא מין פאַרשוין ווי דו, אָדער ווי איך...

— ניט געדייגעט... — האָט ער זיך אויף מיר אָנגעבייזערט — איצט האָב איך א שלעכטע צייט. עס פירט זיך מיר נישט און עס גייט מיר נישט. וואַרט אוים נאָך א טאָג, צוויי...

וועגן פרטים האָב איך נישט געוואָלט פרעגן און כ'בין נישט נייגעריק געווען צו וויסן. און אָט אַזוי האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אריין.

דאָס ערגסטע איז געווען דער הונגער. עס האָט מיר געשווינדלט פאַר די אויגן, דער קאָפּ האָט מיר געהאַלטן ביים פּלאַצן פאַר ווייטאָג און די געדערים האָבן מיר געשפּילט דעם טרויעריקסטן מאַרש פון אלע מאַרשן. ווויי, ווי הונגעריק בין איך געווען. עולם הבא וואָלט איך געווען פאַרקויפט פאַר א שטיקל אלטגעבאַקן ברויט...

אָבער א מענטש איז דאָך אן אינטעליגענט באַשעפעניש, שטענדיק זוכט ער זיך א טרייסט. א מענטש טראַכט, א מענטש חלומט, א מענטש קאָן זיך אַלץ אויסטייטשן אויף דער וואָר און אלץ דערגרייכן אין טרוים. דעריבער איז טאַקע אַזוי זיס און ווויל צו זיין א מענטש.

איך האָב אויסגעצויגן דעם קערפּער אויף דער באַנק, אַז די ביינער האָבן אַזש געטרעשטשעט, און האָב זיך אַריינגעלאָזט אויף די פאַרפּלאָנטערטע וועגן פון דערמאָנונגען — פּונקט ווי איצט, ווען איך האָב זיך געלאָזט כאַפּן אויף דעם האַמשיק פון אייער נייגעריקייט און דערצייל אייך דאָס אַלץ, כאָטש קיינמאָל האָב איך עס נאָך נישט דערציילט, ווייל איך האָב נישט ליב אַז מען פרעגט ביי מיר צופיל.

אַז איך בין געווען דעמלט הונגעריק — דאָס ווייסט איר שוין. אָבער ביי מיר איז עס דאָך נישט געווען קיין נייעס. נישט איינמאָל פלעג איך זיין הונגעריק, נישט איינמאָל פלעג איך נישט האָבן קיין דאַך איבערן קאָפּ. טיילמאָל פלעג איך מיר געפינען אַ נאַכטלעגער אין יענע מעלינעס פון די גרויסע שטעט, אין די קעלערס, ווו שפּעט אין אָוונט, אָדער נאָר אין דער האַלבער נאַכט קומען זיך צוזאַמען אָרעמע לייט און פאַרברעכערס (פּונקט ווי אָרעמקייט וואָלט אויך געווען אַ פאַרברעכן). איך האָב זיי באַטראַכט, איך האָב באַטראַכט זייער נויט און עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך בין שטענדיק גליקלעכער פון יעדן איינציקן פון זיי. יאָ, איך בין געווען אַ יאַט, וואָס האָט נישט מורא געהאַט נישט פאַר הונגער און נישט פאַר דעם גיהנום. אינדערפרי פלעג איך פאַרלאָזן מיין נאַכטלעגער. אויף דער שוועל, איידער איך האָב נאָך זיך פאַרמאַכט די טיר, פלעג איך זיך אומקוקן, בכדי אַרומצונעמען מיטן בליק דאָס טונקעלע אינעווייניק פון דער מעלינע, די אייזערנע בעטלעך, דעם טיש, דעם פאַרזשאַווערטן סאַמאָוואַר, ביי וועלכן עס האָט טאָג און נאַכט געוואַכט די אַלטע באַלעבאָסטע, וועלכע איז ענלעך געווען צו אַ הונדערטיאָריקער סאָווע. בלויז איין נאַכט, אַ פאַרבראַכטע אין דעם דאָזיקן קעלער, און שוין פיל איך אָן אומרו: ווער וועט דאָ קומען מאָרגן? ווער וועט וועמען שלאָגן? ווער — וועמען באַגנבענען? און ווער וועט אויף וועמען רחמנות האָבן? און באַלד פלעגט קומען די תשובה: מענטש, סאַראַ אונטערשייד איז דיר וואָס דאָ וועט פאָרקומען? די וועלט איז גרויס, מען דאַרף נאָך דאָ און דאָרט אַ קוק טאָן, מען דאַרף נאָך עפּעס זען, ווייל עס איז דאָך אַ ליגן, אַז אַלע לאַנדשאַפטן זענען די זעלבע און אַז אַלע מענטשן זענען די זעלבע... דאָס איז דאָך אַ ליגן. אַזוי פלעג איך צו מיר זאָגן, און פלעג זיך אַרויסלאָזן אויף דער ליכטיקער גאַס. און וויפל מאָל דאָס איז געווען אַ נייע גאַס, אָדער אַ נייע שטאָט, האָב איך געפילט אַ מאָדנעם קיצל אין האַרצן. איי, ווי ליב האָב איך געהאַט צו שפּאַנען

אויף אומבאַקאַנטע גאַסן. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז יעדער שריט מײַנער, האָט דאָ אַ געוויסן סודותפולן זין, ווײַל איך האָב דאָך געגומען אָנטייל אין לעבן פון דער דאָזיקער גאַס, די גאַס האָט געלעבט און איך האָב געלעבט — וואָס דאַרף מען דען מער?

און טיילמאָל פלעג איך זיך צוזאַמענטרעפן מיט פאַרשיידענע מענטשן און אין דעם איז אויך געווען אַ סוד. אפשר דער סאַמע גרעסטער סוד פון צופעליקייט. איך געדענק... אין אַ גאַליציאַניש שטעטל, איך האָב שוין פאַרגעסן וויאַזוי דאָס שטעטל האָט געהייסן, האָב איך פאַרבראַכט אַ האַלב יאָר. איך האָב דאָרט געשפּילט אויף אַ פידעלע, אין קינאָ האָב איך צוגעשפּילט, ווײַל דאָס איז געווען יענע שיינע צײַט, ווען עס איז נאָך נישט געווען קיין קלאַנגפילם. אַ האַלב יאָר בין איך געזעסן אין דעם דאָזיקן שטעטל, ווײַל איך האָב מיך פאַרליבט אין איינער אַ שיינקייט, וואָס איז געווען ענלעך צו דעם באַרימטן בילד פון דזשאָקאָנדאָ. די דאָזיקע שיינקייט האָט פאַרקויפט צײַטונגען אין דער טראַפיק, און אין אָוונט, יאָ, יעדן אָוונט פלעגט זי קומען אין קינאָ און צוהערן זיך, ווי איך האָב געשפּילט מײַנע ווינער וואַלצן, און געוויינט האָט זי מיט אמתדיקע טרערן פון אירע פאַרליבטע אויגן. איך אָבער האָב מיך נישט געקאָנט צוגעוויינען צו דעם, אַז דזשאָקאָנדאַ זאָל וויינען און האָבן רויטע אויגן, דעריבער האָב איך דאָס שטעטל פאַרלאָזט אויף אייביק. און ווער ווייסט... ווער ווייסט, צי טאַקע דאָרט איז נישט געווען מײַן פלאַץ אויף דער וועלט און מײַן גליק?...

איך האָב שוין דערמאָנט: זייער אָפט פלעג איך אַרויספאָרן צום ים. קאָן זײַן, אַז מײַן ליבשאַפט צו ברייטע, זאַלציקע וואַסערן נעמט זיך פון אַ געוויסן עפּיזאָד, וואָס איך האָב פאַרגעדענקט פון מײַנע קינדעריאָרן. איך בין נאָך געווען אַ קליין ייִנגל, ווען מײַן טאַטע האָט מיך צום ערשטן מאָל געפירט דורך דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן. איך מוז דאָ דערמאָנען ווער מײַן טאַטע איז געווען — געווען איז ער אַן אייביקער עמיגראַנט, צענדליקער יאָרן האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט איבער דער וועלט, פון איין מדינה צו דער צווייטער, שטענדיק האָט ער געזוכט גערעכטיקייט און שטענדיק געבענקט צו דעם אַלטן היימלאַנד. פון צײַט צו צײַט פלעגט ער זיך אומקערן אַהיים, אָבער דאָ האָט ער נישט געהאַט קיין אָרט פאַר זיך, ענג איז אים דאָ געווען, האָט ער זיך ווידער געבונטעוועט, און ווידער פלעגט ער אַנטלויפן אויף יענער זײַט ים. און די דאָזיקע וואַנדערונגען זײַנע האָבן געדויערט לאַנגע יאָרן, אַזוי לאַנג, ביז

אין א געוויסן טאָג האָט אים אין ניו־יאָרקער האַפן צוגעדריקט צום באָרט פון דער שיף א שווערער קאַסטן, געלאָדן מיט גאָלדענעם בילאָן. אָט אזוי איז ער אומגעקומען, דער טאַטע מיינער. מיט א גאָלדענעם טויט קאָן מען זאָגן...

דערווייל האָב איך פאַרגעסן, וועגן וואָס איך האָב אָנגעהויבן צו דערציילן. אהא, איך וויים שוין... איז אָט דעמלט, ווען איך בין געשטאַנען אויף דער דעק פון שיף און האָב מיט קינדערישע אויגן און מיט קינדערישן באַגריף אַרומגענומען דעם בלויען הימל און דעם בלויען ים און די ווייסקייט פון דער ים־שוים — אָט יענע אומגעהויערע גרויסקייט, וואָס קיינער קאָן איר נישט ארומנעמען נישט מיט די הענט און נישט מיט די חושים — אָט דעמלט האָב איך געפילט, ווי אין מיין האַרץ וואקסט זי, די ליבע, די גרויסע ליבע צו דער גרויסער וועלט. טיילמאָל פלעגן אונדז אויסמיידן פאַרביקע פראַכט־שיפן, און עס האָט זיך נאָך זיי געצויגן א גראַנאַט־שוואַרצער צאָפ פון רויך און א פייף, א קורצער פייף מיט וועלכן עס באַגריסן זיך די מאַנשאַפטן — אָט דער פייף פלעגט געבן דעם פאָרגעפיל, וואָס עס וואַרט מיך: פיל שיפן, פיל מענטשן, פיל רייזעס... טיילמאָל פלעגן מיר דערזען ערגעץ ווייט אויפן האָריזאָנט גרינע ברעגעס, האַפנס פאַרביקע און שיפן גרויסע — און ווידער איז געווען דער אָקעאַן, גרויס ווי דאָס לעבן, ווייל אזא איז געווען דער געדאַנק פון קינד: אויב דער ים איז אַזוי גרויס, מוז דאָך אויך דאָס לעבן זיין גרויס, אומעגדלעך מוז עס דאָך זיין... אַזוי האָב איך דעמלט געטראַכט, ווען איך בין נאָך געווען א קליין יינגל.

היינט, ווען איך שטיי אַנטקעגן דעם ים, בין איך פאַרשעמט. היינט פיל איך מיך שוין אלט און שוואַך, און קוקנדיק אויפן האָריזאָנט פון ים, טראַכט איך וועגן אַזעלכע זאכן, וועגן וועלכע א לעבעדיקער מענטש דאַרף נישט טראַכטן. קוקנדיק אויפן ים זע איך היינט די ריכטיקע פראָפאָרצן: אָט איז דער מענטש, און אָט איז די וועלט, און אָט איז דאָס לעבן און דער טויט...

פאַראַן א קראַפט אינעם ים, א כוח א ווילדער וואָס ציט צו זיך, וואָס כישופט. שטאַרק איז די קראַפט פון ים און זי האָט ליב שטאַרקייט, זי האָט ליב גבורה. איר גלייבט מיר נישט?

פיל יאָרן האָב איך פאַרבראַכט ביים ים און שטענדיק האָט זיך מיר געדאַכט, אז איך אַנטדעק אים אויפסניי. און טיילמאָל האָט זיך מיר געדאַכט, אז עס איז נישט אַזוי, אז עס איז פאַרקערט, נישט איך

אַנטדעק דעם ים, נאָר דער ים דערלויבט מיר צו אַנטדעקן זיך אַליין, ער העלפט מיר דערקענען זיך אַליין, ער אַנטפּלעקט פאַר מיר דעם אמת — מיין אמת.

און איצט... אויב דער דאָזיקער פאַרשאָלטענער צוג וועט זיך ענדלעך רירן פון אָרט, וועל איך אין א פּאָר שעה ארום זיין ביים ים, אין א שיינער געגנט. דאָרט וועל איך מיר אויסזוכן וועלכע עס איז ארבעט אויף א חודש, צוויי, אפשר גאָר אויף דעם גאַנצן סעזאָן. אין ערגסטן פאַל וועל איך וואשן טעלער אין ערשטן בעסטן רעסטאָראַן. און אין הארבסט, ווען דער סעזאָן וועט זיך פאַרענדיקן... עד, צום טייוול מיטן הארבסט! פאַראיאָרן בין איך אויך געווען אין דער דאָזיקער אָרטשאַפט, נאָר שוין נאָך דריי וואָכן בין איך פון דאָרט אנטלאָפן, ווי אַן אַרויסגעטריבענער הונט. און איצט? אויב איך איצט וועל ווידער באַגעגענען די דאָזיקע פרוי, וועל איך מיך דערטרינקען אין ים. די דאָזיקע פרוי... דאָס איז שוין א באַזונדער מעשה...

מיט א יאָר צוריק בין איך אַהער געפאָרן מיט א בעסערן געמיט. איך האָב דעמלט געהאַט א גוטע שטעלע, געארבעט ביי איינעם א פּאָטאָגראַף — איך האָב פאַר אים געזאַמלט באַשטעלונגען אויף פּאַמיליע=פאָרטרעטן און פאַרגרעסערונגען פון חתונה=בילדער. אין דער דאָזיקער בראַנזשע האָב איך נישט שלעכט פאַרדינט. איך האָב פאַרנומען א שיינעם צימער אין האָטעל, א זומערדיקע. ביים ים פלעגן זיך וואַרעמען אויף דער זון הונדערטער פרויען, איינע שענער פון דער צווייטער, און איך האָב נישט איינמאָל באַמערקט, אַז זיי קוקן מיר נאָך. ווייל זאָגן מוז איך אייך מיט דער גאַנצער באַשיידנקייט, אַז א מאַנספאַרשוין בין איך שטענדיק געווען מיט ביינער, און ווער עס וויל קאָן זיך נאָך היינט איבערצייגן, אַז קיין מפל=קינד בין איך נישט. און דעמלט, אין יענעם קוראָרט ביים ים פלעגן פרויען מיר צושמייכלען און אין יעדן שמייכל האָב איך געקאָנט עפּעס אויסלייענען, אָבער איך בין גראָד געווען דעמלט ערנסט געשטימט און האָב זיך נישט געוואָלט קאָמפּליצירן דאָס לעבן מיט נייע ראָמאַנען. איך האָב זיך אַליין געזאָגט מוסר: מענטש, זיי פאָרזיכטיק, דערנענטער זיך נישט צו קיין שום פרוי, ווייל פרויען האָבן שטענדיק קאָמפּליצירט דיין לעבן, פרויען באַגרענעצן דיין פרייהייט און לייגן אַרויף דעם יאָך פון געפאַנגענשאַפט. אזוי האָב איך מיך געמוסרט און בין געווען צופרידן פון דער וועלט און פון זיך און הויפּטזעכלעך פון מיין אייגענער חכמה, מ'שטיינסגעזאָגט... איי, בין איך

עס דערמלט געווען צופרידן און גליקלעך! איך האָב געהאַט הנאה פון דער זון און פון רעגן, פון שטילקייט און פון גערויש, פון די אַרומיקע אומבאַקאַנטע מענטשן און אויך פון דער איינזאַמקייט, מיט וועלכער איך האָב מיך גאָר שטאַלץ אַרומגעטראָגן.

גאַנץ אָפט פלעג איך מיך לאָזן אויף ווייטע שפּאַצירן מיטן ברעג פון ים. איך מוז אייך זאָגן, אז איך האָב זייער ליב די שטילקייט בײַם ים. די דאָזיקע שטילקייט איז אַן אַנדערע ביי טאָג און אַן אַנדערע בײַנאַכט. ווען דאָס וועטער איז רואיק, ווען עס איז נישטאָ קיין ווינט, דערמלט הערט איר קוים דאָס רוישן פון די כוואַליעס. און עס איז אַזוי, ווי דער ים וואָלט געציטערט, אָבער שטיל איז עס, כאָטש דאָס מענטש־לעכע אויער איז אָנגעשאַרפט צו הערן די סודות פון ים. אָבער דער ים האָט נישט קיין סודות, סודות האָט בלויז דער מענטש...

איך האָב מיר אויסגעזוכט אַן אָפּגעזונדערט אָרט, גענוג ווייט פון דער פּליאַזשע. אַ קליין האַלבאינדזעלע איז עס געווען, און ס'זענען דאָרט געוואַקסן דריי איינזאַמע סאָסנעס. אין זייער שאָטן פלעג איך זיצן און טראַכטן לאַנגע שעהן. ווייל אַרבעטן האָב איך אין יענע טעג גאָר ווייניק געאַרבעט, געהאַט האָב איך נאָך אַ פּאָר גראָשן אין טאַש און קיין נגיד האָב איך קיינמאָל נישט געוואָלט זיין.

איינמאָל האָט פּאַסירט, אַז ווען איך בין געקומען צו די דריי סאָסנעס, האָב איך שוין דאָרט עמעצן געטראָפן. און מאָלט אייך אויס, אַז געווען איז עס דווקא אַ פרוי, און דערצו נאָך אַן איינזאַמע פרוי. זי איז שוין נישט געווען זייער יונג, נאָר איר געזיכט איז גע־ווען מלא חן. אַ קאָפּ האָר האָט זי געהאַט — גאָלדענע האָר זענען עס געווען, טונקל גאָלד. נאָר די אויגן אירע האָב איך נישט געזען — זיי זענען געווענדט אין דער ריכטונג פון ים. איבעריקנס, זי האָט געטראָגן ברילן, דערצו נאָך טונקעלע. ווען זי האָט דערהערט דעם שאָרך פון מיינע טריט, האָט זי זיך אומגעקערט צו מיר און מיט דעם אָרעם האָט זי זיך פאַרשטעלט, פּונקט ווי עס וואָלט איר פון מיין זייט געדראָט אַ געפאַר. איך זע נאָך היינט די דאָזיקע באַוועגונג, דעם דאָזיקן שוואַכן זשעסט פון זעלבסטבאַשיצן זיך, כאָטש קיין שום געפאַר האָט דאָך איר נישט געדראָט. פאַרקערט...

איך האָב דערמלט געקאָנט אַוועקגיין, געפינען זיך אַן אַנדער אָרט, אָבער איך האָב עס נישט געטאָן. אין דער ערשטער מינוט האָב איך אַפילו דערפילט אַן אינערלעכן ווידערשטאַנד, עפּעס אַזאַ מין מאָדנע

וואָרענונג, ווי די דאָזיקע פרוי וואָלט אויף מיר געלויערט, אָדער אפשר האָב איך דעמאלט דערפילט א פאַרדאַכט, אז זי, די אומבאַקאַנטע וועט זיך געפינען א טירל, א פורטקעלע דורך וועלכן איר שלאַנק געשטאַלט וועט זיך אַריינגנבענען אין מיין רו. מיט פחד בין איך פארבליבן און איך האָב זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר, אין שאָטן פון די דריי סאָסנעס, וואָס האָבן אויסגעזען ווי דריי שוועסטער. איך האָב אַרויסגעשטאַמלט עטלעכע ווערטער און זי האָט געשמייכלט צו מיר. אָבער דאָס רעדעכץ האָב איך שוין דעם דאָזיקן טאָג פאַרלוירן און איך בין געזעסן א שווייגנדיקער און געציטערט האָב איך ווי א פיש.

איך האָב געטראכט: גאָטעניו, וואָס טוט זיך? זי איז דאָך אַפילו נישט קיין גרויסע קראסאוויצע, און איך פיל נישט צו איר דאָס, וואָס א געזונטער מאַן קאָן פילן צו א געזונטער פרוי. און דאָך האָב איך זי איינגעשלונגען מיט די אויגן. איך האָב געפילט די געפאר אין בין באַלד פון איר אַנטלאָפן.

צומאָרגנס, אינדערפרי האָב איך זי ווידער געטראָפן אויף דעם זעלבן אָרט. זי האָט מיך ווידער באַגריסט מיט איר שמייכל און איך בין שוין געווען מאַכטלאָז ווי א קינד. עפּעס האָט זיך אין מיר איינגעבראָכן. ווי אזוי האָט עס געקאָנט קומען צו דעם?

אין א געוויסן מאָמענט האָט זי מיט די פינגער אָנגערירט מיין פנים, מיט די מושקעלעך פון אירע פינגער האָט זי געגלעט מיינע ליפן, מיין שטערן, מיינע באַקן... איך האָב געפילט די דאָזיקע באַוועגונגען און געמיינט אז דאָס זענען נישט מער, ווי צערטלעכקייטן פון א פרוי. אָבער שפּעטער האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז איך פיל אין זיי, אין די דאָזיקע פינגער, א הונגער און א נייגעריקייט. מיר האָט זיך געדאַכט, אז אזוי וויל זי, די דאָזיקע פרוי, אויסלערנען זיך אויף אויסנווייניק און פארגעדענקען מיין אויסזען, מיינע שטריכן, אַפילו די קנייטשן פון מיין פנים. און אפשר האָט זי מיט די דאָזיקע באַוועגונגען געוואָלט דערוויסן זיך וועגן וואָס איך טראכט און וואָסערא געדאַנקען עס טומלען זיך אונטער מיין שטערן?

איך האָב איצט שוין פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זי טראָגט שטענדיק די טונקעלע ברילן — זי איז געווען בלינד. איך האָב געקושט אירע ליפן, אירע באַקן, אירע הענט, אָבער איך האָב שוין נישט געפּרוווט אַראָפּנעמען אירע אויגנגלעזער, בכדי צו זען איר בליק. איך האָב שוין געוווסט, און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אז איצט וועל איך זי ליבן

נאָך טיפער און שטאַרקער און געטרייער. אָבער עס האָט זיך מיר נאָר אַזוי געדאַכט.

איך האָב מיך אָנגעהויבן צו פילן לגבי יענער פרוי ווי א גנב. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך האָב צוויי פּנימער און צוויי נשמות און אַפילו צוויי גופים. איין געשטאַלט האָב איך געהאַט, אין וועלכער איך שטעק זינט דעם טאָג, ווען איך בין געבוירן געוואָרן. און די צווייטע געשטאַלט — דאָס איז יענע געשטאַלט, וואָס די אָרעמע פרוי האָט אַנטדעקט מיט אירע הענט און מיט דער קראַפט פון איר דמיון. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ווי לאַנג איך וועל פאַרבלייבן לעבן דער דאָזיקער פרוי, וועל איך שטענדיק האָבן צוויי געזיכטער און שטענדיק וועל איך מיך פילן ווי א גנב, אַן אפּעריסט, ווייל עס איז דאָך אוממעגלעך, אַז זי זאָל דערקענען ווער איך בין. און איך וועל דאָך איר קיינמאָל נישט זאָגן, אַז איך בין א וואנדער־פויגל, וואָס האָט נישט קיין היים.

דריי וואָכן, האָב איך זיך אַזוי געכוטשעט. אויף דער פערטער וואָך בין איך אַנטלאָפן. איך האָב מיך מיט איר אַפילו נישט געזעגנט. איך בין אַנטלאָפן מיטנעמענדיק מיט זיך מיינע צוויי געשטאַלטן און צוויי פּנימער. ווייל דאָס איינע זאָלט איר פון דער דאָזיקער מעשה פאַרגעדענקען: דער מענטש האָט טאַקע צוויי געזיכטן. נאָר צוויי? אַזויפיל פּנימער האָט דער מענטש, וויפל פאָר אויגן עס באַטראַכטן אים. דאָס זאָגט אייך א דערפאַרענער קאָמיוואָיאַזשאָר.

און איצט פאָר איך ווידער אין דער זעלבער ריכטונג און אין דער זעלבער אָרטשאַפט. און איך רעד מיר איין, אַז אויב איך וועל דאָרט טרעפן די דאָזיקע פרוי, וועל איך מיר דאָס לעבן נעמען. אָבער דאָס זאָג איך נאָר אַזוי. אין דער אמתן ווייל איך זי דאָרט באַגעגענען און דערפאַר פאָר איך אהין, ווייל איך מוז זי באַגעגענען.

אָט וועגן וואָס איך האָב געטראַכט אין יענעם אומעטיקן אָוונט, זיצנדיק אין וואַגאָן פון דער דריטער קלאַס און פּרווונדיק מיט די אייגענע געדאַנקען פאַרטרייבן דעם הונגער, בעסער געזאָגט — נישט צו טראַכטן וועגן דעם, אַז זינט צוויי טעג האָב איך נישט געהאַט קיין ביסן אין מויל.

די לופט אין וואַגאָן איז א שרעקלעכע, שמוציק איז דאָ, אַז גאָט זאָל זיך מרחם זיין. און אינדרויסן רעגנט, עס זעט אויס צו זיין אַ לענגערע בלאָטע. דער קאָנדוקטאָר האָט שוין אָנגעצונדן דעם גאַז־לאָמפּ.

ווייזט אויס, אַז באַלד וועלן מיר ווייטער פֿאָרן. די פּאַסאַזשירן דרייען זיך און קאָנען נישט איינזיצן אויף זייערע ערטער, זיי דרימלען און וועקן זיך, און קרעכצן שווער און שילטן די אָרדענונג אויף דער באַן.

מיין קאָלעגע, דער בעל דבר מיינער, דאָס אָנטשעפּעניש, איז נאָך אַלץ נישטאָ. כאַפּט אים דער וואַטעמאַכער. אפשר וועט ער פֿאַרבלייבן אין שטעטל. אָבער ניין — אַזעלכע גוטע חברים פֿאַרלירט מען נישט אַזוי לייכט. אָט איז ער.

ער איז אַריינגעפֿאַלן אין וואַגאָן ווי אַ דונער, אַן אויפֿגערעגטער און צעטומלטער און טייכן שוויים האָבן זיך געגאָסן פֿון זיין פּנים. ער האָט זיך שווער אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק און אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיין פֿינצטער פּנים.

— נאַ, נעם... — האָט ער געזאָגט צו מיר און אַריינגערוקט מיר אין דער האַנט אַ היבש פּעקעלע, פֿאַרוויקלט אין צייטונג־פּאַפּיר — נעם און עס. זאָל דיר ווויל באַקומען. אַ הינדל... אַ פֿרישע געבראָטענע הון... זי איז נאָך וואַרעם.

— האָסט געגנבעט?

— ניין... — האָט ער זיך צעלאַכט — ערלעך פֿאַרדינט. גלייבסט מיר נישט? אַז צעברעכן זאָל איךביידע פֿיס, אויב איך זאָג אַ וואָרט ליגן. מעגלעך, אַז כ'וואָלט געפּרווט צוגנבענען, ווייל איך בין שוין אויך געווען הונגעריק. נאָר איך האָב נישט געוואָלט שטעלן אין קאָן... ווען מען כאַפּט מיך, וואָלסטו ווייטער געפֿאָרן אַ הונגעריקער. דעריבער האָב איך פֿאַרדינט. עס האָט זיך פּונקט געמאַכט אַ שטיקל אַרבעט, עפּעס צו פֿאַרלאָדענען... עס גיכער, ווי לאַנג עס איז וואַרעם. און זאָלסט מיך נישט האַלטן פֿאַר קיין שלעכטן קאָלעגע... מיט מיר וועסטו קיינמאָל נישט אומקומען.

דאָס הינדל איז געווען זייער געשמאַק. איך האָב געפֿילט, ווי נאָך יעדן ביסן ווערט מיר ליכטיקער אין די אויגן.

— איך האָב נאָך עפּעס געקאָנט קויפֿן — גיט צו מיין קאָלעגע — נאָר כ'האָב מורא געהאַט דער צוג זאָל נישט אַנטלויפֿן...

ווען איך האָב שוין געהאַלטן ביים אָפּלעקן די ביינדלעך פֿון דער פֿעטער הון, האָט זיך אינדרויסן, אויפֿן פּעראָן, דערהערט אַ טומל, אַ גערודער. מיין חבר האָט אָנגעהויבן צו ציטערן, אָבער ער האָט נישט איבערגעריסן די סעודה. פּלוצים האָט זיך געעפֿנט די טיר און עטלעכע

פרויען האָבן זיך אַרייַנגעפּאקט אין וואַגאָן און מיט זיי איז אויך געווען דער נאַטשאַלניק פון וואָקזאַל.

— דאָס האָט דער דאָזיקער פּאַרשוין געגנבֿעט די הון — האָט אויסגעשריגן איינע פון די פרויען — אז דערשטיקט זאָל ער ווערן מיט מיין פּראַצע, זאָל זיך אים א ביינדל שטעלן אין האַלדז, באָזשע טי מאָי...

איך האָב דערפילט, אַז עס ווערט מיר נישט גוט. עס האָט זיך מיר געדאַכט אז דאָס הינדל נעבעך, דאָס געבראָטן הינדל ווערט מיר לעבעדיק אין בויך און אָט, אָט, וועט עס ארויספליען צו דער אייגנטימערין, וואָס האָט זיך דערווייל באַגאָסן מיט ביטערע טרערן.

— אידיאָט — האָב איך געזאָגט צו מיין קאָלעגע — אידיאָט!... אָבער ער האָט שוין באַוויזן זיך צו באַרואיקן.

— אוועק מיט די הענט! — האָט ער געשריגן צו די פרויען — איך וועל אַליין גיין.

און צו מיר האָט ער אויסגעצויגן די האַנט און געזאָגט:

— האָב נישט קיין עגמת נפש. איך האָב שוין לאַנג נישט געהאַט אַזאַ גוטן ביסן. און וואָס שייך דעם ליגן וועגן מיינע פּאַרדינסטן — זייַ זשע מיר מוחל. איך האָב דיר נישט געוואָלט זאָגן דעם אמת... כ׳האָב געוואָלט ס׳זאָל דיר בעסער שמעקן. נו, און איצט זיי געזונט...

זיי האָבן אים אַרויסגעפירט און באַלד האָט דער צוג גערירט פון אָרט. איך האָב פריי אָפּגעאָטעמט. פאַר אַזא מענטש ווי איך איז שטענדיק בעסער צו רייזן אַליין. און קעגן דעם, וואָס איר זאָגט, אַז איינזאַמקייט... דאָס האָט נישט קיין באַדייטונג. אומעטום זענען פאַראַן מענטשן. בין איך נישט גערעכט?

וואַגאַבונדן

איך ווייס נישט, וואָס עס האָט מיך מיט דעם דאָזיקן יאַט פאַראייניקט, איך געדענק שוין נישט וואָס עס האָט אונדז געהאַלטן צוזאַמען. איך בין דעמאָלט געווען אַ יונגער, אַרבעטסלאָזער יידישער בחור, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אַרויסגעכאַפּט פון זיין פאַרדריפּעט שטעטל און געזוכט גליק אין דער ברייטער וועלט. ער דאַקעגן, דער חבר מיינער, איז געווען אַ יונגער פּאָליאַק, מיט בלאָנדע האָר און בלויע אויגן. דעם אמת געזאָגט האָב איך אויך געהאַט בלויע אויגן און בין אויך געווען אַ בלאָנדער, און מענטשן פלעגן זאָגן, אַז מיר זענען צו זיך ענלעך ווי אַ צווילינג. אָבער מיר זענען נישט געווען קיין צווילינג. צוזאַמענגעטראָפן האָבן מיר זיך אויף די גרינע שליאַכן פון דער הונגעריקער וואַגאַבונדישער יוגנט. צוזאַמען האָבן מיר זיך געשלעפּט פון איין שטאָט צו דער צווייטע, פון איין דאָרף צום צווייטן, געזוכט אַרבעט, געזוכט ברויט, אַ דאַך איבערן קאָפּ און צוזאַמען געלאַכט פון אונדזער נויט און פון אונדזער הונגער, ווייל געווען זענען מיר דאָך יונג, און די ביימער זענען געווען גרין און די פרויען שיין און די האָפענונג — טויזנטפאַרביק.

האָבן מיר זיך געשלעפּט מיטן גאַליציאַנער טראַקט: די פיס אונדזערע זענען שוין געווען אין בלאָטערן, און אונדזער הויט אָפּגעברענט פון דער זון — טונקל-ברוין. אונטערוועגנס זענען מיר שוין דעמאָלט געווען זינט עטלעכע טעג, אָבער עס איז אונדז נישט געלונגען צו פאַרהאַלטן זיך ערגעצוו אויף לענגער. איבערנעכטיקן — יאָ, מיט דעם איז נישט געווען קיין שוועריקייטן. אויך מיטן עסן האָבן מיר זיך אַן עצה געגעבן. ווען מען געפינט זיך אין אַזאַ לאַגע, קלויבט מען נישט איבער. געפינען אָבער אַרבעט איז געווען שווער.

אין יענעם טאָג האָבן מיר געמאַכט אַ היבש שטיקל וועג. דער וועטער איז געווען שיין און שיין איז געווען די לאַנדשאַפט. אויך די מענטשן זענען געווען נישט קיין שלעכטע. און ערגעץ ווייט, אָבער מיט יעדן טאָג

אַלץ נעענטער, איז געלעגן די גרויסע און שיינע ש ט אָ ט, די רייכע און גאַסטפריינדלעכע שטאָט, וווּ עס האָט שוין אויף אונדז געוואַרט: אַרבעט, אַ דאַך איבערן קאָפּ, אַ באַקוועם געלעגער וווּ אויסצוגלייכן די מידע ביינער, און אויך אַ רייכער און זאַטער טיש האָט דאָרט מסתמא אויף אונדז געוואַרט, אַ טיש בײַ וועלכן מיר וועלן קאָנען באַלעבאַטיש אָנפילן דעם מאָגן.

זענען מיר געגאַנגען צו דער האָזיקער אויסגעבענקטער שטאָט, צופוסנס זענען מיר געגאַנגען, בכדי נישט צו באַלעסטיקן אונדזער פאָטערלאַנד מיט אַן אומזיסטיקער רייזע, ווײַל קיין געלט האָבן מיר אפילו אין חלום נישט געהאַט.

און געגאַנגען זענען מיר אויף מערב, דאָרט האָט געזאָלט זיין אונזער גאָלדגרובן — יענע רייכע שטאָט, וווּ דער גראָשן איז געלעגן אויף דער ערד, עס איז גענוג געווען זיך אָנצובייגן און אים אויפצוהייבן. מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, געוווּסט, אַז עס איז אפשר אַ גוזמא, אָבער דעם מוט האָבן מיר פונדעסטוועגן נישט פאַרלוירן. פונקט פאַרקערט — אונדזערע פאָרגעפילן זענען געווען די בעסטע.

ווי איך האָב שוין געזאָגט: די לאַנדשאַפט איז געווען אַ פּרעכטיקע. וועלדער — אינערגעץ אין דער וועלט וועט איר נישט געפינען אַזעלכע וווּנדערלעכע וועלדער, ווי בײַ אונדז אין גאַליציע, אין די נידעריקערע ראַיאָנען פון די קאַרפּאַטן-בערג. בפרט אין יענער פרילינגדיקער צייט, ווען די פעלדער זענען שוין פאַרזייט, די גערטענער — אָפּגעאַרבעט און די פּויערים וואַרטן אויף אַ גוטער גערעטעניש. די פעלדער זענען דעמלט גרין און בליענדיק, דופּטיק און פרייליך. עך, קוקנדיק אויף אַזאַ לאַנדשאַפט, פאַרגעסט דער מענטש וועגן אַלע צרות — דער ערגסטער בעטער דערפילט זיך דעמלט אַ שררה.

גענעכטיקט האָבן מיר בײַ אַן אָרעמען פּויער אונטער דעם וואַלד. מיר האָבן געגעסן געבראָטענע קאַרטאָפל און גערשטענע פלעצלעך, נאָך הייסע, נאָר וואָס פון באַק-אויוון און קלעפּעדיקע ווי גומאַראַביק. צוגעטרונקען האָבן מיר סערוואַטקע — זי האָט אונדז געשמעקט ווי ווײַן. דאָס שטיבל איז געווען קליין און אָן אַ קוימען, דער רויך האָט געביסן אין די אויגן, און אין ווינקל איז געשטאַנען צוגעבונדן צום בעט אַ קעלבל. דער טייוול ווייסט, פאַרוואָס עס האָט נישט געקאָנט שטיין אויפן הויף, נאָר דווקא אין שטוב. מיר האָבן איבערגענעכטיקט אויף אַ הויפן שטרוי.

די נאַכט איז געווען אַ וואַרעמע, דער קאַיאָר אָבער איז געווען אַ קאַלטער, ווי געווײנלעך אין די בערג.

פֿאַרטאָג האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן. דאָס דאָרף איז געווען אָרעם, די כאַטקעלעך — קלײנע, געדעקטע מיט שטרוי, אָדער מיט שינדלען. האָבן זיי זיך געטוליעט צום באַרג. אינמיטן דאָרף איז געשוועמען אַ טײַכל, געגרזלעך האָבן זיך אין אים געפּלוסקעט. עס איז געווען אידיליש און נעבעכדיק. די הינט האָבן אויף אונדז געבילט, און די קינדער, להבדיל, האָבן זיך פֿאַר אונדז באַהאַלטן אין דער טונקעלער טיפֿעניש פֿון די הײַזער.

די זון איז שוין געשטאַנען הויך, ווען מיר האָבן זיך פֿאַרהאַלטן אין אַן אַנדער דאָרף — די הײַזער האָבן דאָ אויסגעזען רײַכער, באַלעבאַטישער, אין די פֿענצטער האָבן זיך געווײַזט פֿאָרהאַנגלעך, און אַרום די הײַזער האָבן געלאַקט דאָס אויג גערטנדלעך מיט בלומען, בינשטאָקן, און סעדער, פֿולע מיט פֿרוכטן־ביימער.

מײַן קאָלעגע, דער וואַגאַבונד, האָט געוואָרפֿן מיט די אויגן אויף רעכטס און אויף לינקס. עס איז שוין געווען מיטאָג־צײַט און מיר זענען נאָך אַלץ געווען אויפֿן ניכטערן, און פֿון די קוימענס האָט זיך געהויבן אַ רויך און די לופֿט האָט דאָ געשמעקט מיט פֿאַרשיידענע גוטע מאכלים — געקאָכטע קאַרטאָפֿל, קרויט־זופּ, האָבערנער באָרשטש און לײַכט צוגעברענטע מאַמאַליגע.

— פֿאָכוואַלאָני יעזוס קריסטוס! — מײַן שותּף, האָט זיך פֿאַרנײַגט און באַגריסט אַ פּרוויאיש געזיכט, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרט פֿון פֿענצטער. געווען איז עס רויט און קרעציק, דאָס דאָזיקע געזיכט און טאַקע דערפֿאַר האָבן מיר זיך פֿאַרהאַלטן. בראָנעק, אַזוי האָט ער געהייסן דער חבֿר מײַנער, האָט געעפֿנט די פֿורטקע און איז אַרײַנגעגאַנגען אין דער כאַטע.

— נו — האָב איך אַ טראַכט געטאָן מיט צופֿרידנקייט — דאָ וועלן מיר שוין דערכאַפּן דאָס האַרץ מיט אַ וואַרעם מיטאָג...

איך האָב מיך דערווײַל צוגעזעצט. געוווסט האָב איך, אַז עס וועט דויערן גענוג לאַנג, ווײַל צוערשט וועט ער דאָך מוזן באַקענען זיך מיט דער קראַנקער פֿרוי, געווינען איר צוטרוי, דערנאָך וועט ער זי אונטערזוכן, ווי אַן אמתער רופֿא, און דאַן פֿאַרשרײַבן איר אַ רפֿואה פֿון קרײַטעכצער, דערצײלן וויאַזוי מען דאַרף די דאָזיקע קרײַטעכצער קאָכן

און פאַרען און ערשט דעמלט וועט ער זיך נאָך א ביסל דינגען וועגן באַליינונג.

איך מוז דאָ דערמאָנען, אַז דער דאָזיקער בראָנעק איז ערשט נישט לאַנג געהאַט צוריקגעקומען פון מיליטער. דאָרט איז ער א צייט געווען א פלעגער אין שפּיטאָל און פון דאָרט האָט ער מיטגעבראַכט א קאַפּעלע וויסן וועגן חולאתן און וועגן רפואות. איצט האָט ער די דאָזיקע מעדיצינישע וויסנשאַפט, מישטיינס געזאָגט, פאַרקויפט ווו עס האָט זיך נאָר געלאָזט, פאַר א ביסן ברויט, פאַר א לעפל געקעכץ.

אָבער איך האָב לאַנג נישט געוואַרט. באַלד איז ער אַרויסגעקומען מיט א שטיק ראַזעווע ברויט און א טעפל מילך. אַליין איז ער נאָך אַלץ געווען פאַרנומען מיט דער פרוי, שפּעטער זענען פון דער שכינותדיקער כאַטע געקומען צוויי אַנדערע פרויען, אויך קראַנקע, און באַלד האָט זיך אין גאַנצן דאָרף פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז עס איז געקומען א דאָקטער, און מענטשן קראַנקע פעלט דאָך נישט אינערגעץ, זענען זיי געלאָפן צו אים. אַזוי האָבן מיר פאַרבראַכט דעם גאַנצן טאָג. און בראָנעק האָט זיך געפּאָרעט לעבן זיי. אויסגעהערט יעדן אייינציקן, פאַרשריבן פּילולעס און פּראָשקעס, געקאָכט קרייטעכצער, באַזייטיקט פאַרפוילטע ציין, פּראָטעקציאָנעל געקלאַפּט יעדן פּאַציענט אין דער פּלייצע און צוגעזאָגט א רפואה שלימה פּונקט ווי א גוטער ייד.

עס איז מיר געווען א ביסל נישט אָנגענעם, וואָס איך קאָן מיט גאָרנישט העלפן. ווייל וועגן מעדיצין האָב איך נישט געהאַט קיין אַנונג, און אויך קיין צוגאַנג צו מענטשן האָב איך נישט געהאַט. קיינמאָל בין איך נישט געווען קיין גוטער פּסיכאָלאָג.

פאַרלאָזט דאָס דאָזיקע דאָרף האָבן מיר ערשט צומאָרגנס אינדערפרי. מיר האָבן געטראָגן א זעקעלע מיט ברויט, געקאָכטע אייער, א שטיקל געבראָטן חזיר־פלייש און אין די טאַשן האָבן מיר געהאַט א זאַפּאַס טאַבאַק און פּאַפּיראָסן. מיר זענען געגאַנגען מוטיק און געבענטשט די שיינע וועלט און דאָס האָפענונגספולע לעבן.

דערנאָך האָבן מיר ווידער געהאַט א פּאָר טעג הונגעריקע. מענטשן האָבן נישט געקרענקט, אָדער זיי האָבן געהאַט זייערע אייגענע רופאים, אָרטיקע. נישט אומעטום האָט מען געוואָלט אָנערקענען בראָנעקס וויסן און דערפאַרונג און דעריבער איז אונדז ווידער געווען שווער און צו דער שטאָט, ווו עס האָט אויף אונדז געוואַרט דאָס גליק מיט די גאָלדענע בערג, איז נאָך געווען גאַנץ ווייט.

איך מיין, אז יעדער, ווען עס איז אויסגעקומען אמאָל צו וואַנ־דערן איבער דער וועלט, ווייס ווי אַנדערש עס זעען די מענטשן אין פאַרשיידענע אָרטשאַפטן. נישט איין מאָל האָב איך מיך אין דעם איבער־געצייגט. דעם אמת געזאָגט קאָן איך עס אליין נישט פאַרשטיין. אונטער דעם זעלבן הימל, אין דעם זעלבן לאַנד, אפילו אין דער זעלבער געגנט לעבן מענטשן, וואָס אונטערשיידן זיך איינער פון צווייטן, ווי הימל פון דער ערד. אין איין דאָרף ווערט מען אייך אויפנעמען גאַסטפריינדלעך, מכבד זיין מיט ברויט און צום ברויט, צוגרייטן א געלעגער ווערט מען פאַר אייך און צודעקן אייך, ווי עס פאַסט פאַר אַ מענטש, וואָס איז באַשאַפן לויט גאָטס מוסטער. און אין צווייטן דאָרף ווערט אייך קיינער איבער דער שוועל נישט אַריבערלאָזן. אזוי איז עס אויך געווען מיט אונדז.

מיר זענען שוין געווען מיד, און וואָס מער מיד מיר זענען געווען, אַלץ ווייניקער האָבן מיר געגלייבט אין דערפאָלג פון אונדזער וואַנדערן.

— זאָרג נישט — האָט מיך געטרייסט מיין פריינט — מיר וועלן נישט אומקומען. אַזעלכע ווי מיר שטאַרבן נישט פאַר הונגער. דאָרט, אין דער גרויסער שטאָט וועלן מיר זיך אַן עצה געבן. דאָרט וועט אונדז זיין גוט.

און ער האָט אָנגעשפּאַנט די געווען און מוסקולן פון זיינע קרעפ־טיקע און האַרטע אָרעמס. אַ גוטער יאָט איז ער געווען, און איך ווייס נישט, וויאַזוי איך וואָלט מיר דעמלט אַן עצה געגעבן, ווען נישט ער.

אָבער אין אַ געוויסן טאָג האָט פּאַסירט, אַז מיר האָבן זיך שיעור נישט צעקריגט.

אינדערפרי האָט דאָס וועטער זיך געענדערט, עס האָט גערעגנט, ס'איז געווען נעפּלדיק און מרה שחורהדיק. שווערע וואָלקנס האָבן זיך געשלעפּט איבער אונדז. די פויערים האָבן זיך דערפון געפרייט, דאָס האַרץ איז ביי זיי געוואַקסן. זייערע פעלדער האָבן זיך געגנוישיקט אין רעגן. אָבער מיר, בראָנעק און איך, מיר האָבן נישט געהאַט קיין פעלדער, מיר האָבן געהאַט צעפּליקטע שיך, מיר זענען אַזוי דורכגענעצט געוואָרן, אַז קיין טרוקענער פאָדעם איז אויף אונדז נישט פאַרבליבן, עס האָט אונדז געטרייסלט די קעלט און מיר האָבן געשאָלטן אויף וואָס די וועלט שטייט.

נאָכמיטאָג האָט אויפגעהערט צו רעגענען און דער הימל האָט זיך אַ ביסל אויסגעלייטערט. מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן לעבן אַ פּויערישער ווירטשאַפט, וווּ אויפן הויף איז געשטאַנען אַ פרוי און געהאַקט האָלץ. אַ שיינע פרוי איז עס געווען, אַ הויכע און פיין געבויטע, מיט אַ ראָזעווען

לאַכעדיקן פּנים — אַן עכטע דאָרפֿישע קראַסאַוויצע מיט לאַנגע האָר, פֿאַרפֿלאָכטענע אין אַ דיקן צאָפּ. זי איז מיר געפֿעלן, און אפשר דערפֿאַר טאַקע האָט מיך אויפֿגערעגט מיין חברס שמייכל — ער האָט איר געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין, זי איינגעשלונגען מיטן בליק, און זי האָט צו אים געשמייכלט אירע ווייסע ציין.

זי האָט אַוועקגעלייגט די האַק און גענומען פֿרעגן: פֿון וואַנען? וווהין? און נאָך וואָס? דעם אמת געזאָגט, האָט זי נישט גערעדט מיט א ו נ ד ז, מיט א י ם האָט זי גערעדט, מיט דעם שותּף מיינעם, וואָס אַלע פֿרויען פֿלעגן אים שטענדיק נאָכלויפֿן, ווי בינען נאָך א טאָפּ האָניק.

איך האָב גענומען די האַק און שווייגנדיק האָב איך גענומען האַקן דאָס האָלץ. זיי האָבן זיך פֿון מיר אַוועקגערוקט. איך האָב געהערט זייער געלעכטער, און דער דאָזיקער געלעכטער האָט מיך נאָך מער אויפֿגערעגט, ווייל איך וואָלט אליין גערן זי אָנגענומען ביי דער האַנט און איר אַריינגעקוקט אין די אויגן... דערנאָך זענען זיי אַריינגעגאַנגען אין דער כאַטע און כ'האָב שוין נישט געהערט זייער געלעכטער. דאָס געהאַקטע האָלץ, די טרוקענע בוקעווע שייטלעך האָב איך צוזאַמענגעלייגט אונטערן דאַך, בכדי זיי זאָלן נישט נאַס ווערן פֿון רעגן און בכדי די שיינע באַלעבאָסטע זאָל צופֿרידן זיין פֿון מיין אַרבעט. אָפּגעטאָן די אַרבעט, האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אויף דער שוועל, און פֿאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. אין דער כאַטע איז געווען שטיל. כ'האָב פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס עס איז איצט שטיל, און איך האָב עס אים נישט געקאָנט מוחל זיין. אַזוי אייפֿערזיכטיק בין איך געווען. און אויף זיך אַליין בין איך געווען בייז, ווייל וואָס פֿאַר אַ רעכט האָב איך דאָ געהאַט צו זיין אייפֿערזיכטיק?

אפֿשר אין א שעה אַרום איז ער אַרויסגעקומען מיט אַ פּעקעלע אין דער האַנט. די פֿרוי האָט אונדז באַגלייט ביז צום פּלויט, א שמייכלענדיקע און צופֿרידענע. ער איז אויך געווען צופֿרידן. דאָס איז דאָך געווען גאַנץ פֿאַרשטענדלעך, אָבער מיר איז געווען אומעטיק און שווער אויפֿן האַרץ.

ווען ער האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט דער באַלעבאָסטע און מיר האָבן זיך שוין דערווייטערט אַ שטיקל וועג, האָט ער מיר געגעבן אַ שטיקל חזיר־פֿלייש און אַ האַלב ברייטל.

— נעם — האָט ער געזאָגט — נעם און עס.

— ווער דערשטיקט — האָב איך געענטפֿערט — מעגסט עס אַליין אויפֿפֿרעסן.

— האָסט דאָך פאַרדינט — האָט ער זיך צעלאַכט — האָסט גע־האַקט האָלץ...

— נישט איך האָב פאַרדינט. זי האָט אפילו נישט באמערקט, וואָס איך האָב געטאָן. פונקט דאָס איז איר געלעגן אין זינען...

— אַלץ איינס — האָט ער געענטפערט — ביסט דאָך הונגעריק.

הונגעריק בין איך טאַקע געווען ווי אַ הונט, אָבער דאָס ברויט האָב איך אפילו נישט געוואָלט פאַרזוכן.

ס'האָט ווידער גערעגנט און דער הימל האָט אויסגעזען אַזוי, ווי די זון זאָל זיך שוין קיינמאָל נישט וועלן באַווייזן. מיר האָבן זיך שווייגנדיק געשלעפּט פאָרויס, כאָטש בראָנעק האָט עטלעכע מאָל געפּרוווט אָנקניפּן אַ שמועס.

פאַרנאַכט האָבן מיר געפונען אַ נאַכטלעגער אין אַ מיל, וואָס איז געשטאַנען ביים טייך. עס האָט אויסגעזען צו זיין אַ גוטער נאַכטלעגער ווייל יעדער ווייס דאָך, אַז קיין הונגעריקע און אָרעמע מילנערס זענען אינדערגעץ נישט פאַראַן.

אַ דינסט־מויד האָט אונדז געוויזן דעם וועג צו דער קיך. עס איז דאָרט געווען וואַרעם און אָנגענעם, פון אויוון האָט געשטראַלט אַ פייער, עס האָט געשמעקט די פרישע ראָשטשינע, און אויפן טיש זענען געלעגן גאָלדענע פּלעצלעך, נאָר וואָס ארויסגענומענע פון פייער.

אַ ביטערע אַנטוישונג איז עס געווען. עס האָבן נישט געהאָלפן אונדזערע שיינע ווערטער און דאָס פאַלשע צושמייכלען. מען האָט אונדז אַרויסגעבעטן פון דער קיך און אַ געשטופּלטע מויד האָט אונדז אַוועקגע־פירט אין דער סטאָדאָלע, וו עס זענען געלעגן פאַרשיידענע אַלטע מיל־מכשירים, אַלט פאַרזשאַווערט אייזן און אויסגעריבענע מילשטיינער. זי האָט אונדז געבראַכט אַ בינטל שטרוי און געפרעגט, צי מיר האָבן נישט קיין שוועבעלעך — דער באַלעבאָס הייסט אַוועקנעמען די שוועבעלעך ביי יעדן וואָס נעכטיקט דאָ, ווייל אַזעלכע געסט ווי מיר וואָלטן נאָך געקאָנט מאַכן אַ שריפה. און זי איז אַוועק צו איר אַרבעט, צו די וואַרעמע, פרי־שע פּלעצלעך.

דער חבר מיינער האָט אויפגעגעסן דאָס שטיקל ברויט פון דער שוי־נער אלמנה, ביי וועלכער איך האָב געהאַקט האָלץ, און איך האָב געשאָלטן אַלע אַלמנות און אַלע מילנערס — כ'בין געלעגן אויפן בינטל שטרוי און עס איז מיר קאַלט געווען און דער הונגער האָט מיר נישט געלאָזט איינ־שלאָפן.

ווידער האָט זיך געעפנט דאָס סקריפּנדיקע טויער, עס האָט אַ בלאָז געטאָן מיט רעגן און קעלט, און די דינסטמויד האָט אַריינגעלאָזט נאָך איין שלעפּער. אַ הויכער פויער איז עס געווען, אַ ברייטפּלייציקער מיט עפּעס אַ גרויסן באַגאַזש אויף דעם רוקן.

— שטרוי וועט איר האָבן גענוג? — האָט זי געפרעגט און נישט וואַרטנדיק אויף אונדזער ענטפער, האָט זי צוגעמאַכט דעם טויער.

דער פרישער גאַסט האָט אַראָפּגעוואָרפן פון דער פּלייצע, די שווערע מאַסע. עס האָט עפּעס אַ קלונג געטאָן און איך האָב געמיינט, אַז ס'איז איינער פון יענע האָלצהעקער, וואָס שלעפּן זיך אַרום איבער דער וועלט און האַקן וועלדער, פּונקט ווי אין זייערע היימישע קאַנטן, אין גאַליציע, וואָלט געווען ווייניק אַרבעט, ווייניק וועלדער צום האַקן. אָבער איך האָב געהאַט אַ טעות. ער איז נישט געווען קיין האָלצהעקער, ער איז געווען איינער פון יענע פויערים, וואָס וואַנדערן פון איין שטאָט צו דער צווייטער און פאַרריכטן אַלטע טעפּ, ערדענע שיסלען און אַנדערע כלים. אין דעם גרויסן פּאַק, וואָס ער האָט אַראָפּגענומען פון זיך, האָבן זיך געפונען העמערלעך און צווענגלעך, שטיקלעך בלעך און שטיקלעך דראָט — זיין גאַנץ קלאַפּערגעצייג. ער איז געווען טויט מיד, און ווי נאָר ער האָט זיך אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד, איז ער שוין געשלאָפן.

בראַנעק האָט זיך שטיל אויפגעהויבן פונעם געלעגער און איז אַרום אינדרויסן. איך האָב נישט געפרעגט וווהין ער גייט. קלאָר, אַז ער גייט נישט וואַשן די פיס אין דער רעמשלקע און אויך נישט כאַפּן פיש.

איך האָב מיך נאָך אַ ביסל געדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער און אָנגעהויבן ענדלעך צו דרימלען. ווען איך האָב מיך איבערגעוועקט, איז בראַנעק שוין געזעסן לעבן מיר און צווישן אונדז איז געלעגן אַ פריש, וואַרעם און שמעקנדיק ברייטל.

איך בין זיך מודה — דאָס ברייטל איז געווען געגנבעט. מיר האָבן עס אויפגעגעסן אויפן אָרט, נישט איבערגעלאָזט קיין קרישקעלע. ערשט דעמאָלט האָבן מיר זיך צוגעטוליעט איינער צום צווייטן און געזאָגט זיך „אַ גוטע נאַכט".

אינדערפרי, ווען איך האָב אויפגעעפנט די אויגן, האָב איך צוערשט דערזען אַ פּאָר אויסגעפּוצטע שטיוול, ערשט שפּעטער דעם גאַנצן מענטש. ער איז געשטאַנען איבער מיר און זיינע קליינע אויגעלעך האָבן אויף מיר געקוקט מיט רציחה. אין דעם אָפענעם טויער זענען געשטאַנען עטלע־כע פרויען, אויך די געשטופּלטע דינסטמויד, און איבער זיי האָט זיך

געזען אַ ישטיק הימל — בלוי איז ער געווען און איך האָב מיט צופרידנקייט א טראכט געטאָן, אַז דאָס וועטער האָט זיך ווידער פאַרבעסערט, און אז אפשר וועט שוין היינט נישט רעגענען.

— גנבים! — האָט געשריגן דער מילנער — באַנדיטן! הינטישע זין, א רוח אין אייער טאטן! ווער האָט געגנבעט דאָס ברויט?

בראָנעק איז געזעסן נאָך אַ פאַרשלאָפענער, ער האָט געריבן די אויגן און נישט געוווסט וואָס עס טוט זיך מיט אים. דער פויער, וואָס האָט געדראָטן צעבראָכענע טעפּלעך, איז געשטאַנען אין ווינקל — ער האָט געציטערט געפּליסטערט עפּעס און געצלמט זיך פיל מאָל.

— ווו זענען אייערע זאכן? — האָט געפרעגט דער מילנער.

מיר האָבן נישט געהאט קיין שום זאכן. בלויז דער דריטער האָט געהאַט א קעסטל, וואָס איז געווען זאָרגעוודיק ארומגעוויקלט אין אַ זאַק. דער מילנער האָט גענומען ארויסשאָקלען אויף דער ערד שטיקלעך בלעך און צוזאמענגעוויקלטע דראָטן, און צום סוף איז פון זאַק אַרויסגעפאַלן אַ קיילעכדיק ברייטל.

דער אייגנטימער פון זאַק, דער אָרעמער פויער האָט זיך נאָך אַלץ געצלמט. ער איז געווען אַזוי איבערגענומען, אַז קיין וואָרט האָט ער פון זיך נישט געקאָנט ארויסברענגען. דאָס ברויט האָט מען, פאַרשטייט זיך, ביי אים צוגענומען און אונדז אלע דריי האָבן די באַלעבאַטים אַרויסגעטריבן. לאַנג האָבן מיר נאָך געהערט הינטער זיך די געשרייען און קללות.

דער פויער מיט די דראָטן האָט אויף אונדז געקוקט שטיל, אָבער מיט פאַרדאכט און פאָרוורף. ביים ערשטן שיידוועג האָט ער אונדז פאַרלאָזט.

— אַן אומגליקלעכער מענטש — האָט אויף אים געזאָגט מיין קאַלעגע — אַז עס האָט ווער נישט קיין מזל, גייט אים אלץ קאַפויער. אַזאַ צופאַל... האָט ער שוין געהאט אַ ברייטל אין זעקל, האָט ער פונקט געמוזט זיין ענלעך צו יענעם ברייטל, וואָס מען האָט אוועקגעגנבעט ביים מילנער.

— אין דער דאָזיקער געגנט באַקן אלע פויערים ענלעכע ברייטלעך. אַ ברייטל איז אַ ברייטל...

די שטימונג איז ביי אונדז נישט געווען קיין פריילעכע. אויפן הארץ איז געלעגן ווי אַ שטיין — דער פאָרוורף: פאַסקודניאַקעס זענען מיר...

נישט וועגן מילגער האָבן מיר געטראַכט. מיר האָבן געטראַכט וועגן דעם אומשולדיקן פויער מיט די דראָטן, וואָס האָט נישט געהאַט קיין מזל אין לעבן.

— איך פיל מיך אַזוי, ווי ס'זאָל מיר ווער געווען אָנשפייען אין פּנים אַריין — האָב איך געזאָגט.

— דו, ווי דו... — האָט מיך געטרייסט בראָנעק — דו ביסט דאָך גאָרנישט שולדיק. אָבער איך, איך האָב דאָך דאָס ברייטל געגנבעט...

ערשט אין דעם צווייטן דאָרף האָבן מיר זיך א ביסל באַרואיקט. מיר זענען דורכגעגאַנגען לעבן א קלויסטער און לעבן דעם שיינעם געמויערטן הויז, וווּ עס האָט געוווינט דער גלח. בראָנעק האָט אָנגעקלאַפּט און געבעטן א טרינק קאַווע. עס איז געווען אַ גוטער איינפאַל, ווייל דער טאָג איז געווען אַ קילער און בכלל איז גוט אינדערפרי צו טרינקען עפּעס וואַרעמס, און מיר זענען דאָך אַלץ געווען אויף ניכטערן. אָבער דעם גלחס באַלעבאָסטע האָט גענומען שרייען:

— אַרויס! זאָל זיך מיר דאָ קיינער נישט וואַגן אַריינצוקומען! גנבים זענט איר, וואַגאַבונדן פאַרשאָלטענע! אין גאָט גלייבט איר נישט! ערשט נעכטן האָב איך איינעם אַריינגעלאָזט, אָנגעקאָרמעט, רחמנות געהאַט אויף אים, און וואָס האָט ער געטאָן? אַ ברייטל האָט ער ביי מיר צוגעגנבעט. אַז קיין שטראָף איז אויף זיי נישט פאַראַן, באָזשע מאָי!

ערשט איצט האָב איך עפּעס אָנגעהויבן צו פאַרשטיין.

— לאַסקאַווע פּאַני — האָב איך געפרעגט — און ער, דער גנב, ווי אַזוי האָט ער אויסגעזען?

— ווי אַ באַנדיט האָט ער אויסגעזען. אַ קעסטל האָט ער געטראָגן אויף דער פּלייצע, טעפּלעך האָט ער פאַרריכט.

— אַזאַ באַנדיט! — האָט זיך צעלאַכט בראָנעק, און מיר האָבן שוין מוחל געווען די וואַרעמע קאַווע.

מיר זענען געגאַנגען ווייטער. פון צייט צו צייט האָבן מיר זיך דערמאָנט די מעשה מיטן ברייטל. מיר האָבן געלאַכט און גערעדט וועגן מענטשלעכן גורל און וועגן דער אויסטערלישקייט פון צ ו פ אַ ל, וואָס מישט זיך טיילמאָל אַזוי מאָדנע אַריין אין מענטשנס לעבן.

פאַרנאַכט האָבן מיר אויפן האָריזאָנט דערזען די קוימענס פון דער גרויסער שטאָט, וווּ עס האָבן אויף אונדז געוואַרט גאָלדענע רענדלעך...

דערציילונג וועגן אַ פּענעץ ברויט

אינעם טונקעלן קעלער ווו איך האָב געלעבט מיט דער גרעסטער שפּאָרזאמקייט — ווער האָט געשטארקט מיין הארץ מיט מוט? פונוואַנענט איז צו מיר דערגאנגען דער ריח פון דער שיינער וועלט? פון וואַנענט?

איר ווייסט ווער איך בין? איר האָט געקאָנט מיין מוטער, וואָס איז געשטאנען ביים קיילעכדיקן שטיין פון די זשארנעס. אויך מיין פּאָטער האָט איר געקאָנט און מיין זיידן — זיי זענען יאָרנלאנג געגאנגען אין געשפּאַן פון אַקעראייזן.

איר ווייסט ווער איך בין און איר פארשטייט ווי אזוי איך האָב באַוויזן צו לעבן אין אַ טונקעלער קאַמער און דורך די מויערן, הויכע און דיקע, פאַנגען דעם קלאנג פון אייערע שטימעס, זען אייערע פּנימער, אייערע ליפּן אויף וועלכע עס האָט געבלאָנקעט א שמייכל.

אין חשבות פון קעלער האָב איך דערקענט די ליפּן פון יונגע פרויען, זייערע ברוסטן ציטערנדיקע אונטער דעם באַריר פון מיינע אויגן, זייערע הייסע אָרעמס — עס האָט מיך אַרומגענומען זייער לעבן, וואָס איז געווען טויזנטפארביק און וואָס האָט געהאַט טויזנט וווּנדערלעכע חנען.

דער קאַלעפּאַקטאָר, דער ייִנגסטער זון פון שר החושך האָט מיטגעבראַכט מיט זיך די פרייד פון ווייטע פעלדער — אַ פּענעץ ברויט. ווי אַן איידלשטיין האָב איך אים גענומען אין דער האנט אריין און צוגעטראָגן צו מיינע ליפּן, וואָס זענען געווען גיריק פון ליידנשאפטלעכן הונגער, און איך האָב דערזען — פעלדער ווייטע אין א ים פון זון-ליכט, א בינטל גאָלדענע שטראַלן אויף דעם אַקעראייזן, שטיקער שווארצערד אויפגעאַקערטע מיטן פּנים צום הימל. דער פויער פרווט אין דער האנט די ווייכקייט פון באָדן. איך האָב געזען זיינע הענט — הארטע ווי די וואָרצלען פון אַ בוים. דאָס פּנים פונעם פויער איז טונקל פון ווינטן און זאַווערוכעס, און די אויגן זיינע — העלע פון יעדן זון-אויפגאנג.

שטענדיק זע איך זיין אָרעם, וואָס וואַרפט דעם זוימען. דאָס איז די האַנט און דער אָרעם פונעם באַשעפער פון אונדזער טעגלעך ברויט, וואָס אַקערט און זייט דעם געבענטשטן קאָרן, די ווייץ.

מיט סערפּעס אין די הענט בייגן זיך די פרויען — שיין זענען זיי, די טעכטער פון מיין היימלאַנד, שיין זענען די טעכטער פון דער וועלט. און ווען זיי גלייכן אויס די רוקנס און הייבן אויף איבער די קעפּ די סנאָפּעס, זענען זייערע באַוועגונגען טאַנצנדיק און שיין. און ווען זיי פאַרבייגן זיך, אַנטפּלעקן זיי די נאַקעטקייט פון זייערע שלאַנקע ראָזעווע פיס, און זייערע לייבער וועקן זיסע, זינדיקע געדאַנקען, פון וועלכע מענערישע הערצער הייבן אָן שטאַרקער צו קלאַפּן און הייסער שטראָמט דאָס בלוט אין די אָדערן.

צום ברעג פון מויל טראָג איך צו דעם פּענעץ ברויט און איך הער...

עס קלאַפּן די צעפּעס, די דרעשערס אָטעמען שווער, און איך הער ווי עס שיטן זיך די קערנער, יונגע מיידן זינגען דאָס ליד פון גערעטעניש, און עס רוישט די זשאַרנע — צוויי איינפאַכע שטיינער, א וואונדערלעכע דערפינדונג פון אונדזערע קלוגע אבות.

— גיי, מוטער, רו זיך אָפּ אין שאָטן פון באַרנבוים...

און איך לייג די האַנט אויף דעם שווערן שטיין, און די קלוגע ווייסקייט פון ווייצנמעל שיט זיך און שמעקט אין הילצערנעם מולטער.

איך בענטש די שיינע גוטע הענט פון באַלמעלאָכע אין ווייסן מאַנטל — ער איז נישט קיין מבין אויף קיין שום מין קאָמפּליצירטע מכשירים צו הרגענען קליינע קינדער אָדער דערוואַקסענע, העלדן, אָדער אזעלכע, וואָס האָבן מורא פאַר דעם טויט.

איך בענטש זיינע הענט, וועלכע מאַכן נישט קיין תליות און נישט קיין ביקסן, ווייל צו אנדערע זאַכן זענען די דאָזיקע הענט באַשאַפן — זיי שענקען לעבן און נישט פאַרדאַרבונג.

געבענטשטע הענט, וואָס קנעטן שמעקנדיקע ברויטן.

זאָלן די בעקערס נישט קאַרגן קיין זאַלץ און נישט קיין קימל, בכדי דער שטאָף פון לעבן זאָל זיין געשמאַק און שמעקנדיק פאַר אַלע הונגעריקע.

איך בעט ביי אייך א וואָרט, א שמייכל, א קוש, א גלאָז וואַסער.
מיט א שמייכל ענטפערט מיר דאָס קינד, אז אומבאַקאַנטער ברענגט

מיר א גוט וואָרט, א פרוי באשענקט מיך מיט א צערטלעכן קוש, א זקנה לעשט מיין דורשט מיט א טעפּל קוואַל־וואַסער.

איך צי אוים די הענט צו אייערע געשאנקען. כ'בין פול מיט דאַנק־באַרקייט, און זיי זענען פול מיט פריינדשאפט. גוט איז צו געבן פריינד־שאפט, גוט איז צו נעמען דעם דאַזיקן געשאַנק, וואָס האָט דעם גערוך פון בליענדיקע רויזן.

אָבער קוים דערפיל איך די בענקשאפט צו ברויט, דעם דאַזיקן מאָד־נעם באַגער וואָס טראָגט דעם נאָמען ה ו נ ג ע ר — קערט עמעץ זיך פון מיר אָפּ, עמעץ פאַרמאַכט זיך אין זיך ווי אין פעסטונג, א שאָטן פאַרדעקט די איידעלע ליבשאפט מיט א שווערן וואָלקן, אפילו די בלומען פאַרמאַכן זיך.

פאַרוואָס האָט איר מיך פאַרשעמט?

דער זיבן און נײַנציקסטער גערוך פון דער וועלט איז פאַרבישופט אין א פשוטן מיסט־קאַסטן. עס ליגן דאָרט אוצרות פאַרביקע, נישט דער־שאַצטע:

ווייסע — פּאַפּיר. וויפל טראַקטאַטן און ספרים נישט געשריבענע!

געלע — שאָלעכץ פון איידעלע פרוכטן, פון לימענעס און אתרוגים.

גרויע — ביינער פון קי און חזרים.

שווארצע — אויסגעטראָטענע שיך, פונקט ווי עס וואָלטן שוין נישט געווען קיין באָרוועסע אויף אונדזער ערד־קײַלער.

א גרין פאַרוויאַנעט צווייגל פון זשאַסמין.

זילבערנע שערבלעך פון צעבראָכענעם שפיגל.

דורכזיכטיקע גלאָז פון א קרישטאָלענער כלי, וואָס איז געוואָרן שווייגנדיק און שטום.

מיט א דערפאַרענער האַנט גרייך איך אין דער סאַמע טיפעניש פון די סודותפולע אוצרות און מיט א באוועגונג, אין וועלכער עס איז פאַראַן פונקט אזויפיל חכמה ווי הונגער, געפין איך אַ פיצל ברויט, אַ ריפּעלע, וואָס איז נאָך וואַרעם פון באַק־אויוון. אין איין זייט בלויז ווײַסלט זיך שוין א ביסל שימל. באַטראַכט איך די דאָזיקע אויסגעבענקטע מציאה און איך זע און הער סודות דערהויבענע, סודות ווײַפולע און אומעטיקע.

ווען מענטשן ליפן האָבן איבערגעלאָזט אַ שפּור, ווען מענטשן הענט, ווען מענטשן געדאַנקען קלוגע און איידעלע האָבן געטראַכט וועגן דעם, אַז די פרייד

פאַר הונגעריקע זאָל זיך געפינען אין שאָטנדיקן הויף, אין טישעניש פון מיסט־קאַסטן, לעבן וועלכן די פריצישע הינטלעך פלעגן הייבן די געטאָק־טע פיסעלעך בכדי אָפּצוגעבן די השתנה.

קינדער, זקנות, דאַמען וואָס פאַרטראָגן נישט קיין נעכטיק ברויט — וועגן מיר האָבן זיי דאָך זיכער געטראַכט אַרויסוואַרפנדיק אין מיסט שטיקער לעבן... און נאָר די רויטע, גראָבע הענט פון דינסטמיידן האָבן זיך לאַנג געוואַקלט. די דאָזיקע ערנסטע הענט, וואָס זענען געווינט צו קאַרגן יעדן ביסן און צו שוינען און שפּאָרן פרעמדע רייכטימער.

ביי די מיסט־קאַסטנס פלעגן מיר זיך באַגעגענען — וואַגאַבונדן און בעטלער, פילאָזאָפן און נאַראָנים. לייזיקע שלעפּערס און ראָמאַנטיקער־פּאָעטן, לונאַטיקער און היימלאָזע, געפאַלענע און שטאָלצע, וואָס האָבן נישט איין סוד געוווּסט.

און אין נעפּל פון ווייסקייט איז געשטאַנען אַ בעקער־געזעלן. עס האָט פון אים געשמעקט מיט קימל. און זיינע אויגן — זיינע אויגן זענען געווען פאַרחידושט, פאַרחידושט....

דער הימל איז פאַר יעדן בשר ודם, די ערד, די גרינקייט פאַר די אויגן, די שטערן פאַר עסטעטן, דער רויש פון טייך, די זון, דער ווינט און די מזלות — געניסט פון זיי, זאָלן זיי אייך זיין צום געזונט! זיי האָבן נישט קיין פּרייז. פאַר אייך זענען זיי. אומזיסט זענען זיי פאַר אייערע חושים.

אָבער דער געווירץ און טעם פון ברויט האָט זיין פּרייז, און אויך זיין וואָג, און יעדער איינציקער מענטש ווייס שוין וועגן דעם, יעדער קרע־מער און יעדער סוחר, יעדעס קינד מיט בלאַסע בעקעלעך, יעדע מוטער ווייסט דאָך דאָס, יעדע פרוי מיט האַנטפלאַכן, האַרטע ווי די וואָרצלען פון אַ בוים, וואָס וואַקסט על פּי טעות אין דער טרוקענער ווילדער וויס־טעניש.

איך האָב געזען אַ מענטש, וואָס האָט גענומען אַ ברויט און אוועק־געטראָגן עס פאַר זיינע קינדער. איך האָב עס געזען מיט מיינע אייגענע אויגן. דאָס איז געווען אינמיטן העלן טאָג, די זון האָט געשיינט אויף דעם געזיכט פונעם מענטש, וועלכער האָט גענומען דאָס ברויט. און גע־ווען איז דאָס דאָזיקע געזיכט שיין. שטאָלץ איז עס געווען.

און געטאָן האָט ער עס אין דער אָנוועזנהייט פון עדות — אַלע האָבן געזען דאָס שיינע ברויט, וואָס די הענט פון אַ קלוגן בעקער האָבן עס אויסגעגלעט און אויסגעצערטלט. אַ וווּנדערבאַר ברויט איז עס געווען און געשמעקט האָט עס מיט קימל.

און געווען איז דאָס ברויט קיילעכדיק און פאַרמאַכט ווי אַ ראָד, און אַלע האָבן דאָס געזען — קרעמער און פּאָליציאַנטן, שרייבער און דיכטער, כוהרים און מעקלערס, און לוסטיקע מיידלעך אונטער דעם לאַמטערן, און שמייכלענדיקע שווישפּילערינס אויף די ווענט פון הייזער, און דענקמעלער פון העלדן אויף גרינגע פּלעצער פון דער גרויסער און שיינער שטאָט — אַלע האָבן געזען און אַלע זענען געווען עדות פון דער דאָזיקער געשעעניש, און דאָך האָט קיינער פון זיי נישט געזאָגט, אַז דער מענטש האָט גענומען דאָס ברויט און אוועקגעטראָגן עס צו זיינע קינדער.

זיי האָבן געזאָגט, אַז ער האָט געגנבעט...

זיי האָבן געזאָגט ליגן.

און אַן אַנדערן מענטש האָב איך געקענט, אַ מענטש מיט האַרץ און פאַרשטאַנד. ער האָט אויך געהאַט קינדער, וועלכע האָבן געוואַרט אויף אים. זיי זענען געזעסן אויף דער שוועל פון שטוב און זיי האָבן געלאַכט און זייער געלעכטער איז געווען ענלעך צום געזאַנג פון פייגעלעך. זיי האָבן געוווּסט, אַז ער וועט קומען און וועט דערגרעניטערן צו זייערע ליפּן אַ פּענעץ פריש און שמעקעוודיק ברויט. ער איז דאָך געווען דער בעל מופת וואָס האָט פאַרטריבן זייער הונגער און יעדן טאָג אויפדאָסניי באַשאָנקען זיי מיט לעבן.

איך האָב אים געזען אין אַ פאַרנאַכט. ער איז געגאַנגען — פּעסט איז געווען זיין טראָט. איך האָב נישט באַמערקט זיין פּנים, בלויז זיין הילוך האָב איך באַמערקט, און אונטערן אָרעם האָט ער געטראָגן אַ פּעקעלע איינגעוויקלט אין אַ צייטונג.

פיל מאָל האָט ער זיך פאַרהאַלטן און באַטראַכט דאָס דאָזיקע פּעקעלע — געווען איז עס אין אַ צייט פון הונגער און טויט — און ער איז געשטאַנען און מיט די ציטערנדיקע פינגער האָט ער געגלעט דאָס געבאַקן טייג, וואָס האָט געשמעקט מיט לעבן און מיט זעגעניש, און זיין האַרץ האָט פאַרכטיק געקלאַפּט, געקלאַפּט, געקלאַפּט.

האָט ער זיך ווידער געלאָזט גיין און איז ווידער שטיין געבליבן און האָט גובר געווען זיין הונגער. און דאָס איז געווען זיין גרויסער נצחון. און ער איז געגאַנגען ווייטער און ווייטער. און ווען ער איז ווידער שטיין געבליבן האָט אים באַגעגנט די גרויסע מפּלה: אַ קליין שטיקעלע ברויט האָט ער צוגעטראָגן צום מויל. און דאָס איז געווען זיין מפּלה. און דערנאָך האָט ער זיך נאָך עטלעכע מאָל פאַרהאַלטן און די מפּלה איז געוואָרן אַלץ גרעסער און אַלץ קלענער דאָס שטיקעלע ברויט.

ווען ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים, זענען די קינדער שוין געשלאָפן, און איינס פון זיי האָט מיט דעם הענטעלע זיך פאַרשטעקט דאָס מויל. און ער, דער באַזיגטער, האָט דאָס קינד ארומגענומען און געקושט עס און געהאַלדזט עס, און געוויינט מיט ביטערע טרערן.

איך וואָרן אייך: איר זאָלט דעם דאָזיקן מענטש נישט משפּטן. נישט ער איז שולדיק.

פרעגט, פאַרוואָס איז אַ מענטש אַנידערגעפאַלן און געוויינט צוליב אַ פּענעץ ברויט?

ביים טיש פון רייכע לייט האָב איך געגעסן. ביים טיש וואָס איז געווען באַדעקט מיט פיינע מאכלים. מיט מעל־שפּייזן און געבעקסן פאַרשיידענע, וואָס איך האָב אפילו זייער נאָמען נישט געקענט.

שיינע פרויען, דאַמען איידל געבוירענע האָבן מיט זייערע ראָזע פינגער צוגעטראָגן צום מויל ברעקעלעך פון דעם קוילישש, וואָס איז געווען געל ווי זאַפערן, און זיי האָבן געפּלוידערט, בכדי צו פאַרווילן די נאָבעלע הערן.

— ליבע איז אונדזער לעבן.

און די הערן האָבן געזשליאָקעט דעם אַלטן וויין און האָבן געשמייכלט.

— פרויען זענען אונדזער לעבן...

און אַ גייסטלעכער איז געזעסן ביים טיש און האָט גערעדט וועגן רחמנות, און אַלע האָבן געקוקט אויף מיר און האָבן פאַרשטאַנען, אַז ער רעדט וועגן מיר. האָב איך מיך אויפגעהויבן פון אָרט און געזאָגט:

— ברויט איז אונדזער לעבן, צוליב ברויט ליבן מיר און האַסן.

אַזוי האָב איך צו זיי געזאָגט און זיי האָבן געשוויגן, און געטראַכט האָבן זיי, אַז איך בין אַן עם הארץ.

האָב איך געקוקט אויף דעם פרישן קוילישש, וואָס איז געווען געל ווי זאַפערן און איך האָב אין אים דערקענט דאָס ברויט פון מיין טאַטן, וועלכער איז געווען אַ פּראָסטער פויער, און איך האָב דערקענט דאָס מעל פון מיין מאַמען — פון דער פרוי וואָס איז געשטאַנען ביי דער זשארנע און האָט געדרייט דעם שווערן שטיין, וועלכער איז געווען קיילעכדיק ווי אַ ברייטל, און אפילו די זאַפערן האָב איך דערקענט, די זאַפערן וואָס זענען געוואַקסן אין מיין מאַמעס גאָרטן.

האָב איך געזאָגט צו די שיינע דאַמען און צו די בכבודיקע הערן:

— דאָס ברויט אויף אייער טיש איז געגנבעט.

דעמלט האָבן זיי מיך אַוועקגעטריבן פון זייער טיש, און איך בין אַוועקגעגאַנגען. און אויב איך דערציייל עס היינט, איז עס בלויז צוליב דעם, בכדי אייך צו וואַרענען. איידער איר זעצט זיך אַוועק צו אַ רייכער סעודה אין דער געזעלשאַפט פון שיינע פרויען מיט ראָזע פינגער, באַטראַכט אייך צוערשט, צי דאָס ברויט אויפן טיש איז נישט קיין געגנבעט ברויט. עס פּאַסט דאָך נישט צו זיצן ביי אַ טיש, וואָס איז געדעקט מיט גנבה און צו רעדן וועגן ליבשאַפט אָדער וועגן אַנדערע שיינע זאַכן.

איך בין נישט קיין צויבערער, איך ווייס נישט דעם סוד פון זעטיקן דעם מענטשלעכן הונגער. איך בין דאָך נישט קיין בעקער.

דאָך וויל איך אייך פאַרזיכערן: איך קען אָט די דיכטונג פון פענעץ ברויט, ווייל איך בין דאָך יענער, וואָס די געדערים זענען אים צוגעוואַקסן צום רוקן, און געשען איז עס צוליב דער בענקשאַפט נאָך אַ שטיקל ברויט. צוליב הונגער איז דאָס געשען...

אין שפּיטאָל

דאָס קול פון דער פרוי איז געווען שטיל און באַשיידן.

— כ'האָב דיר געבראַכט די קינדער. ביסטו צופרידן, וואָס כ'האָב זיי מיטגעבראַכט?

— כ'בין צופרידן. ווייסט דאָך, אז כ'האָב זיי געוואָלט זען.

צוויי מיידעלעך זענען עס געווען. די יינגערע איז אַלט געווען אַ צוויי אָדער דריי יאָר. די עלטערע — פיר אָדער פינף.

— קום — האָט געזאָגט דער קראַנקער און האָט אויסגעצויגן די אָרעמס.

דעמלט האָט די עלטערע זיך געלאָזט פּאַוואָליע, שעמעוודיק, אַן ערנסטע און פאַרטראַכטע. ווען זי איז שוין געשטאַנען לעבן פּאָטער, האָט זי אַראָפּגעלאָזט די אויגן, און אירע קליינע, פאַרפרוירענע הענטלעך (געווען איז עס ווינטער) האָבן נישט געוווסט ווו זיך אהינצוטאָן.

— גיב מיר אַ קוש — האָט געזאָגט דער טאַטע.

זי האָט עס געטאָן לייכט און צאַרט און געלאָזט זיך אַרומנעמען. דער פּאָטער האָט זי געהאַלטן א ווײַלע אין די אָרעמס און זיפצנדיק, האָט ער געפרעגט:

— האָסט מיך נאָך ליב? עס דאַכט זיך מיר, אַז דו האָסט מיך שוין פאַרגעסן.

די געדאַנקען פון קינד זענען געווען נאָענט פון זיינע געדאַנקען, נאָר געלאָפן זענען זיי ערגעץ אַנדערשווו.

— וועסט נישט שטאַרבן, טאַטעניו? — האָט געפרעגט די קליינע — זאָג, אַז דו וועסט נישט שטאַרבן.

— פאַרוואָס פרעגסטו, צי איך וועל שטאַרבן?

— ווייל איך וויל, אַז דו זאָלסט אַהיים קומען. ווען דו ביסט געווען אין דער היים, האָסטו זיך געשפּילט מיט מיר, אַלע האָבן זיך דעמלט

געשפּילט מיט מיר. היינט וויל זיך מיט מיר קיינער נישט שפּילן. ווען דו וועסט אַהיימקומען, וועסטו זיך ווידער שפּילן מיט מיר, אמת?

ער האָט שווייגנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ און געקוקט אויפן באַלקאָן.

— געדענקסט, טאַטע? — האָט געפּלאַפּלט דאָס מיידעלע — האָסט מיר געצייכנט אַ העזעלע. איך האָב געהאַט אַזויפיל פאַרביקע בלייערס. און אַנדערש מאָל ביסטו מיט מיר געווען אויף אַ שפּאַציר. אַ גאַנצן טאָג...

— יאָ... — האָט געשמייכלט דער קראַנקער — אַוודאי געדענק איך. דאָס איז געווען אַ שיינער טאָג. מיר האָבן זיך גוט פאַרווײַלט.

— מיר זענען אַרומגעלאָפן אויף דער לאָנקע און געריסן בלומען.

פּלוצים האָט דער פאָטער עפּעס דערזען אויפן לייב פון קינד.

— ווער האָט דיך געשלאָגן? — האָט ער געפרעגט מיט אַ ציטערנדיקער שטימע — זאָג מיר, ווער האָט דיך געשלאָגן?

— קיינער, טאַטעניו, קיינער האָט מיך נישט געשלאָגן — האָט פאַרזיכערט די קליינע.

— נו, איז גוט — האָט ער זיך באַרואיקט. — איצט גיב מיר נאָך אַ קוש און גיי שוין.

דאָס מיידעלע האָט זיך אַוועקגערוקט אין אַ זײַט. צוגעקומען איז די קלענערע.

— מײַן טאַטע — האָט זי זיך צעלאַכט — מײַנער.

דער קראַנקער האָט אַרומגענומען דאָס קינד און ליידנשאַפטלעך עס צוגעדריקט צו זיך.

און איך האָב געקוקט אויף די דאָזיקע מענטשן, און איך האָב געוואָלט אַראָפּגיין פון בעט און זאָגן צום פאָטער פון די צוויי קליינע מיידעלעך: גיי צוריק צו דײַנע קינדער! גיי צו זיי צוריק, ווײַל דו ביסט זיי זייער נויטיק, אַז דיר וועלן זיי זיין אָרעם און אומגליקלעך, אַז דיר וועלן זיי זיין פאַרפלאָגט. אויב דער זינלאָזער טויט מוז טרעפן איינעם פון אונדז, דערלויב, אַז איך וועל דיך פאַרטרעטן...

אַזוי האָב איך געטראַכט. אַזוי האָב איך געטראַכט קורץ און לייכטזיניק. ווײַל געוווּסט האָב איך דאָך, אַז עס איז אוממעגלעך און קיין שום אָפּמאַכן און קיין שום קרבנות וועלן דאָ גאָרנישט העלפן, און דער דאָזיקער געדאַנק האָט מיר מיטאַמאָל לייכט געמאַכט אויפן האַרץ, ווײַל איך האָב דאָך אויך געוואָלט לעבן. איך האָב דאָך אויך באַגרענעצט מײַנע

פּרעטענזיעס צו דער וועלט, און אפילו אין דעם דאָזיקן באַשיידענעם שפּיטאָל־צימער איז מיר געווען ווויל און גוט, כ׳בין געווען כמעט גליקלעך.

לאַנגזאם און פאָרזיכטיק בין איך צוגעגאַנגען צום פענצטער, עס האָט געשנייט. אַ געדיכטער, פוכיקער שניי איז געפאלן און די וועלט האָט אויסגעזען ווייס און זויבער.

די קינדער, וועלכע האָבן נאָך וואָס באַזוכט זייער קראַנקן פאָטער, האָבן זיך איצט געשפּילט אויף דעם שפּיטאָל־הויף. זיי האָבן געמאכט אַ גרויסן קאָמישן שניי־מענטש. באַלד איז אָבער אַרויסגעקומען דער הויזוועכטער און האָט זיי פון דאַנענט פאַרטריבן. אויך זייער מוטער, וואָס האָט נאָך אליין נישט געקאָנט באַהערשן דאָס שלוכצן. איר פּנים איז געווען רויט און די אויגן געשוואָלן פון טרערן.

דיכטונג און ליבע

זי איז געזעסן לעבן מיר אַ פאַרזאָרגטע. זי איז נאָך געווען גענוג יונג, אַלנפאַלס זענען קענטיק געווען שפּורן פון אַמאָליקער שיינקייט.

איך האָב געקענט איר פאַרשטאָרבענעם מאַן. אין אַ געוויסער מאָס בין איך אַפילו געווען זיין פריינד. דערפאַר טאַקע האָב איך זיך איצט געפילט אַ ביסל אומזיכער, אַ ביסל שולדיק קעגן זיין געדעכעניש. ווייל געקוקט האָב איך אויף דער דאָזיקער פרוי אין שוואַרצע מלבושים נישט אַזוי, ווי מען קוקט אויף סתם אַ באַקאַנטע — איך האָב געקוקט אויף איר מיט גיריקייט. זי איז געווען פאַר מיר אַ פ ר ו י. אַזוי איז עס געווען און איך מיין, אַז עס איז אין דעם נישט פאַראַן קיין שום אויסגעלאַסנקייט.

איך בין נישט געווען פאַרליבט אין דער דאָזיקער פרוי און דאָך האָב איך געהאָפט עטוואָס פרייליכער צו פאַרברענגען מיט איר דעם אָוונט. צי האָט זי געמיינט, אַז איך האָב זי פאַרבעטן בלויז בכדי אויסצוהערן אירע דערמאָנונגען וועגן דעם פאַרשטאָרבענעם? סוף כל סוף געהער דאָך שוין דאָס אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן איר און איר פאַרשטאָרבענעם מאַן, צום עבר. און זי, דאָרע, איז דאָך אַ יונגע פרוי אָן קינדער. און אַלמנות קאָנען דאָך נישט ביז צו דער אומענדלעכקייט טרויערן נאָך זייערע מענער. דאָרעס יונגשאַפט וועט אויך נישט דויערן אייביק, און דעריבער...

— דאָרע — זאָג איך צו איר אינטים, און איך פרוו נישט באַווייזן אַז איך בין אומגעדולדיק — פאַרוואָס קערסטו זיך ווידער אום צו יענע אַלטע געשעענישן. פאַרוואָס? דערלויב מיר...

אָבער זי פאַרשטייט שוין וואָס איך וויל איר אָנבאָטן. זי ווייס, וועגן וואָס איך וויל מיט איר רעדן, איצט, אין דער דאָזיקער אָוונטיקער שעה, ווען מיר זיצן אַליין אין דעם וואַרעמען צימער, ווו עס איז ליכטיק און אָנגענעם, כאָטש אין דרויסן רעגנט און עס בלאָזט אַ ווינט.

— אַ נאַרישע וועלט — זאָגט דאָרע און אין אירע אויגן צינדט זיך אַ פייערל פון האַס — אַ שלעכטע וועלט. נאָר ער איינער איז געווען גוט, מיין מאַן. ווען דו וואָלסט געשטאָרבן, וואָלט ער געווים געהאַט געדולד צו הערן און צו רעדן וועגן דיר, כאָטש דו ביסט קיינמאָל נישט ווערט געווען קיין הונדערט־חלק פון דעם, וואָס ער.

זי זידט. עס קאָכט אין איר די אויפרעגונג. איך וויים, אַז באַלד וועט זי נעמען וויינען, און ווען זי וועט זיך אויסוויינען, וועט זי רעדן אַנדערש צו מיר, זי וועט ווערן גלאַטן ווי אַ שעפעלע און ווי אַ שעפעלע וועל איך זי נעמען אין די אָרעמס...

— ווען איך האָב זיך מיט אים באַקענט, איז ער נאָך געווען אַ יונגער אומבאַקאַנטער קינסטלער, וואָס האָט ערשט געשטעלט די ערשטע טריט. איך וויים נישט, צי דו געדענקסט אים פון יענע יאָרן. ווי אַזוי וואָלסטו אים געקאָנט געדענקען — דו פלעגסט זיך שטענדיק ארומרינגלען מיט אַזעלכע מענטשן, וואָס זייער שטערן האָט שוין געלויכטן מיטן פולן גלאַנץ. דו געהערסט נישט צו יענע, וואָס האָבן ליב זיך צו פאַרנעמען מיט אומבאַקאַנטע אָנפאַנגער, וואָס זייער אָנוועזנהייט איז נאָך נישט אימשטאַנד צו שטראַלן אויף דיר מיט כבוד.

— מיין ליבע — זאָג איך אַ פארשעמטער — איך פיל אין דיינע ווערטער האַס צו מיר. פאַרוואָס? דו באַדויערסט, וואָס נישט איך, נאָר ער איז געשטאָרבן... אָבער אין יענע צייטן, וועגן וועלכע דו רעדסט, האָב איך דאָך אים נאָך נישט געקענט.

— אַוודאי, אַוודאי. דו האָסט שוין דעמלט געהערט צו די אָנערקענטע שרייבער, צו די יעניקע, וועלכע שטעקן מיט זייערע קעפּ אין הימל. גאָט, ווי פיינט איך האָב אייך! ניין, רייס מיר נישט איבער, איך מוז עס דיר זאָגן. דו ביסט דאָך אויך דער זעלבער... ווען איר הייבט אָן אויסצופירן אייערע כוהנישע מיסטעריעס, טוט איר עס מיט אַן אינערלעכן ברען, איר דינט אייערע אידעען, איר קערט איבער וועלטן. פייגל פאַרשטייען אייער שפּראַך און בלומען בליען אין אייערע הערצער. קיינער פון אייך טראַכט נישט וועגן קיין שום ערדישע ענינים. איר דאַרפט נישט קיין געלט, קיין פרויען, אפילו נישט קיין וויין. איר ווילט בלויז ראַטעווען די וועלט, ראַטעווען דאָס מענטשלעכע געוויסן אד"גל. ערשט שפּעטער, ווען אייערע מאָגערעביינער ווערן ארומגעוואַקסן מיט שמאַלץ, און ווען אויף די ברוסטן אייערע הייבן אָן צו גלאַנצן בכבודיקע אָפּצייכענונגען — ערשט דעמלט פאַסירט מיט אייך עפּעס שלעכטס. אייער מוח הייבט אָן

צו פאַרגעסן און עס קומט דאָס אומגליק, וועגן וועלכן איר אליין ווילט אפילו נישט וויסן... רייס מיר נישט איבער די רייד, איך ווייס וואָס איך רעד. צען יאָר האָב איך אייך באַטראַכט, דיך און ענלעכע צו דיר... איר הייבט אָן צו פאַרגעסן, און בלויז אין זעלטענע יום־טובים דערמאָנט איר נאָך טיילמאָל וועגן מענטשלעכן געוויסן, אָדער וועגן דעם, אז די קונסט איז געגליכן צום דפק פון דער וועלט, אָדער ענלעכע ווערטער, וואָס קלינגען שיין, אָבער באַדייטן גאָרנישט און פאַרפליכטן צו גאָרנישט, ווייל עס זענען דאָך בלויז ווערטער. איר הערט אויף צו קעמפן. און וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאן א קינסטלער?... ביסט גערעכט, איך חזר איבער דאָס, וואָס מיין מאַן פלעגט זאָגן. ער איז געווען אַן אמתדיקער קינסטלער, אַ דיכטער איז ער געווען, און ער האָט פאַרלאַנגט פון אַנדערע דאָס זעלבע, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט פון זיך. אָבער נישט אַלע זענען ענלעך צו אים.

— באַרואיק זיך — האָב איך געזאָגט, ווען זי איז אויף אַ ווײַלע אנטשוויגן געוואָרן — טרינק אוים אַ גלעזל וויין, דאָס וועט דיר גוט מאַכן. און אפשר האָסטו ליבער קאָניאַק?

— ניין — זי האָט אַוועקגערוקט דאָס גלעזל מיט דער משקה. קיין פּאַפּיראָס האָט זי אויך נישט געוואָלט פאררויכערן.

— דאָס געפעלט מיר — האָב איך געזאָגט מיט אָנערקענונג — שטענדיק האָב איך געטרוימט וועגן אַזאַ פרוי, וואָס רויכערט נישט קיין פּאַפּיראָסן און טרינקט נישט קיין וויין. אָבער קיין גליק צו פרויען האָב איך נישט געהאַט.

דער קאָניאַק איז געווען שטאַרק און האָט אַרייַנגעבראַכט אין קערפּער אַ פיינע וואַרעמקייט. דער פּאַפּיראָס האָט מיר אויסגעצייכנט געשמעקט. אינדרויסן איז געווען אַ האַרבסטיקער רעגנדיקער און קאַלטער בין־השמשות. אין קוימען האָט געבלאָזן דער ווינט, אָבער דאָ אין צימער איז געווען וואַרעם. איך וווין שוין דאָ אַ היפּשע פּאָר יאָר. איך האָב מיך צוגעוווינט צו די דאָזיקע פיר ווענט, איך האָב זיי ליב באַקומען צוזאַמען מיט די אַלטע מעבל און חפצים, וואָס מיין טויבע באַלעבאָסטע האָט דאָ אָנגעזאמלט אין משך פון איר לאַנג און אַרבעטזאַם לעבן. ווען איך האָב מיך דאָ באַזעצט, בין איך געווען אַ סך ייִנגער ווי היינט. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דאָס לעבן איז אייביק און דער מענטש — אומשטערבלעך.

דער רויך פון מיין פאַפּיראָס וויקלט זיך אַרום האָרעס געשטאַלט, אַרום אירע שיינע האָר, אַרום איר געזיכט. שיין איז זי, א שיינע פרוי אין דער פולער רייפקייט — דאָס זענען יענע דערפאַרענע יאָרן צווישן דרייסיק און פערציק, ווען דער חן פון געשלעכט צוזאַמען צוזאַמענמיישן. דאָס זענען דאָך די יאָרן, ווען דער מענטש, ספּעציעל די פרוי ווערט זיך קעגן דער אָנקומענדיקער עלטער, דעמאָלט אַנטוויקלען זיך אַלע ביז איצט פאַרבאָרגענע חנען, זיי אַנטפּלעקן זיך און ציען צו זיך. אַזוי איז עס אויך מיט דאָרען.

עס וואָלט געווען אַ ליגן, ווען איך זאָל זאָגן, אַז איך ליב זי — ניין, איך האָב מיך קיינמאָל אין איר נישט געליבט און קיינמאָל האָב איך מיט איר נישט גערעדט וועגן ליבע. אַזאַ שמועס אין מיינע יאָרן וואָלט דאָך געקאָנט קלינגען לעכערלעך.

איך בין נישט פאַרליבט אין דאָרען, און דאָך וואָלט איך זי געוואָלט פאַרהאַלטן ביי זיך. איך לעב איינזאַם, און לעצטנס פיל איך מיך שלעכט. איך שלאָף אומרואיק און איך וועק זיך אָפט, איך וועק זיך מיט אַ שרעק. אַ מאָדנער געפיל איז עס, איך וואָלט געדאַרפט גיין צו אַ גוטן דאָקטער, זיך לאָזן אונטערזוכן, אָבער אויך פאַר דעם האָב איך מורא...

— פאַרוואָס הערסטו מיך נישט? — פרעגט דאָרע — אויב דו האָסט מיך פאַרבעטן צו זיך, דאַרפסטו כאָטש זיין אויף אַזויפיל גוט דערצויגן, אַז דו זאָלסט מיך אויסהערן. איך רעד דאָך צו דיר. דו האָסט נישט קיין שום פאַרשטענדעניש פאַר מיר. זיי צו מיר גוט...

— יאָ — האָב איך געענטפערט — מיר דאַרפן זיין גוט לגבי דעם צווייטן. מיר אַלע, וואָס מיר לעבן נאָך, מיר אַלע מוזן זיין גוט און מיר אַלע בענקען צו אַ ביסעלע גוטסקייט. אָבער דו אַליין פאַרגעסט דאָך וועגן דעם. ווען זענען דען נויטיק דיינע דערמאָנונגען וועגן א י ם, וועגן דיין מאַן? ער לעבט דאָך שוין נישט, ער ליידט נישט, ער בענקט נישט, ער פילט נישט קיין פּחד פאַר דער אָנקומענדיקער נאַכט און ער ציטערט נישט פאַר דעם אורטייל, וואָס עס וועט אויף אים היינט־מאָרגן אַרויסטראָגן דער דאָקטער... אים איז דאָך שוין דיין גוטסקייט נישט נויטיק און אויך נישט דיין פאַרשטענדעניש, דיין גרויסמוט. דאָס זענען א ו נ ד ז נויטיק די דאָזיקע גוטע געבענטשטע זאַכן מ י ר זענען זיי נויטיק, און אויך ד י ר, אָבער נישט אים... האָסט זיך גאָרנישט וואָס פאָרצוואַרפן. ביזט געווען אַ גוטע פרוי ווי לאַנג ער האָט געלעבט. האָסט

פון אים באַקומען ווייניק און געגעבן האָסטו אים פיל. מיר האָט קיינער נישט געגעבן אַזוי פיל.

— וואָס קאָנסטו דען וויסן? דו האָסט דאָך אים נישט געקענט, דו האָסט נישט קיין אנונג וואָס פאַראַ מענטש ער איז געווען.

— איך האָב אים געקענט פונקט אזוי גוט, ווי דו — האָב איך געענטפערט — כאָטש דיר דאַכט זיך, אַז דו האָסט אים געקענט בעסער, ווייל דו ביזט געווען זיין פרוי. איך וויל דיך פאַרזיכערן, אַז אלס מענטש און אַלס קינסטלער האָב איך אים געקענט פיל בעסער, איך האָב אים בעסער פאַרשטאַנען. אָבער ווען דו האָסט וועגן אים גערעדט און דערציילט זיינע מעלות, האָב איך דערווייל געקוקט אויף דיינע שיינע, ווי פון מאַרמאָר אויסגעשטאָקטע קני, און געטראַכט האָב איך וועגן דיינע פיס און וועגן דיין קערפער און וועגן דיינע האָר. פאַרוואָס קוקסטו אַזוי מאָדנע אויף מיר? דיין מאַן איז געווען זייער אַ גוטער און סובטעלער דיכטער, אָבער ער לעבט שוין נישט און ער דאַרף נישט דיין יזכור. און אויב די דאַזיקע דערמאָנונגען וועגן אים זענען דיר נויטיק, בין איך דיר גרייט צו העלפן: איך קאָן דיר באַשרייבן זיין גאַנצן וועג, זיין גאַנץ מאַטער־ניש, די גאַנצע טראַגעדיע פון קינסטלער. איך האָב זי פאַרשטאַנען נאָך דעמלט, ווען ער האָט געלעבט, איך קאָן דיר דאָס אַלץ דערציילן מיט די גענויסטע פרטים.

זי האָט געזאָגט מיט פאַרוואורף:

— איצט ווילסטו וועגן אים רעדן, ווייל דו ווילסט רעדן וועגן זיך. אַזוי איז דאָך שטענדיק, וויפל מאָל דו רעדסט וועגן עמעצן און דו שרייבסט וועגן עמעצן — שטענדיק שרייבסטו וועגן זיך און רעדסט וועגן זיך, כאָטש דו באַנוצסט זיך מיט אַנדערע פּערסאָנאַזשן.

— יאָ, דו ביזט גערעכט. אין אַ געוויסן זין איז עס אמת.

איך האָב שוין געוואָלט פאַרענדיקן דעם דאָזיקן שמועס, גענוג האָבן מיר שוין גערעדט וועגן אים, און זי, דאָרע, האָט גאָרנישט געוווסט, ווי פיינלעך דער דאָזיקער שמועס איז פאַר מיר געווען.

איך בין נישט געווען אייפערזיכטיק צוליב איר צוגעבונדנקייט צו זיין שאָטן און צו די דערמאָנונגען וועגן אים. דערמאָנונגען שטאַרבן אָפּ, פאַרבייטן זיך אין אַש, ווערן בלאַס און דין און אין אַ געוויסן טאָג קומט אַ לייכט ווינטל, וואָס פאַרטרייבט זיי אויף שטענדיק.

— ער האָט גאָרנישט געהאַט פון זיין לעבן — זאָגט דאָרע — וואָס האָט ער געהאַט פון זיין לעבן? וואָס?

— ער האָט דאָך געהאַט זיין אַרבעט — ענטפער איך מיט אַ שמייכל, און איך ווייס אַליין נישט וואָס דער דאָזיקער שמייכל באַטייט — איך פאַרזיכער דיך, מיין טייערע, אַז זיין אַרבעט האָט אים געגעבן פיל פרייד און צופרידנקייט, כאָטש דו קאָנסט עס אפשר נישט פאַרשטיין.

— אויך דו פאַרשטייסט נישט אַלץ — האָט זיך אָפּגעבייזערט די יונגע אלמנה — ער איז געווען באַשיידן, זייער באַשיידן... און דאָך האָט ער געזוכט אָנערקענונג, פונקט ווי אַלע פּאָעטן, פונקט ווי אַלע מענטשן. טיילמאָל פלעגט ער בלעטערן זיינע אייגענע ביכער און קוקן אויף מיר מיט גרויסע, פרעגנדיקע אויגן: „און אויב דאָס אַלץ באַטייט גאָרנישט? אפשר איז דאָס בכלל נישט קיין דיכטונג? אפשר איז די דיכטונג בלויז אין מיין האַרץ און נישט אין מיינע פערזן?“ אַזוי פלעגט ער פרעגן דעמלט, ווען ער איז שוין געווען שטערבלעך קראַנק. און איך פלעג אים ענטפערן, איך, וועלכע האָב קיין אנונג נישט געהאַט אין דער אמתער קונסט. „זאָג נישט — פלעג איך אים זאָגן — דאָס איז די אמתע דיכ־טונג און מענטשן וועלן דאָס פאַרשטיין, אויב נישט איצט, איז מיט אַ צייט שפּעטער“. אַזוי האָב איך אים געטרייסט, און ער האָט נאָך גע־זאָגט: „עס וואָלט פאַר מיר געווען שרעקלעך, ווען דאָס אַלץ, וואָס איך האָב געשאַפן זאָל זיין אָן באַדייטונג“. דאָס האָט אים געמאַטערט ביז צו זיין לעצטער מינוט.

איך האָב זיך צוגערוקט צו דאָרען. איך בין געווען פול מיט־מיט־לייד, איך האָב עפּעס געוואָלט טאָן פאַר דער דאָזיקער שיינער פרוי און איך האָב געוואָלט, אַז זי זאָל אויך עפּעס טאָן פאַר מיר. ביידע זענען מיר דאָך געווען איינזאַם. זי האָט געהאַט בלויז דעם קבר פון פאַרשטאָר־בענעם מאַן און איך האָב אפילו קיין קברים נישט געהאַט. זי — אַ יונגע און רייצנדיקע, איך — אַן עלטערער מאַן, וואָס דערנענטערט זיך צו דער גרענעץ פון זיין, אָבער פאַרטרייבט נאָך פון זיך דעם דאָזיקן געדאַנק, פונקט ווי דאָס מענטשלעכע לעבן זאָל זיין אומשטערבלעך.

עס איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט. איך האָב געוווּסט, אַז דאָרע וועט באַלד אַוועקגיין. אפשר וועל איך זי באַגלייטן ביז צום טראַמוואַי, און אפשר וועט זי פאַרשטיין, אַז אין אַזאַ שפּעטער שעה און אויף אַזאַ קאַלט וועטער גיי איך נישט גערן אַרויס פון שטוב. ס׳איז מעגלעך, אַז זי וועט מוחל זיין מיין באַגלייטונג און וועט אַליין גיין און איך וועל פאַר־בלייבן אַליין אין דעם דאָזיקן פאַרשטויבטן, אַלטמאָדישן צימער, אַליין מיט מיין אַלטער טויבער באַלעבאָסטע, און איך וועל מיך לייגן אין בעט

אַריין און וועל ווידער ליידן אויף שלאָפלאָזיקייט און אויף דעם וויסטן פּחד, וואָס באַזוכט מיך יעדע נאַכט. ווען איך בלייב אליין אין צימער, טוט מיר ווי דאָס האַרץ, און פון דעם דאָזיקן ווייטיק קומט אויך דער אומרו, דער פּחד. אנטלויף איך פון דער פינצטערניש צו מיין שרייבטישל. ביז אין דער שפּעטער נאַכט שרייב איך אין וואַרעמען קרייז פון מיין טיש־לאָמפּ. דער גרינלעכער שיין, וואָס שווימט דורך דעם אַבאַזשור, ווירקט גוט אויף מיינע נערוון. איך שרייב איבער מיין נייעסטן ראָמאַן, איך שרייב שוין דאָס דאָזיקע בוך דריי מאָל, און איך רעד מיר אַליין איין, אַז דער ראָמאַן איז נאָך נישט פאַרטיק, נאָך נישט גענוג גוט. איך האָב מורא, אז ווען איך וועל שוין פאַרענדיקן מיין אַרבעט, דעמלט וועט מיך דערשלאָגן מיין קראַנקהייט און מידקייט. און דאָרע, די שיינע פרוי וואָס זיצט איצט לעבן מיר, זי פאַרשטייט דאָס נישט און איך קאָן איר דאָס נישט געבן צו פאַרשטיין. איך קאָן אַפילו נישט רעדן וועגן דעם מיט איר, ווייל עס איז דאָך אוממעגלעך צו זאָגן א פרוי, אַז מען וויל זי האָבן צוליב דעם פּחד פאַר שלאָפלאָזע, איינזאַמע נעכט.

— אפשר ווילסטו עפּעס עסן? — פרעג איך מיט א פאַרבאָרגענער האָפענונג, אַז זי וועט אַליין צוגרייטן דאָס אָוונטברויט.

אָבער זי איז נישט הונגעריק, זי דאַנקט. זי וויל נישט עסן.

— דאָרע — זאָג איך צו איר מיט געפיל — אַזוי לאַנג האָב איך אויף דיר געוואַרט...

און עס האָבן זיך אין מיר אָפּגערופן דערמאָנונגען, גאָר נישט אַזוי אַלטע און ווייטע — ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז עס געווען. געזוגט בין איך נאָך דעמלט געווען און מיין לעבן איז גאָרנישט געווען אַזוי איינזאַם, און אויך מיינע נעכט... גאַטעניו, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, איך בין דאָך נאָך נישט אַזוי אַלט, אויב די דאָזיקע פרוי געפעלט מיר אַזוי שטאַרק...

— איך האָב פאַרשפּילט מיין לעבן, דאָרע. פאַרשיכורט האָב איך עס. אָבער דאָס ביסעלע, וואָס עס איז מיר נאָך פאַרבליבן, וואָלסטו געקאָנט אָפּראַטעווען. הערסט, דאָרע?

— האָסט דאָך געהאַט די פרייד פון דיין אַרבעט — ענטפערט זי קאַלט — האָסט געשריבן, האָסט זיך דערוואָרבן אַ נאָמען. וואָס נאָך ווילסטו? און... זאָג מיר: ווי אַלט ביסטו איינגנטלעך? מיר דאַכט זיך, אַז מיין מאַן איז געווען אַ סך יינגער פון דיר...

וואָס האָב איך איר געקאָנט דערויף ענטפערן? אַז ערשט נעכטן בין איך געווען יונג, אַז די דאָזיקע יונגשאַפט איז אין מיר אַזוי פריש, ווי דער ערשט נעכטן איבערגעלעבטער טאָג, און אַז איך קער מיך אַלץ אום און שטרעק אויס די פוסטע הענט צו מיין עבר...

— אַמאָל האָב איך געשריבן וועגן מענטשן, וואָס ווערן ווי די זאַנגען רייף צו זקנה און צום שטארבן. א גאַיוואר ליגן איז עס געווען. דער מענטש איז קיינמאָל נישט רייף צום טויט.

— באַרואיק זיך — דאָרע לייגט איר שמאָלע שיינע האַנטפלאַך אויף מיין אקסל — באַרואיק זיך, רעג זיך נישט אויף. דאָס האָט דער שמועס וועגן מיין מאַן דיך אויפגערעגט.

איך פיל לעבן זיך איר ווים שמעקעוודיק לייב, איך מאַך צו די אויגן, עס איז מיר וואַרעם, גוט.

— דערלויב מיר צו קושן דיין אָרעם — זאָג איך.

— קוש... — האָט זי זיך צעלאַכט גלייכגילטיק.

אָבער איר אָרעם איז קאַלט און פרעמד.

— וועסט בלייבן ביי מיר? — פרעג איך און דאָס הארץ קלאַפּט ביי מיר ווי ביי אַ גזלן. איך ווייס דאָך, אַז זי וועט נישט בלייבן, איך ווייס, אַז נישט צוליב מיר איז זי דאָ געקומען, זי איז געקומען בלויז צוליב זיך און צוליב א י ם, ווייל זי האָט געוואָלט וועגן א י ם רעדן, אָפּרעדן זיך פון האַרץ.

— אין דיינע יאָרן טאָר א מענטש נישט זיין אַליין — זאָגט זי — דו דאַרפסט זיך אויסזוכן עפּעס אַ פרוי. אַן עלטערע פרוי.

אַן עלטערע פרוי? וואָס האָט זי געוואָלט זאָגן מיט דער דאָזיקער עצה?

— נאַרישקייטן — האָב איך געענטפערט — איך וועל מיר אַן עצה געבן אָן אַן עלטערער פרוי.

זי האָט זיך אויפגעהויבן און איך האָב איר געהאָלפן אָנטאָן דעם מאַנטל, און איך האָב ווידער דערפילט דעם ריח פון איר געזונט ווייבעריש לייב און ווידער האָט מיין הארץ גענומען פּיקן ווי ביי א פאַרברעכער.

באַגלייט האָב איך זי ביז צו דער טיר, נישט ווייטער. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מער וועט זי שוין צו מיר נישט קומען.

ווען זי איז אַרויס אויף דער גאַס, האָב איך נאָך אַ ווײַלע נאָכגעהערט, אָבער אירע טריט האָבן זיך אויסגעמישט מיט די טריט פון אַנדערע דורכגייער און איר געשטאַלט איז פאַרשוווּנדן אין דער נאַכט.

איך בין געבליבן אַליין און האָב זיך אַוועקגעזעצט צו מיין שרייבטיש. — כ'האָב געוואָלט אויסבעסערן דאָס לעצטע קאַפּיטל פון מיין ראָמאַן. פּלוצים איז מיר איינגעפאַלן, וואָס עס וואָלט געשען, ווען איך שטאַרב אין דעם דאָזיקן אָוונט. ווער וואָלט אַוועקגעטראָגן דעם מאַנוסקריפּט אין דער רעדאַקציע? און איך האָב מיר פאָרגעשטעלט די צופרידנקייט פון מיין אַלטער, טויבער באַלעבאָסטע, ווען זי וואָלט ענדלעך געקאָנט גרינטלעך אויפרוימען מיין צימער און פארברענען אלע מיינע פּאַפּירן און ביכער, צו וועלכע זי פילט זינט יאָרן א שטאַרקן האַס.

שיידוועגן

.1

נאָך מיטאָג האָט אָנגעהויבן צו פאַלן אַ שניי, אַ שווערער און געדיכטער. דערנאָך האָט זיך אויפגעהויבן אַ ווינט. דער הימל האָט זיך פאַרצויגן מיט טונקעלע וואָלקנס. פרי איז צוגעפאַלן דער בין־השמשות.

אין הויז, ווו איך האָב געוווינט, איז שטיל, אין דער דאָזיקער שעה פון דעמערונג פלעגן די איינוווינער געווייינלעך דרימלען. בלויז אַ טייל פלעגט זיצן אין פאַרווייל־זאַל און שפילן אין קאָרטן, אָדער שרייבן בריוו צו קרובים. געווען זענען עס מענטשן קראַנקע, צעבראָכענע, מענטשן וואָס זענען ערשט מיט אַ פאָר חדשים צוריק באַפרייט געוואָרן פון די דייטשישע לאַגערן, דאָס דאָזיקע הויז איז געווען זייער צייטווייליקע היים, ווו זיי האָבן געפונען אָפרו נאָך די יאָרן אין די היטלערישע קאַצעטן און קאַזאַרמעס. איך בין געווען איינער פון זיי — אַ מידער, קראַנקער, דערשלאָגענער.

איך פלעג זיך אַוועקשטעלן ביים שפיגל און קוקנדיק אויף מיין אויסגעצערט געזיכט, פלעג איך טראַכטן: „אַ צעבראָכענע כלי ביסטו, אַ כלי פון וועלכער אַלץ איז שוין אויסגערונען, אַ צעבראָכענע פידל, אַ דורכגעלעכערט שיפל וואָס איז איבערגעלאָזט געוואָרן אויפן ברעג, בכדי די זון און דער ווינט און דער רעגן זאָלן עס צעשטערן ביזן סוף“.

אַזוי האָב איך אויך געטראַכט אין יענעם אָוונט, און איך האָב געוואָלט אַנטלויפן פאַר די געדאַנקען מיינע, פאַר דער איינזאַמקייט, אָבער אַנטלייפן איז נישט געווען וווהין, ווייל אויך די שכנים מיינע זענען דאָך געווען פון דעם זעלבן ליים געקנאָטן און אויך זיי האָבן דאָך געליטן די זעלבע ליידן און די זעלבע פחדים. די לאַסט פון עבר, דער טרויער, די ווונדן וואָס זענען נאָך געווען פריש — דאָס אַלץ האָט אונדז געדריקט און געמאַטערט ביי טאָג און ביי נאַכט, אין וואָר און אַפילו אין חלום. און

דאָך האָבן מיר איינער דעם צווייטן געזוכט, ווייל ערגער פון אַלץ איז געווען די איינזאַמקייט, די שלאָפלאָזע נעכט, די טריבע אָוונטן פאַרבראַכטע אין צימער.

איך האָב שטיל אויפגעעפנט די טיר אויפן קאָרידאָר און איך האָב אין דער האַלב־פינצטערניש דערקענט מיין נאָענטסטן שכן. ער איז געווען אַ גלח, אַ וואַנגעלישער גייסטלעכער, און איך פלעג אויסמיידן זיין געזעלשאַפט. שטענדיק האָב איך געפילט אַ געוויסן אומווילן צו מענטשן, וואָס פאַרנעמען זיך פראָפעסיאָנעל מיט רעליגיע. דעריבער טאַקע פלעג איך די טיר פון מיין צימער עפענען שטיל, פאַרזיכטיק, בכדי ער, דער גלח, זאָל עס נישט דערהערן און עס זאָל אים נישט איינפאַלן ארויסגיין מיר אנטקעגן און צו פאַרפירן מיט מיר אַ געשפּרעך. ווייל וועגן דעם האָבן שוין געוווסט אַלע איינוווינער פונעם הויז: ער איז נעבעך אַ צעחושטער, אַ האַלב משוגענער.

און אַט האָב איך אים ווידער באַגעגנט. ער איז געשטאַנען אין דער אָפענער טיר פון זיין צימער, פונקט ווי ער וואָלט דאָ אויף מיר געוואַרט — אַ הויכער, לייכט איינגעהויקערטער, א דאַרער, מיט אן אַסקעטיש פנים און מיט גרויע האָר, אַ פונק פון פרייד האָב איך דערזען אין זיינע אויגן, א פונק פון צופרידנקייט.

— גוט, וואָס איך זע אייך — האָט ער זיך אָנגערופן מיט א שמייכל

— איך האָב נאָר וואָס געוואָלט אָנקלאַפּן צו אייך. מיר האָבן נישט געענדיקט אונדזער נעכטיקן שמועס. אויב איר ווערט דערלויבן, אויב איר וועט מיר אנטאָן דעם כבוד, פאַרבעט איך אייך צו מיר אין צימער. קומט אַריין...

איך האָב די דאָזיקע איינלאַדונג נישט געוואָלט אָננעמען, איך האָב אָבער אויך נישט געהאַט קיין כוח אים אָפּצוזאָגן. איך בין איבערגעטרעטן זיין שוועל.

זיין צימערל איז געווען באַשיידן, אַ בוידעם־צימערל איז עס געווען, אָדער ווי מען פלעגט ביי אונדז זאָגן — אַ פאַציאַטקע, מיט א קליין פענצטערל, דורך וועלכן מען האָט געקאָנט זען די טיראָלער בערג, באַדעקטע זומער מיט גרינקייט און ווינטער מיט שניי.

— איך האָב וועגן אייך געטראַכט — האָט זיך אָנגערופן דער גלח — זייער אָפט טראַכט איך וועגן אייך. אייערע אויפפאַסונגען און מיינונגען וועגן דעם זין פון פאָעזיע זענען זייער אָריגינעל...

„זייער אָריגינעל“ — אָט אַזוי האָט ער געזאָגט, און איך האָב מיך נישט געקאָנט דערמאָנען ווען און ווו איך האָב מיט אים גערעדט וועגן פּאָעזיע, צי בכלל וועגן ליטעראַטור. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ קליין קיילעכדיק טישל, וואָס איז געווען באַדעקט מיט ביכער און מיט טעאָלאָגישע שריפטן אין פאַרשידענע שפּראַכן. דער גלח איז אַרומגעלאָפן לעבן מיר אַן אויפגערעגטער. אין צימער איז געווען האַלב־טונקל און איך בין געווען מיד פון מיינע אייגענע געדאַנקען. און אפשר איז עס געווען אַזאַ שלאָפקייט ביי מיר, אַז איך האָב נישט געהערט אַלע רייד פון מיין שכן, אַז אים אליין האָב איך מינוטנווייז אויך אויפגעהערט צו זען. זיין טונקל געשטאַלט האָט זיך דאָן אויסגעמישט מיט דעם בין־השמשות, מיט די גרויע שאָטנס אין די ווינקלען פון בוידעם־צימער.

— מיר האָבן מיט אייך גערעדט וועגן דיכטונג...

איך האָב געזוכט אין זכרון און עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז ערגעץ ווייט, אין דער טיפער פאַרגאַנגענהייט האָב איך רעציטירט אַ ליד. פיל לידער האָב איך רעציטירט. און אפשר איז עס גאָר נישט איך געווען? אפשר האָט ער, דער דייטשישער גלח, וואָס זיצט לעבן מיר, רעציטירט, כאָטש עס לאָזט זיך נישט גלייבן, אַז אין דעם דאָזיקן אלטן און פאַרוועלקטן גוף זאָל קאָנען זיין אַזאַ יונג און קלינגעוודיק קול...

— שטעלט אייך פאָר — זאָגט ער צו מיר — אַז אין דעם אַלטער־טום פלעגט מען גלייבן יעדן דיכטער, ווי מען גלייבט אַ נביא. עס זענען געווען דיכטער, וואָס מען האָט זיי אָפּגעגעבן כבוד, און נאָך וואָס פאַראַ כבוד! פאַרגעטערט האָט מען זיי, די דאָזיקע פּאָעטן. די וויזיאָנערן, וואָס האָבן רק געוואָלט ענדערן די וועלט, די דאָזיקע טרוימער און מיסטיקער, די דאָזיקע רעוואָלוציאָנערן...

איך ווייס נישט וואָס ער איז אויסן, דער דאָזיקער משוגענער, אומ־גליקלעכער פאַנאַטיקער. אָבער פאַרוואָס איז ער אַזוי אויפגערעגט? — האָב איך געטראַכט, און געפילט האָב איך אַ שרעקלעכע מידקייט, עס האָבן מיך געמאַטערט די דאָזיקע ווערטער זיינע, די שאַבלאָן־ווערטער, וואָס ווערן איבערגעחזרט אין יעדן דור און אין יעדער מדינה.

דער גלח איז מיך מכבד מיט אַ גלעזעלע קאָניאַק און שמייכלט גוט־מוטיק. מיין באַציונג צו אים ענדערט זיך אַ ביסל. סוף כל סוף איז ער דאָך אַן אָרעמער, אומגליקלעכער מענטש. ער איז דאָך אויך געקומען פון דעם זעלבן אָרט, וואָס איך, פון דעם זעלבן קאָנצענטראַציע־לאַגער און איצט מאַטערן אים פאַרשיידענע יסורים. מסתמא קאָן ער זיך נישט

קיין עצה געבן מיט זיין האס און מיט זיין נקמה. און אפשר טראכט ער גאָרנישט וועגן נקמה? אפשר טראַכט ער וועגן ליבע, אָדער אפשר מאַ־טערט אים זיין פרומקייט און דער שגעון זיינער, וועגן וועלכן אַלע שכנים ווייסן שוין?...

דער קאָניאק האָט מיר נישט געשמעקט. אַן עקלהאַפטע משקה איז עס געווען. און ער, דער באַלעבאָס מיינער, הייבט אויף איבער מיר זיין טונקעלן אָרעם און ער בענטשט מיך און ער רעדט ווידער, פאַר פייער און פאַר וואסער, און איך פרוו פאַרשטיין דעם זין פון זיינע כאַאָטישע רייד.

— דיכטונג, צי ווייסט איר, וואָס דאָס איז דיכטונג? דיכטונג איז די שפּראַך פון דער צוקונפט, דאָס טעגלעך ברויט פון דער צוקונפט. אין אַ געוויסן טאָג וועט עס געשען. אַלע וועלן זיין דיכטער. און אויב אַלע וועלן זיין, וועט דאָך קיינער זיי נישט באַדאַרפן. און א סוף וועט קומען צו אלע געטלעכע שליחותן, א סוף צו די געטער און צו די מזבחות זייערע, א סוף צו אַלע גייסטלעכע... — אזוי האָט ער געשריגן, דער אומ־גליקלעכער אפיקורס, און א שוים איז ארויפגעקומען אויף די ווינקעלעך פון זיינע ליפּן.

איך האָב אַוועקגעלייגט מיינע הענט אויף זיינע דאַרע אַקסלען און האָב אים געצוווּנגען זיך צו זעצן. כ'האָב אים דערלאַנגט א גלעזל וויין. ער האָט געטרונקען פון מיין האנט, ווייל די פינגער זיינע האָבן געציטערט. ער האָט קוים באַוויזן ארויסצונעמען פון דער טאַש א טיכעלע און אָפּצווישן דעם שווייס פון פּנים.

און געקוקט האָט ער אויף מיר וואַרטנדיק אויף עפּעס, און איך האָב געזען אין זיינע אויגן אַ גרויסע בקשה און א גרויס ליידן.

— איין וואָרט — האָט ער געבליפּעט — צי קומט דען מיר נישט איין וואָרט?! פאר אלץ וואָס איך האָב פאַרלוירן, פאַר מיין גאָט, וואָס איז געשטאָרבן מיט אַזאַ שרעקלעכן טויט, פאַר מיינע באַנקראָטירטע אידעען, פאר מיינע יסורים און פאר די יסורים פון דער גאַנצער מענטש־הייט... קיינער וויל נישט זאָגן קיין גוט וואָרט, אפילו איר, מיין שכן, וועגן וועלכן איך האָב געמיינט, אַז איר זענט א דיכטער...

אין קאָפּ האָט מיר גערוישט דער קאָניאק. ער האָט אויפגערייצט מיינע חושים. איך האָב נישט געהאט קיין געדולד.

— וועמען גייט אָן אייער משוגעת, וועמען גייען אָן אייערע ליידן — האָב איך געזאָגט ברוטאַל — וועמען גייען אָן אייערע פאַרלוסטן? איר

האָט פאַרלוירן אייער גאָט און ביי מיר ווילט איר געפינען אַ טרייסט?

— צי ווייסט איר דען נישט, אַז געטער זענען שטערבלעך, אַז זיי זענען נאָך מער שטערבלעך, ווי די מענטשן...

— איר זענט אַ שלעכטער מענטש — האָט געזאָגט דער טעאָלאָג און זיין שטימע איז איצט געווען אַ באַהערשטע, כמעט אַ נאָרמאַלע — איר זענט אַ ברוטאַלער מענטש. איך געדענק אַ טאָג, ווען איר זענט נאָך נישט געווען אַזוי ציניש, אַזוי קאַלט־בלוטיק און גלייכגילטיק. און איר, איר געדענקט דאָס אויך. דורך שניי און אייז האָבן מיר זיך געמוזט אויפהייבן אויף אַ הויכן באַרג. עס איז געווען זייער גליטשיק און די הילצערנע שיך האָבן זיך נישט געקאָנט פאַרהאַלטן, ווייל דער וועג איז געווען באַדעקט מיט אייז. האָט איר דעמאָלט אויסגעטאָן די הילצערנע שיך און געטראָגן זיי אין די ציינער, ווי אַ הונט האָט איר זיי געטראָגן, און באַוועגט האָט איר זיך אויף אַלע פיר, נישט ווי אַ מענטש, נאָר ווי אַ ווילד באַשעפעניש. און עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן פון אייך געשפעט, געלאַכט האָבן זיי, און זייער געלעכטער האָט געקלונגען ווייט אין די בערג, אַ הילכיק געלעכטער איז עס געווען און עס האָט געקלונגען פונקט אַזוי, ווי עס קלינגט דער געלעכטער פון נאָרמאַלע גוטע מענטשן. און איר זענט געווען באַרוועס און געקראָכן זענט איר אויף אַלע פיר, ווייל די הילצערנע שיך האָט איר נאָך אַלץ געטראָגן אין די ציינער. איך געדענק נאָך מיט וואָסאַראַ שטריקל זיי זענען געווען צוזאַמענגעבונדן. עס האָט זיך געפונען איינער, וואָס האָט אייך געגעבן אַ שטאַרקן קלאַפּ אינעם הינטן, און דעמאָלט האָט איר אויסגעזען נישט נאָר נעבעכדיק, נאָר אויך קאָמיש. און זיי, די מלאכי־חבלה האָבן נאָך מערער געלאַכט, זיי האָבן געקייכט פאַר געלעכטער... און איר... איר געדענקט דאָס נישט?

איך האָב געטרונקען דעם קאָניאַק, וואָס האָט געהאַט אַ ביטערן טעם, און ער האָט דערציילט, און מיט יעדן אויסגעטרונקענעם גלעזל משקה, האָב איך מיר אַלץ מערער דערמאָנט, און אַלץ מער האָב איך פאַרשטאַנען דעם דאָזיקן אומגליקלעכן שכן מיינעם.

איך האָב צוגעמאַכט די אויגן און האָב געזען: אַן אָזיערע, גרויס ווי אַ ים (כאָטש אין דער אמתן איז די אָזיערע נישט אַזוי גרויס געווען). אין טינקעלן, שוואַרצן וואַסער האָט מען דאָ געהאָדעוועט העכט. טייל־מאָל פלעגט מען זיי זען, אין וואַרעמע זומער־טעג פלעגן זיי אַרויסשפּרינ־גען פון וואַסער און אין די זון־שטראַלן האָבן זיי אויסגעזען ווי באַשע־פענישן פון אַ קינדער־מעשה. מען האָט דאָ דערציילט, אַז די דאָזיקע

העכט זענען אויסערגעוויינלעך גרויס, און פּעט זענען זיי געווען, און יעדער איינציקער פון אונדז האָט געוווסט פון וואַנענט די דאָזיקע פּעט־קייט נעמט זיך, אָבער קיינער האָט וועגן דעם נישט געוואָלט רעדן.

דער גלח האָט ווייטער געצויגן זיין דערמאָנונג:

— איך בין אויך אין יענעם טאָג געגאַנגען מיט דעם זעלבן וועג. ווי אַ שלאַנג האָב איך געפּויזעט אויף דער ערד, און עס איז גאָרנישט קיין זיכערע זאַך, אַז זיי האָבן געשפּעט פון אייך. מעגלעך, אַז דאָס האָבן זיי מיך אויסגעלאַכט, מיך און נישט אייך. און איך האָב דעמלט געהאַט נישט מער ווי איין איינציקן פאַרלאַנג: נאָך איינמאָל צו דערגיין ביז צום שפּיץ פון דעם באַרג, וווּ עס זענען געלעגן די פאַרשאָלטענע שטיינער, וועלכע מיר האָבן געמוזט טראָגן אויף די איינגעהויקערטע רוקנס. און אויף דעם דאָזיקן פאַרשאָלטענעם וועג האָב איך פּלוצים דערזען אייער פּנים. עס איז אין אייער געזיכט שוין נישט געווען קיין שום מענטשלעך געפיל. איר פאַרשטייט מיך? איר מוזט דאָך עס פאַר־שטיין... נישט אומזיסט שטיי איך יעדן טאָג אין דער אָפענער טיר פון מיין צימער און איך וואַרט אויף אייך. איך נויטיק זיך אין אייך, איך נויטיק זיך אין אייער געזיכט. איך וויל אין אים געפינען דאָס ביסעלע שיינקייט פון מענטשלעכן מין, איך וויל, איר זאָלט פאַרלייקענען פאַר מיר, אַז דאָס, וואָס האָט דעמלט פּאַסירט איז נישט געווען אין דער אמתן, אַז אַ שלעכטער חלום איז עס געווען... איך וויל, איר זאָלט פאַר־טרייבן מיין פינצטערן פּחד, איר זאָלט מיך באַפרייען פון אים. ווייל דעמלט, ווען מיר האָבן געליטן אויף יענעם גליטשיקן באַרג, דעמלט האָב איך מיך דערשראָקן פאַר אייער פּנים און פאַר די פּנימער פון אַלע מענ־טשן ארום מיר, און אַז אויך פאַר מיין אייגן געזיכט האָב איך מורא געהאַט. איך, וועלכער פלעג שטענדיק זען אין יעדן מענטש אַ שטיקל געטלעכקייט, ווייל לויט גאָטס מוסטער איז דאָך דער מענטש באַשאַפן — אַזוי פלעג איך דאָך פּרעדיקן אין מיין קירכע...

— וואָס וויל ער פון מיר? — האָב איך געטראַכט און האָב זיך געוואָלט באַשיצן פאַר זיינע ווערטער. איך האָב פון זיי געוואָלט אַנטלויפן. איך האָב אָבער אין זיך נישט געפונען קיין כוח אים צו פאַרלאָזן. וואָס וויל ער פון מיר? פאַרוואָס פייניקט ער מיך?

— פאַרוואָס קאָן איך דאָס נישט פאַרגעסן? — שרייט ער — אויף יענעם באַרג איז פאַר אונדז געווען די גרענעץ פון ליידן. דאָרט איז גע־ווען דאָס אָרט, וווּ מען הערט אויף צו פילן אפילו די ערגסטע יסורים.

און מיר האָבן אויפגעהערט צו ליידן, און אפשר האָבן מיר שוין אויפגע־הערט צו זיין מענטשן? א מענטש וואָלט דאָך דאָס נישט איבערגעטראָגן. און אויב מיר זענען שוין נישט געווען קיין מענטשן, טאָ וואָס זענען מיר פאָרט געווען? געטער, צי ווילדע חיות? אייער אוממענטשלעך געזיכט איז געווען באדעקט מיט שווייס און פון אייער מויל האָט זיך געגאָסן סליונע אויסגעמישט מיט בלוט...

ער האָט פארדעקט דאָס פנים, איינגעהויקערט זיך.

— טרינק, פריינד — האָב איך אים דערלאנגט דאָס גלעזל און צום ערשטן מאָל האָב איך זיך צו אים געווענדט ווייך און האַרציק — טרינק, דאָס וועט דיר גוט מאכן...

— ניין — האָט ער אָוועקגערוקט פון זיך דעם וויין — דאָס וועט מיר נישט העלפן און איך וויל נישט, אז דווקא דאָס זאָל מיר העלפן. איך וואָלט געמוזט אויסטרינקען אַ ים מיט וויין, בכדי צו פארגעסן איין טאָג פון יענע טעג.

איך האָב זיך אויפגעהויבן און געוואָלט פארלאָזן דאָס צימער, אָבער ער האָט מיך אָנגעכאפט ביים אָרעם.

— גייט נישט אוועק. פארלאָזט מיך נישט... איר מוזט מיך אויס־הערן. פארוואָס קוקט איר אויף מיר אַזוי מאָדנע? אין יענעם טאָג איז צונישט געוואָרן מיין באגריף וועגן מענטש, וואָס איז באשאפן לויטן מוס־טער פון דעם אלמעכטיקן. אין דריי טעג ארום האָב איך אוועקגעשענקט מיין לאַטייניש תהילימל, וואָס מיט גרוים מי איז עס מיר געלונגען מיט־צוברענגען מיט זיך אין לאַגער אריין. פארשטייט זיך, אַז איר, א פריי־דענקער, קאָנט נישט האָבן קיין אנונג וואָס דאָס האָט פאר מיר באַדייט. וואָס איך האָב דעמלט איבערגעלעבט...

— און היינט? — האָב איך געפרעגט, ארומנעמענדיק מיטביידע הענט מיין קאָפּ, וואָס האָט מיר ממש געפלאצט פאר ווייטיק — וואָס קאָן איך אייך היינט העלפן?

— גאָט האָט אָנגענומען דאָס געשטאַלט פון טייוול — האָט אויס־געשריגן דער גייסטלעכער — דאָס געטלעכע האָט אויפגעהערט צו זיין געטלעך.

דער געוועזענער גלח איז צוגעגאנגען צום פענצטערל. פון יענער זייט, אינדרויסן איז געווען נאכט און קעלט. דער ווינט האָט זיך אדורכגעריסן דורך די שפּאַרעס און געבלאָזן אין די דינע לייוונטענע פאָרהענגלעך.

ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם שטערן אין דער קאַלטער שויב און נישט קוקנדיק אויף מיר, האָט ער שטיל געזאָגט:

— איר זענט ענלעך צו יענעם, צו דעם יונגן מענטש אין דעם לאַגער עבענזעע. דערפֿאַר האָב איך ליב אויף אייך צו קוקן. טײלמאָל דאַכט זיך מיר, אַז אין אייער געזיכט האָט יענער יונגער מענטש צוריק געוווּנען זיין איידלקייט, זיין מענטשלעכע שיינקייט. אַזוי רעד איך מיר איין, כאָטש איך ווייס דאָך גאַנץ זיכער, אַז יענער איז געשטאָרבן. איך בין געווען לעבן אים אין דער שעה פֿון גסיסה.

— דאָס איז געווען מיין ברודער — זאָג איך שטיל, און איך פֿרעג, פּונקט ווי דאָס וואָלט געקאָנט האָבן וועלכע עס איז באַדייטונג: — צי איז דאָס געווען אין פֿרילינג?

— יאָ, דאָס איז געווען אין פֿרילינג.

ערגעץ נאָענט אין די שכנותדיקע צימערן האָבן זיך געעפֿנט און צוגעמאַכט טירן, עמעץ האָט מיך גערופֿן.

— אַנטשולדיקט — האָב איך אויסגענוצט די געלעגנהייט — האָט נישט קיין פֿאַריבל, איך מוז שוין גיין...

נישט קוקנדיק אויף מיר, האָט ער זיך צעלאַכט מיט אַ מאָדנעם היסטערישן געלעכטער און געענטפֿערט האָט ער מיט אַ באַליידיקטן טאָן:

— אַ גוטע נאַכט. אַ דאַנק פֿאַר דעם באַזוך...

.2

ווען איך בין אַריינגעקומען אינעם סאַלאָן, זענען שוין דאָרט געווען כמעט אַלע איינוווינער פֿון אונדזער הויז. אַ געמישטע און פֿאַרשידנאַרטיקע געזעלשאַפֿט איז עס געווען — יונגע און אַלטע, פֿרויען און מענער, פֿון פֿאַרשידענע מקומות. ווען נישט די טרויעריקע געשעענישן פֿון דער וועלט־מלחמה, די גרויזאַמע איינפֿאַלן פֿון די היטלעריסטישע רוצחים, וואָלטן די דאָזיקע מענטשן קיינמאָל זיך נישט באַגעגנט, אַפֿילו נישט אין חלום.

איך בין געבליבן שטיין אין דער טיר און ריטע האָט באַמערקט מיין אַריינקום. אויך איך האָב זי באַמערקט, נאָך איידער אונדזערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. שיין איז זי געווען, אַ שוואַרצאויגיקע און שוואַרצהאָריקע. איך געדענק נאָך, ווי מען האָט זי צו אונדז געבראַכט פֿון שפּי־

מאָל אויף אַ טראָג־בעטל. מיר אַלע האָבן געקוקט אויף איר ליכטיק פּנים, אויף אירע גרויסע פאַרחידושטע אויגן, און קוקנדיק אויף איר האָב איך געפילט, אַז עס דערוועקן זיך אין מיר אַלטע, פאַרגעסענע געפילן: צאַרטע מיטלייד, אפשר גאָר ליבשאַפט... זינט דעמלט זענען שוין פאַרביי חדשים און ריטע איז שוין היינט געזונט, פול מיט לעבן און טעמפּע־ראַמענט. עס דאַכט זיך ממש, אַז זי וויל אָפּנעמען פאַר זיך די פרייד פון לעבן פאַר יענע פאַרגאַנגענע און פאַרלוירענע יאָרן. אַ גיריקייט איז אין איר געווען, אין ריטען. זי האָט געזונגען און געטאַנצט, געשפּילט פּיאַנאָ און אין דער זעלבער צייט געטרונקען אַ כוס נאָך אַ כוס. און מיר אַלע האָבן דאָס זייער גוט פאַרשטאַנען, אפילו די אַלטע, פרומע ווייבער, וואָס זענען דאָ געווען, האָבן אויך פאַרשטאַנען און האָבן נישט געהאַט קיין פאַריבל אויף איר.

אָט איז זי טאַקע געזעסן ביי דער פּיאַנאָ און געשפּילט איינע פון יענע שרעקלעך־דיסהאַרמאָנישע לידלעך, וואָס האָבן באַלד נאָך דער מלחמה זיך אָנגענומען אין די אייראָפּעישע הייזער און קאַפעען. אפילו אין די גאַסן האָט מען די דאָזיקע ניגונים געהערט, און פאַר מיר איז עס געווען נאָך איין סיבה צו זיין בייז אויף דער וועלט. ריטע האָט גע־ווּסט, אַז איך האָב פיינט די דאָזיקע מוזיק. זי האָט דעריבער, ווען איך בין צו איר צוגעגאַנגען, געענדערט דעם טעמפּ, דעם ריטם, בכדי איך זאָל עס לייכטער קאָנען פאַרטראָגן. זי האָט די קלאַווישן אָנגערירט לייכט, פונקט ווי זי וואָלט זיי געגלעט און געצערטלט און אירע הענט אויף דער ווייסער קלאַוויאַטור זענען אויך געווען וויים, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זענען דורכזיכטיק, די פינגער אירע, די פינגער, וואָס איך האָב געוואָלט גלעטן און קושן, ווייל זיי האָבן מיר דערמאָנט וועגן אנדערע פינגער, וואָס האָבן אויך געשפּילט אויף פּיאַנאָ און וועלכע איך וועל שוין קיינמאָל נישט זען...

איך האָב נישט געקאָנט פאַרטראָגן די מוזיק.

— הער אויף! — האָב איך אויסגעשריגן, כאָטש געוואָלט האָב איך עס זאָגן גאָר שטיל און געלאַסן.

— אנטשולדיקט... — האָב איך געזאָגט שטיל — זייט נישט בייז אויף מיר.

אין סאַלאָן איז געווען וואַרעם און געמיטלעך. עס זענען דאָ געזעסן אפשר צוואַנציק מענטשן, אפשר מערער, און זייער שמועס האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן אין אַן אָנגענעמער געזשומערײַ, אין וועלכער מען האָט

נישט געקאָנט פֿאַנאַנדערקלייבן קיין ווערטער. איך האָב מיך אוועקגעזעצט אין אַ ווינקעלע, צווישן ריטעס פֿיאַנע און דער וואַנט. איך האָב צוגעזשמורעט די אויגן.

— אויב איר ווילט — האָב איך דערהערט ריטעס שטימע — אויב איר ווילט, וועל איך אייך אויפֿשפּילן עפּעס שטימונגספּאָלעס...

„שטימונגספּאָלעס“ — אַזוי האָט זי געזאָגט, די טאָכטער פֿון גאַליציאַניש=דייטשמערישע אינטעליגענטן.

— אַ דאַנק — האָב איך געענטפֿערט, נישט אויפֿמאַכנדיק די אויגן — זייט אייך נישט מטריח.

„צום טייוול, האָב איך געטראַכט, פֿאַרוואָס פֿאַרפֿאָלגט זי מיך מיט איר מוזיק?“ איך האָב ליב אָט די זשומעריי פֿון אַ סך מענטשן, וואָס זענען אַרום מיר, ערשט דעמאָלט, ווען איך הער זיי, האַלט זיך מיר, אַז איך בין נישט איינזאַם און אַז אויך זיי זענען נישט איינזאַם, און דערפֿאַר...

— איך בין קראַנק — האָב איך אַרייַנגעמישט מיין שטימע אין דעם געזשום פֿון אַנדערע שטימען — איך בין קראַנק און דו שפּילסט די דאָזיקע זינלאָזע פּאָקסטראָטן. איך קאָן מיר קיין אָרט נישט געפֿינען און דו מאַטערסט מיך מיט די דאָזיקע קלאַנגען, פֿון וועלכע איך באַקום קאָפּ=ווייטיק. איך וויל נישט קיין מוזיק. אין יעדער מוזיק לויערן אויף מיר געפֿאַרן. שטענדיק באַגעגן איך אַ פֿאַרבלאָנדזשעטן טאָן, וואָס דערמאָנט מיר יענע פֿאַרשאָלטענע פֿאַראַדעמאַרשן, אָדער יענע פּויקן, ביי וועלכע מען האָט אונדז געפֿירט... קלאַנגען חזרן זיך איבער, ווי מענטשלעכע איבערלעבונגען און דעריבער וויל איך נישט, אַז דו זאָלסט שפּילן, ווען איך בין לעבן דיר. פֿאַרוואָס פֿאַרשטייסטו מיך נישט? ווען איך בין געווען אַ קליין ייִנגל, האָב איך געוויינט הערנדיק בעטהאָווענס מוזיק. היינט מוז איך וויינען אַפֿילו ביי אַ געוויינלעכן פּויק, אַפֿילו ביי דעם דאָזיקן פֿאַרשאָלטענעם פּאָקסטראָט, וואָס די אַמעריקאַנער האָבן אים פֿאַרשלעפּט צו אונדז פֿון די בראָדווייער טאַנץ=בודעס...

ריטע האָט אַוועקגענומען אירע הענט פֿון דער קלאַוויאַטור און מיט דער האַנטפֿלאַך האָט זי מיר צוגעמאַכט דאָס מויל.

— דו ביסט אַזוי אויפֿגערעגט, אַזוי נערוועז... איך זאָרג מיך, וואָס וועט מיר דיר זיין...

אַזוי האָט זי צו מיר געזאָגט, מיט איר ווייבער, נידעריקער שטימע. טיילמאָל פֿלעגט זי מיר זאָגן „דו“ טיילמאָל פֿלעגט זי מיך „אירצן“.

אונדזערע באַציונגען זענען נאָך נישט געווען קיין סטאַבילע, מיר האָבן נאָך נישט געוווסט, ווי אַזוי זיי איינצושטעלן.

— אַ גלעזל ווייַן? — אונדזער אמעריקאַנער אַפּיטראָפּוס אין מי־ליטערישן מונדיר האָט זיך דערנענטערט, צוגעטראָגן און זיין פֿריינד־לעכן שמייכל און אויך אַ פּלעשל ווייַן מיט דריי גלעזלעך. דאָס איז געווען אַן אַמעריקאַנער ייִד. אַ גלאַטיקער און עלעגאַנטער, פּונקט ווי אַלע אַמע־ריקאַנער, האָט ער פֿאַרמאָגט אַ סך זיכערקייט, עס האָט פֿון אים גע־שטראַלט די פֿרייד פֿון לעבן. ער איז געווען אַ ווילער יאַט, אָבער אין מיר האָט ער געוועקט אַ לייכטן ווידערווילן, אַן אומחן.

— זאָג אים — האָב איך זיך געווענדעט צו ריטען — זאָג אים, אַז די מלחמה האָט זיך שוין געענדיקט. פֿאַרוואָס גייט ער נאָך אין דעם מיליטערישן מונדיר?

— ער איז דאָך אַן אַליִאירטער אָפּיציר — זאָגט ריטע — וואָס ווילסטו פֿון אים? אַזאַ אַנשטענדיקער מענטש...

— עקסקיוז מי, סער — זאָגט דער אַמעריקאַנער מיט אַ שמייכל — מיליטער איז נישט קיין גוטע זאַך. עס איז אָבער אַ נויטיקע זאַך... אַ נויטיקייט...

— פֿאַרשטייט זיך, פֿאַרשטייט זיך. שטענדיק האָב איך געהאַט צו טאָן בלויז מיט נויטיקייטן. אַרמייען, מלחמות. אַלץ איז נויטיק...

— אין אונדזער יאָרהונדערט — ציט ווייטער דער אַמעריקאַנער — טאָר קיינער נישט וואַרפֿן קיין אומחן אויף מיליטערישע מונדירן. מיליטער און פֿאָטערלאַנד איז איין באַגריף.

— מסתּמא זענט איר גערעכט. אַלע גוטע פּאַטריאָטן שטאָלצירן מיט זייערע אַרמייען. נאָר מיין אַלטער טאַטע איז נישט געווען קיין גוטער פּאַטריאָט און שטענדיק האָט ער חוזק געמאַכט פֿון די אומשטערבלעכע אינפֿאַנטעריסטן פֿון קייסער פֿראַנץ יאָזעף דעם ערשטן.

— דאָס איז געווען נאָך דער ערשטער מלחמה — זאָגט ערנסט דער אַמעריקאַנער — און די פּאַציפֿיסטן האָבן דעמאָלט פֿאַרלוירן זייער גרויסע שאַנס. איצט וויל איך אייך אָבער דערמאָנען, אַז דאָס האָט אונדזער אַרמיי באַפֿרייט אייך פֿון דעם היטלעריזם און געראַטעוועט אייך פֿון זי־כערן טויט.

— דאָס איז געשען מיט פֿינף יאָר צו שפּעט. צי ווייסט איר וואָס אין משך פֿון די דאָזיקע פֿינף יאָר האָט דאָ פּאַסירט? איר האָט דאָך

קיינמאָל נישט געזען קיין אָזעלכע, ווו די הערכט האָבן זיך געפּיטערט מיט מענטשיש לייב?

— אַי עס סאַרדי. לאָמיר מאַכן אַ כּוסה...

זיי טרינקען און איך בלייב ווידער איינזאַם. פרעמד פיל איך מיך — פאַרוואָס איז עס אַזוי?

ביים צווייטן טיש זיצט אַן אַדוואָקאַט פון גראַדנע, אַן עלטערער מענטש מיט אַ שפּיציק דייטש בערדל און אין ברילן. פון אינדערפרי ביז אין אָוונט זיצט ער דאָ און לייענט ציימונגען אין פאַרשיידענע שפּראַכן. אַ געלערנטער איז ער און שרייבט שטענדיק בריוו, אין פאַרשיי־דענע שפּראַכן שרייבט ער די דאָזיקע בריוו און צו פאַרשיידענע וואַזשנע פּערזענלעכקייטן, אַפילו צו קייסאָרים.

— וועגן וואָס טענהט איר מיט אים? — זאָגט ער מיט אַן איראָ־נישן שמייכל — איר זעט דאָך, אַז ער איז אַ פּאַטריאָט, אַ שאָוויניסט איז ער. און וועגן פּאַטריאָטיזם קאָן יעדער פרעדיקן. נאָר וועגן מענטש־לעכקייט איז נישטאָ מיט וועמען צו רעדן.

אין סאַלאָן איז וואַרעם, כמעט היים, און אפשר דערפאַר איז מיר טרוקן אין האַלדז.

— ליזע — זאָג איך צו דער דייטשישער דינסטמויד — ברענג מיר אַ פלעשל רויטן ווין. איך וויל טרינקען...

דער ווין, וואָס זי דערלאַנגט מיר איז זיס און געדיכט. אַ פרעכ־טיקע משקה.

— איך האָב געשריבן אַ בריוו צום אַביסינישן קייסער — דער־ציילט דער אַדוואָקאַט — איך וויל מיך באַזעצן אין עטיאָפּיע. דאָס איז אַ נייטראַלע מדינה. דאָרט דראָט נישט קיין שום געפאַר.

— אַ גליקלעכע רייזע — ווינטש איך אים. און אַליין שווים איך אַוועק אין אַן אַנדער ריכטונג, צו מיינע אַלטע נאַרישע רעקוויזיטן, וואָס קומען מיר יעדע נאַכט צו חלום.

...עס איז פּונקט אַזוי ווי אויף דעם בילד פון מאַרק שאַגאַל. דער טאַטע מיינער שלעפּט מיטן שטריקל אַן אַלטע איינגעהויקערטע קו. מיט אַ שמאָלצן שמייכל זאָגט ער: זע נאָר ווי זי גייט, די דאָזיקע קו, ווי אַ פּרינצעסין גייט זי, ווי אַן אמתדיקע בת־מלכּה. גלעט איך זי, די דאָזיקע פּירפּיסיקע בת־מלכּה און איך שמייכל: אוי, ווען זי זאָל נאָך האָבן אַ פּאָר פליגל, די דאָזיקע פּרינצעסין דיינע, ווען זי זאָל האָבן אַ פּאָר פליגל...

ריטע, מיין ריטע מיט די אויגן פון אַ יונגער אומשולדיקער כלה האָט זיך צעזונגען — זי זינגט און זי טאַנצט מיט דעם אַמעריקאַנער, און מיך נעמט ארום אַן אײפערזוכט, ווייל איך ווייס דאָך וואָס דער אַמעריקאַנער, דער גלאַטיקער בחור איז אויסן, און איך ווייס אויך וואָס זי איז אויסן, די שוואַרצאויגיקע ליגנערין...

— ליזע — רוף איך צו דאָס דײטשישע מיידל — לאָמיר טרינקען פאַר דעם ווילטאַג פון דער פּירפּיסיקער בת־מלכה, וואָס האָט געהאַט צוויי שיינע הערנער, און אַ שטימע האָט זי געהאַט, וואָס האָט געהילכט ווי אַ טרומייטער און דער טאַטע מײנער האָט זי שטענדיק געפירט אויף שטריק...

מיר טרינקען און איך פיל, ווי מיינע שכנים קוקן אויף מיר מיט אומצופרידנקייט.

— ליזע — דערצייל איך מיינע לירישע דערמאָנונגען — ווען דו זאָלסט זען, ס'ארא שיינעם הילוך זי האָט געהאַט און וואָסאַרא שטאָלצע באַוועגונגען. און געפּאַשעט האָט זי זיך אין אַ בערעזעווען וועלדל, און וואָסער האָט זי געטרונקען פון דער רעטשקע, וואָס איז געווען לויטער און זינגעוודיק. און דעם רוקן פלעגט זי רייבן אין די בייגעוודיקע טאָ־פּאָליעס...

— אָ, דאָס וואָר שיין... — אַנטציקט זיך די מויד.

— און די מאַמע מיינע — דערצייל איך ווייטער — די מאַמע איז געווען אַ גוטע און אַ פרומע, זי האָט אָפט געדאַוונט, איך געדענק עס נאָך היינט... און פּאַסירט האָט עס אין אַ קליין שטעטעלע, וואָס איז נאָך עד היום פאַרבליבן שיין און פאַרכישופט. איך שטעל מיר פאָר, אַז אין די לבנהדיקע נעכט באַווייזט זיך איבער דעם פאַרוואַקסענעם מאַרק־פּלאַץ דער גייסט פון מיין מוטער מיט אַ מגן־דוד אויף דעם אָרעם און מיט אַ מעשענער מנורה אין דער האַנט. אויפן שטערן האָט זי אַ זילבערנע קרוין און גאָלדענע באַוועס באַגלייטן זי מיט זייער געזאַנג... און אין אַ געווויסן טאָג, ווען איך וועל שטאַרבן...

— איר זענט אַן אמתדיקער פּאַטריאָט — הער איך עמעצנס באַ־קאַנטע איראָנישע שטימע — איך שטעל מיר פאָר, וואָס עס וואָלט גע־ווען, ווען איר זאָלט שטאַמען פון גראָדנע. איי, גראָדנע, גראָדנע....

דער עולם פאַרוויילט זיך, מען טרינקט און מען טאַנצט. ריטע שפּילט ווידער פּיאַנאָ. אַנדערע זינגען, אפילו די אַלטע פרויען האָבן זיך אונטערגעהאַלטן, געשמייכלט און געזונגען.

דער אייגנטימער פונעם הויז, אַ דייטש אין קורצע טיראָלישע הויזן, האָט זיך ארומגעדרייט און צוזאַמענגעקליבן די פוסטע פלעשער און די שערבלעך פון צעבראָכענע גלעזער. ער איז אויך געווען שיכור.

— הער מייער, זענט איר צופרידן פון דער וועלט?

דער דייטש קוקט ערגעץ באָקאָם, א פינצטערן בליק האָט ער, און ער וואָרקעט:

— די יודען האַבען דען קריג געוואָנען. דאַס אינטערנאציאָנאלע יודענטום.

— יאַוואָל, מיין פרוינד — זאָג איך שטיל און איך פיל ווי דאָס בלוט קומט מיר אין פנים אַריין — די יודען אונד די באָלשעוויסטען!...

מיר נעמען אים אָן אונטער די אָרעמס און מיר פירן אים אַרויס אויפן קאָרידאָר.

— אין קלאָזעט אַריין מיט אים! — קאָמאַנדעוועט דער אַמעריקאַנער אָפיציר.

מיר זעצן אים פאָרזיכטיק אויף דעם בית=הכסא און מיר פארשליסן די טיר. דער אַמעריקאַנער באַהאַלט דעם שליסל.

און אָט בין איך ווידער אין סאַלאָן, וווּ עס איז ליכטיק און היימיש, כאָטש די לופט איז געדיכט פון רויך פון די פאַפּיראָסן. איך בין שיכור — איך באַוועג זיך קוים, אָבער איך שמייכל, איך ווייס דאָך, אַז אַלע געפאַרן זענען שוין באַזייטיקט, ווייל דער שונא איז דאָך פארשפארט אין קלאָזעט, און קיינער וועט פון מיר איצט שוין נישט פארלאַנגען, איך זאָל אויף אַלע פיר קריכן אויף דעם שטיינערנעם באַרג, פון וואַנענט עס איז אַזוי לייכט אריינצופאַלן אין דעם טייך, אין דעם שווארצן טייך, ווו עס לעבן גרויסע ברייטקעפיקע העכטן...

אָ, קיין שום געפאַר איז שוין היינט נישט פאַראַן, אָבער איך ווייס נאָך אַלץ נישט, צי די פרייהייט, וואָס מיר האָבן געווונען איז אַן אבסאָלוטע. אויף מיין געמיט און אויף אונדזער אַלעמענס געמיט ליגט נאָך די לאַסט פון פאַרשקלאַפונג — די נאַטור און דער מענטש, די געזעלשאַפט און די טעכניק, די פּאָליטיק, וועלכע האָט ביי אונדז אַוועקגערויבט אַלץ וואָס מיר האָבן פארמאָגט — דאָס לעבן, דאָס געזונט, די פרייהייט... אַלץ איז דאָך געווען אַנטקעגן אונדז, און איצט בין איך אַנטקעגן דער שלעכטער מאַכט און דעם שלעכטן ווילן פון אונדזערע תליינים. איך בין שיכור, אָבער איך וויל וואָרענען, איך וויל שרייען אַז אַלע זאָלן מיך הערן, איך וויל פאַרלאַנגען די אַבסאָלוטע פרייהייט, וועלכע געהערט=

דאָך יעדן אייניציקן פון אונדז, און אויב עס איז נישט פאַראַן אויף דער וועלט קיין אַבסאָלוטע פרייהייט, זאָל כאָטש זיין אַ ברוכצאָל פון איר, זאָל כאָטש זיין דאָס רעכט צום לעבן, דאָס רעכט צו אַ ביסעלע גליק, צו אַ ביסל שמייכל...

פון דעם שיינעם קרעדענס, וואָס שטייט אין סאַלאָן, נעם איך אַראָפּ אַן אַלטע פאָרצעלייענע וואַזע, אַן אויפהאַלטער — ווי מען פלעגט אים ביי אונדז רופן — און איך גיס אַרויס מיין פאַרביטערונג און מיין צאָרן. דאָס פאָרצעליי צעשפּריצט זיך אין הונדערטער שערבעלעך — אַזאַ שיינער אַנטיק געווען. אַ שאָד... איך שטיי פאַרשעמט און אומגליקלעך. אַרום מיר איז אַ נעפּל. אין דעם נעפּל זענען פאַרהילט מיינע שכנים. איך זע זיי קוים, איך הער זיי קוים. אַן אַלטע פרוי, וואָס איז קראַנק אויף אסטמע. אַן אַדוואָקאַט פון גראָדנע, וואָס זוכט אַ היימלאַנד אין אַביסיניע. אַ מיידל וואָס שפּילט אויף דער פּיאַנאָ און זוכט אַ חתן, אַ מאַן, כדי נישט צו זיין איינזאַם. אַ יינגל פון יוגאָסלאַוויע, וועלכער ליידט אויף אַ מאָדנער נערוון=קראַנקהייט — עס דאַכט זיך אים שטענדיק, אַז מען פאַרפאָלגט אים, אַז זיי פאַרפאָלגן אים, און ביינאַכט וועקט ער אונדז מיט זיין גרויזאַמען געשריי. אַ מיידל פון האָלאַנד, וואָס איז צו אונדז געקומען פון אַ שאַנדהויז — דאָרט האָט זי פאַרבראַכט די יאָרן פון מלחמה. איך הער זייערע שטימען און איך פריי מיך, וואָס זיי זענען דאָ. זיי זענען דאָך מיין משפחה, מיינע פריינד זענען זיי, און אַפילו דער פּראָטעסטאַנטישער גלח, דער משוגענער טעאָלאָג — ער איז אויך מיין נאָענטער, און איך וויל זיי זאָגן אַ גוט וואָרט, איך וויל זיי אַלע טרייסטן און וויל פון זיי הערן אַ וואָרט פון טרייסט.

איך בין געשטאַנען אינמיטן פון גרויסן סאַלאָן און האָב געשטאַמלט. איך האָב געוואָלט ארומנעמען דאָס אָרעמע אומגליקלעכע מיידל פון האָלאַנד, קושן אירע האָר. איז וואָס, אַז זי איז געווען אין אַ שאַנדהויז? א שוועסטער איז זי דאָך, מיין שוועסטער, און איך ליב זי, און איך וויל איר דאָס זאָגן, אַז אַלע זאָלן הערן און אַלע זאָלן וויסן... און אויך זיי אַלע וויל איך זאָגן, אַז זיי זענען מיר ליב און טייער, אָבער איך ווייס נישט, צי מיין שטאַמלען דערגייט צו זיי. איך ווייס בלויז, אַז עס טוט מיר זייער ווי דער קאָפּ.

איך האָב מיך אויפגעכאַפּט אינמיטן דער נאַכט. איך בין געלעגן אינעם קרייז פון דעם עלעקטרישן נאַכט=לעמפּל. לעבן מיר איז געלעגן

דאָס מיידל פון האָלאַנד. זי האָט געגלעט מיינע באַקן און געפּליסטערט
— איך שטימע איז צו מיר דערגאַנגען אַ וויינע, אַ צאַרטע:

— נו, וויין שוין נישט. וויין נישט... מיין ליבער... מיין טייערער...
קוק אויף מיר. איך וויל זען דיין שמייכל.

— ניין — האָב איך געענטפערט — ווי קאָן איך שמייכלען? איך
האָב שוין אַזוי לאַנג נישט געשמייכלט — איך קאָן פאַרשיידענע אנדערע
זאַכן, איך קאָן טראָגן שטיינער, מקבר זיין מתים, קריכן אויף אַלע פיר
ווי אַ הונט, אָבער שמייכלען?

איך בין אנטשלאָפן געוואָרן, נאָך איידער זי האָט באַוויזן אויסצו-
לעשן דאָס ליכט. אַן אומרואיקער שלאָף איז עס געווען, עס האָבן זיך
מיר געחלומט אויסטערלישע פּייזאַזשן: הייזער פּוסטע און צימערן
שטילע — אַ טויטע שטילקייט האָט אין זיי געהערשט, און איך בין גע-
שטאַנען אינמיטן פון דער דאָזיקער טויטער געגנט, ווו עס איז נישט
געווען קיין ליכט און נישט קיין קלאַנג און אַפילו קיין באַוועגונג נישט.
ערשט שפּעטער האָב איך דערהערט א געשריי, און ווען איך האָב מיך
צו דעם דאָזיקן געשריי דערנעענטערט, האָב איך דערקענט, אַז האָט
רופט דער דייטש, וואָס מיר האָבן אים אין אָוונט פאַרשלאָסן אין קלאָזעט.

אײַפגעוועקט פון שלאָף האָבן מיך עמעצנס טריט — אַ שומל אויף
די טרעפּ.

— גיי נאָך נישט — האָט מיך ארומגענומען דאָס מיידל — עס
איז נאָך פרי.

— איך וועל גיין — האָב איך געענטפערט — עס דאַכט זיך מיר,
אַז עפּעס איז דאָרט געשען.

אויפן קאָרידאָר, לעבן דער אָפענער טיר פון דעם גלחס צימער
זענען געשטאַנען מענטשן. עס האָט געשמעקט מיט טליענדיקע ליכט.

— וואָס איז געשען? — האָב איך געפרעגט.
— דער פּאַסטאָר לעבט נישט.

איך האָב מיך אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט און צוגעמאַכט די אויגן.

... באַרג אַרויף, מיט פאַרשנייעטע וועגן האָבן זיך גערוקט פּאָרוים
מענטשן איינגעהויקערטע און שוואַכע. געוואַקלט האָבן זיי זיך פון מיד-
קייט. זיי האָבן זיך געבויגן און געבראָכן אונטער דער לאַסט פון די
שווערע שטיינער, זיי זענען געפאַלן און געקוילערט זיך אַראָפּ, אין דער

טיפעניש פון שוואַרצן וואַסער, און דער גלאַטיקער שפּיגל פון דער אָזיערע האָט זיך אונטער זיי געעפנט און ווידער אויסגעגלייכט, פונקט ווי עס זאָל גאָרנישט געשען. שיף איז ער געווען, דער דאָזיקער באַרג, נאַקעט איז ער געווען און גליטשיק, און דער פּריסטער יאָאַכים שטאָלץ האָט נישט געפונען קיין שום אָנשפּאַר, וואָס זאָל אים פאַרהאַלטן פאַר דער ירידה און ראַטעווען. ער האָט זיך אַראָפּגעגליטשט אין דעם אָפּגרונט...

איך בין אַריין אין מיין צימער און לאַנג האָב איך זיך באַטראַכט אינעם שפּיגל. דערנאָך האָב איך איינגעפּאַקט מיין רענצל מיט וועש, און שטיל, נישט געזעגענענדיק זיך מיט קיינעם, האָב איך פאַרלאָזט דאָס הויז.

3.

אין יעדער עפּאָכע זענען געווען ספּעציעלע אופנים פון דעגראַדירן דעם מענטש, אין יעדן יאָרהונדערט זענען געווען אייגנטימלעכע פאַר דער צייט מעטאָדן אָנצוטאָן יסורים, מאַטערן און צעברעכן דעם מענטשלעכן שטאָלץ, דעם מענטשלעכן כבוד, שלאָגן, מאָרדן, אַריינוואַרפן אין קעלער אָדער אויסברעכן די ביינער פון די גלידער. עס זענען געווען צייטן, ווען געשמט אויף דער וועלט האָבן די קאַמפן פון גלאַדיאַטאָרן. אין געוויסע מדינות האָט מען די מענער באַרויבט פון זייער געשלעכט, ערגעץ אַנדערש האָט מען געוויסע מענטשן געצוווּנגען צו טראָגן פאַרשיידענע שאַנד-סימנים, צי שטייגער געלע שטיקלעך לייוונט. עס זענען געווען צייטן פון צוואַנגס-אַרבעט. ערגעצוו פלעגט מען דעגראַדירן דעם מענטש מיט דער הילף פון אַ בייטש, שטעקן, אָדער סתם מיט דער פויסט. דעם מענטשלעכן קערפּער פלעגט מען צוקאָוועז מיט אַן אייזן, און צוזאַמען מיט דעם דאָזיקן אייזן פלעגט ער פאַרשטעלן מיט זיך איין אַרבעטס-אינסטרומענט. ווען דער שקלאַף איז געשטאָרבן, האָט מען אים באַפרייט פון די קייטן. די קייטן האָבן געדויערט פיל לענגער ווי דער מענטש, זיי האָבן ארומגעגאַרטלט דעם קערפּער פונעם פאָטער, דערנאָך פון דעם זון, און ווען דער זון איז געשטאָרבן האָבן זיי נאָך „געדינט“ לאַנגע יאָרן דעם אייניקל. דערנאָך זענען געקומען צייטן, ווען מען האָט דעם ברודערס האַנט געצוווּנגען צו הייבן זיך קעגן דעם אייגענעם ברודער. דער פאָטער האָט

געקוקט אויף די יסורים פון זײַנע קינדער, און די קינדער האָבן געבעטן אַ לײַכטע גסיסה פאַר זייער פאָטער.

אינעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט זענען גאַנצע פעלקער דעגראַדירט געוואָרן. געשען איז עס אויף אַ פיל שרעקלעכערן אופן, ווי אין דער עפּאָכע פון נעראָנען. וועגן דעם ווייס די גאַנצע וועלט, קודם כל ווייסן עס מיר, ייִדן. יעדעס קלענסטע ייִדיש קינד ווייס וועגן דעם, ווײַל מיט אונדזער בלוט זענען געשריבן גאַנצע קאַפּיטלען פון דער געשיכטע פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

און איין קאַפּיטל פון דער דאָזיקער געשיכטע באַשרײַבט אַ דערפינדונג פון אונדזערע צײַטן, אַ דערפינדונג, וואָס טראָגט דעם אומשולדיקן נאָמען „לאַגער“. בעת דער מלחמה, בעת דער הערשאַפט פון פאַשיזם האָט מען אין לאַגערן געמאָרדעט גאַנצע פעלקער, און קודם כל אונדזער ייִדיש פאָלק.

אין דער ערשטער צײַט נאָך דער מלחמה זענען אויף פאַרשיידענע שליאַכן פון אייראָפּע אַנטשטאַנען אַנדערע לאַגערן — עס האָבן אין זיי געפונען אַ דאַך איבערן קאָפּ צענדליקער, הונדערטער טויזנטער מענטשן, נאָר וואָס באַפרײַטע פון דער הערשאַפט פון פאַשיזם. מענטשן פון פאַרשיידענע פעלקער, וואַנדערער פון פאַרשיידענע לענדער, מענטשן וואָס זענען געווען שיכור פון דער נאָר וואָס באַקומענער פרײַהייט — עס האָט זיי פאַרבלענדט די פרײַע וועלט, די פרײַע שליאַכן, מיט וועלכע זיי האָבן איצט געקאָנט זיך לאָזן, ווי פייגל פון די שטייגן — זיי זענען געלאָפן דורך גרענעצן און בערג, נישט געקאָנט זיך געפונען קיין אָרט, ווײַל קראַנק זענען זיי נאָך געווען פון די שווערע לאַגער־יאָרן, פאַריתומט זענען זיי געווען, פאַרבענקט זענען זיי געווען. זיי זענען געלאָפן, און פאַרהאַלטן האָבן זיי זיך אין די דאָזיקע צוגעגרייטע פאַר זיי לאַגערן, און געפונען דאָרט אויף אַ קורצע צײַט אַ מקום־מנוחה. שפּעטער האָבן זיי זיך ווײַטער געלאָזט אין וועג אַרײַן, ווײַל געטריבן האָט זיי דער אומרו און דער ווילן צו אַנטלויפן פון עבר, פון דעם אַלעמען, וואָס האָט אין זיי געוועקט דערמאָנונגען.

די לאַגערן פון „אונרראַ“ האָבן יעדן פליט פאַרזיכערט אַ דאַך איבערן קאָפּ, דעם הונגעריקן — אַ לעפל געקעכטס, דעם מידן — אַן אָרט צום שלאָפן. אָבער אויך דאָ איז דער מענטש געווען דעגראַדירט צו דער ראָל פון אַ ציפער און יעדעס ציפערל איז געווען פאַרזען מיט

צוויי לאַטייניש אותיות: DP, און די דאָזיקע אותיות זענען געווען ווי אַ סימבאָל פֿון היימלאָזיקייט און פֿון וואָגלעניש.

איך בין געווען איינער פֿון די דאָזיקע וואָגלער, און האָב אַן אָרט געפֿונען אין איינעם פֿון די דאָזיקע לאַגערן, אין מיטן פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט און אינמיטן פֿון לאַגער, וועלכער איז נאָך אַלץ געווען אַרומגערינגלט מיט שטעכעדיקע דראָטן.

דאָס לעבן האָט דאָ געהאַט אַ צייטווייליקן כאַראַקטער, און דאָך איז עס געווען אָרגאַניזירט, עס איז געווען ווי אַ קליינער מאָדעל פֿון אַ געזעלשאַפֿט, וועלכע אונטערשיידט זיך נישט קיין סך פֿון אַנדערע געזעלשאַפֿטן — אַפֿילו די פֿאַרשיידנאַרטיקייטן זענען דאָ די זעלבע — אויך דאָ זענען געווען קלאַסן־אונטערשיידן, אויך דאָ האָט מען געקאָנט זען אָפּגעבליאַקעוועטע רייכקייט און אָפּגעהאַרציקע אָרעמקייט, פֿרומקייט און אַפּיקורסות. אין איין באַראַק האָבן זיך באַזעצט סוחרים, אין אַן אַנדערן באַלמעלאָכעס, אָדער מענטשן פֿון פֿרייע פּראָפֿעסיעס — דאָקטוירים און פּראָוויזאָרן, אַדוואָקאַטן און סתם מיטולירטע און בכבודיקע מענטשן. אין איינעם פֿון די באַראַקן האָט זיך אַפֿילו געפֿונען אַ קליין „לוסטיק הייזל“, מיט עטלעכע שיינע מיידלעך, וואָס האָבן געפֿירט זייער עסק אונטער דער אויפֿזיכט פֿון צוויי אַלטע, פֿרומע ווייבער. יעדער האָט זיך דאָ געפֿונען זיין אָרט — באַזונדער האָבן געוווינט ציוניסטן, און באַזונדער דעמאָקראַטן, באַזונדער רעכטע און באַזונדער לינקע. עס זענען דאָ געווען חסידים און פֿאָרגעשריטענע, בונדיסטן און רעוויזיאָניסטן, פֿאָלקיסטן און קאָסמאָפּאָליטן — אין איין באַראַק פֿלעגט מען דאָ אַרויסהענגען דעם פּאָרטרעט פֿון קאַרל מאַרקס און אין דעם צווייטן — דעם פּאָרטרעט פֿון טעאָדאָר הערצל. אין איין באַראַק פֿלעגט מען דאַווענען, אין צווייטן איז אין דער זעלבער צייט פֿאָרגעקומען אַן אַטעיסטישע לעקציע.

אָ, אין דעם דאָזיקן לאַגער איז גאָרנישט געווען אַזוי שלעכט. נישט געקוקט אויף די שטעכעדיקע דראָטן אַרום האָט דאָ געהערשט זאָרגלאָזע פֿרייהייט. עס איז דאָ נישט געווען קיין שום רעגולאַמין און קיין שום פּליכטן. דאָס לעבן איז דאָ געווען פֿריי. אויב עס האָט ווער געוואָלט אַרויספֿאָרן, האָט ער עס געקאָנט טאָן. ער האָט אויך געקאָנט פֿאַרבלייבן און נישט פֿאָרן אינערגעץ. ער האָט געקאָנט עסן אָדער טרינקען, שלאָפֿן אָדער שיכורן, הענגען זיך אָדער זיצן אין באַראַק און זאָגן תהילים. ער האָט געמעגט עסן כשר פֿלייש און מתפּלל זיין צו גאָט, אָדער טריפֿהנע פֿערד־

קאָנסערוון און פֿאַרברענגען די פֿרייע צייט אין לוסטיקן הייזל פֿון די צוויי אַלטע, פֿרומע יידענעס. ער האָט געמעגט טאָן אַלץ און גאָרנישט.

אַנטקעגן דעם לוסטיקן הייזל איז געווען אַ קליינע אכסניה, וווּ מען האָט געקאָנט טרינקען אַ גלאָז ביר, צובייסן מיט געזאַלצענע אַרבעס, אָדער עסן אַ שטיקל געפֿילטע פֿיש. דער בעל־אכסניה איז געווען אַ הויכער און דיקער ייד. אַ ייד ווי אַ לייב, און גערופֿן האָט מען אים לוט. אפֿשר דערפֿאַר, ווייל ער האָט געהאַט צוויי טעכטער. לוט מיט זיינע טעכטער האָט פֿאַרנומען צוויי צימערן — אין איינעם האָט ער פֿאַרקויפֿט ביר און פּוילישן בראָנפֿן, אין צווייטן צימער זענען געזעסן זיינע צוויי טעכטער. אין אָוונט פֿלעג איך צו זיי אַריינגיין. אויף די ווענט זענען דאָ געהאָנגען אויסגעניטע מאַקעטקעלעך, פֿאָרטרעטן פֿון שוישפּילערינס אויסגעשניטענע פֿון דער צייטונג. אין ווינקל האָט געשפּילט ראַדיאָ, עס האָט דאָ געשמעקט מיט אַן אָרעמער היימלעכקייט. איך האָב דאָ באַזונדערס גערן פֿאַרבראַכט, ווען אין צימער איז געווען בלויז איינע פֿון די צוויי שוועסטער — די שוואַרצינקע רבקה, אַ מיידל מיט גרויסע אויגן און מיט אַ ברוסטקאַסטן ווי אַ ברעט. איך פֿלעג זי שטענדיק טרעפֿן ליגן אויפֿן בעט מיט אַ בוך אין דער האַנט.

ווען איך בין אַריינגעקומען, האָט זי אַוועקגעלייגט דאָס ביכל און איז אויפֿגעשטאַנען פֿון געלעגער.

— זעצט אייך — האָט זי געזאָגט — איך וועל אייך ברענגען אַ גלאָז ביר...

זי האָט שוין געוווּסט, וואָסאַראַ ביר איך טרינק געוויינלעך, כאָטש עטלעכע מאָל בלויז האָבן מיר זיך געזען, און כאָטש עס פֿלעגן דאָ מסתמא אַריינקומען פֿיל אַנדערע מענער.

זי האָט הינטער זיך פֿאַרמאַכט די טיר, און איך האָב עס באַמערקט. איך האָב באַמערקט, אַז די טיר איז פֿאַרקייטלט, און האָב זי אַרומגעגומען און איינגענורעט דאָס פּנים אין אירע שוואַרצע האָר.

— פֿאַרוואָס ביסטו שטענדיק אַזוי אומעטיק — האָט זי שטיל געזאָגט און געקלונגען האָט עס נישט ווי אַ פֿראַגע, נאָר ווי אַ פֿעסטשטעלונג.

— איך בין אַליין — האָב איך געענטפֿערט — דו פֿאַרשטייסט עס נישט, דו האָסט אַ טאַטן, אַ שוועסטער.

— דאָס איז נישט מיין טאַטע — האָט זי געזאָגט — דאָס איז אַ פֿרעמדער ייד. און די צווייטע, דאָס איז נישט מיין שוועסטער. מיין שוועסטער איז אומגעקומען, און דאָס איז זיין טאָכטער, און איך...

— רעד נישט ווייטער — האָב איך איבערגעריסן די רייד — פאַר־שווייג. איך וויל עס נישט וויסן...

זי איז נישט געווען קיין שיינע. איר אויסגעצערטער קערפּער האָט נישט געקאָנט וועקן קיין אינטערעס ביי מענער. אין דער דאָזיקער מינוט האָב איך זי אָבער באַטראַכט מיט די אויגן פון מיין איינזאַמקייט פון מיין האָפענונג.

זי האָט אין דער שווייגעניש אַרויסגעפילט מיינע געדאַנקען, געלייענט זיי אין מיינע אויגן.

— איך ווייס וועגן וואָס דו טראַכסט — האָט זי געזאָגט. — דו טראַכסט, ווי מיאוס איך בין. און איך אַליין טראַכט אויך וועגן דעם, און איך ווייס אַז איך בין מיאוס, און דאָך וויל איך עס זאָל מיך ווער ליב האָבן, און איך אַליין וויל אויך ליבן...

איך האָב געפילט אַ ווייטיק, וואָס האָט מיך גענאָגט ביים האַרץ. אַלע מענטשן זענען געווען אָרעם, יעדער איז געווען פאַרבענקט נאָך אַ ביסל ליבע, און האָר...

— ביסט נישט מיאוס — האָב איך געזאָגט, קושנדיק אירע הענט — ביסט שיין, האָסט אַזויפיל חן אין מיין האַרץ...

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף מיינע קני און מיך אַרומגענומען. ווען זי האָט געשמייכלט אָדער געלאַכט האָט זי אויסגעזען גאָר שיין, אירע ציינער זענען געווען שניי־ווייס. אַ שיינע איז זי געווען, און נאָך שענער האָט זי זיך מיר אויסגעזען, ווען זי האָט מיך געפרעגט:

—איך געפעל דיר? — און ווען איך האָב זי נאָך שטאַרקער צוגע־דריקט צום האַרץ האָט זי צוגעגעבן: „האָב מיט מיר חתונה, איך וועל זיין אַ גוטע פרוי. וועסט זען... איך וועל דיך אַזוי ליב האָבן...“

איך האָב געקושט אירע ליפּן, בכדי נישט צו הערן אירע רייד. איך האָב דאָך געוווסט, אַז סיווי וועלן מיר זיך שיידן, ווייל עס איז מיר גאָר נישט איינגעפאַלן, אַז עס קאָן זיין אַנדערש, און אַז איך אַליין, אַ צע־בראָכענער און מידער, זאָל נאָך קאָנען וועמען געבן אַ אָנשפּאַר.

— עס איז שוין שפּעט — האָט זי געזאָגט — גיי שוין צו זיך. און מאָרגן קום ווידער.

— איך וועל קומען...

אין האַלב־פינצטערן באַראַק שטייט רבקה, אַ הויכע און שלאַנקע, אַ טונקעלע — אַ ביבלישע שיינקייט, וואָס איז אַנטלאָפן פון קאַלך אויוון....

אין צווייטן צימער, וווּ לוט פּאַרקויפֿט ביר און פּוילישן בראָנפֿן, זיצן צוויי ייִדן אין יאַרמלקעס און באַמקען אונטער דער נאָז עפּעס אַן אַלטן, פֿון דער היים מיטגעבראַכטן ניגון, און דער גראָבער, נישט אײַנגעצוניכטערער רב לוט זיצט ביים טיש מיט דער פּויסט שפּאַרט ער אונטער דעם שווערן גראָען קאָפּ. און אינדרויסן שלעפּט זיך אַן אַלטער ייִד מיט אַ זעקל אָרעמקייט אויף דער פּלייצע, און אויף די שיידוועגן באַגעגענען אים ייִדן, וואָס זענען אויפֿגעשטאַנען תחית המתים — זקנים און בחורים, פֿרויען און קינדער פֿון אָשוויענטשים און מיידאַנעק — און זיי ציען אויס די הענט און זיי פֿרעגן די זעלבע פֿראַגע:

— ייִדן, וווּהין לויפֿט איר, ייִדן...

.4

אויף דעם טויער פֿון דער לאַגער־פֿאַרוואַלטונג האָט מען אַרויסגעהאָנגען אַ מעלדונג. מען האָט געזוכט לערער, פּראָפֿעסיאָנעלע פּעדאַגאָגן האָבן געקאָנט באַקומען אַרבעט אין איינעם פֿון די ייִדישע יתומים־הייזער.

אונטער דער מעלדונג איז געווען אונטערגעשריבן מאַיאָר היימאַן, אָבער ווי מען פֿלעגט אים רופֿן אויף ענגליש — מעידזשער היימען. דאָס האָט ער געקערעוועט מיט דער הילף פֿאַר טויזנטער ייִדישע יתומים און האַלב־יתומים, וועלכע האָבן זיך אַרומגעבלאָנקעט אין אַלע לאַגערן; דאָס האָט ער באַוויזן אויסצוגעפֿינען זיי און צוזאַמענצונעמען אין עטלעכע יתומים־הייזער; דאָס האָט ער געפּאָרעט זיך ביי דער מיליטערישער מאַכט, ווייל אַליין איז ער דאָך געווען אַן אָפֿיציר, און האָט געפֿועלט צו באַקומען אַלץ, וואָס איז נייטיק געווען, בכדי קינדער זאָלן האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ, גוטע דערציערס און אַ גוטע, באַטש צייטווייליקע היים.

היימען האָט אַמטירט אין אַ שיינעם קאָבינעט, אויסער דעם לאַגער, אין אַ שיין פּריוואַט הויז, וואָס האָט נאָך אויף זיך געטראָגן די סימנים פֿון רייכקייט פֿון אַמאָליקע צייטן, ווען די דאָזיקע שטאָט און דאָס דאָזיקע לאַנד האָבן שטאָלצירט מיט זייער קייסער, מיט דעם אַלטן קייסער, וועלכער האָט געטראָגן באַקנבערד, און וואָס ביז היינט טרעפֿט מען נאָך אַלטע הערן אָדער אַלטע דאַמען, וואָס טראָגן אויף זיין קבר בינטלעך בלומען. אויך אין היימענס צימער איז געהאָנגען אויף דער וואַנט אַן אַלטער פּאָרטרעט פֿון קייסער פֿראַנץ יאָזעף דעם ערשטן. איך האָב גע־

קוקט אויף די שווערע באַראָק־מעבל פון דעם דאָזיקן קאַבינעט, אויף די אויסגעבעטע ווייכע מעבל, אויף די אייל־בילדער. אין דער שראַנק זענען געשטאַנען שטאָלצע קאָמפּלעטן פון שיין אייננעבונדענע דייטשישע קלאַסיקער און לעבן זיי זענען געלעגן אויך שטאָלצע, כאָטש מיט אַן אַנדער מין שטאָלצקייט, אַמעריקאַנער טעלעפאָן־ביכער, גרויסע און דיקע, אין וועלכע עס געפינען זיך טויזנטער אַדרעסן פון ניו־יאָרק ביז סאַן-פראַנציסקאָ.

היימען איז געווען אַ דיקער, גוטמוטיקער אַמעריקאַנער ייד, פון יענע יידן, וואָס טראָגן אין זיך אַ סענטימענט צו דער אַלטער אייראָפּע און צו די אַלטע אייראָפּעישע יידן, פון וועלכע זיי שטאַמען. יידישע הערצער טראָגן זיי אין זיך די דאָזיקע אַמעריקאַנער יידן, זיי באַוואָרענען אין זייערע היימען די אַלטע פּיקטשעס פון באַבעדדלטע זיידעס, וועלכע זענען מיט אַ דור, אָדער מיט צוויי דורות צוריק אָנגעקומען קיין אַמעריקע פון ערגעץ הינטער די הרי חושך, פון ערגעץ אַ גאַליציאַנער פאַרדריפּעט שטעטל. גוטע יידן זענען זיי, די דאָזיקע אַמעריקאַנישע יידן, זיי קאַרגן נישט קיין גראָשן פאַר אַן אָרעמען קרוב אין „יוראָפּ“, ווען עס דריקט אים צו די גויט, אַ שריפה, אַ פּאָגראָם, אַ מלחמה. זיי האָבן יידישע הערצער און יידישן געשמאַק האָבן זיי און עס איז אַ גרויסער ליגן, אויב עמעץ זאָגט, אַז אַן אַמעריקאַנער ייד האָט שוין פאַרגעסן דעם טעם פון יידישע פיש אָדער פון דער יידישער לעגענדע, וועלכע טראָגט דעם געשמאַקן נאָמען — טשאָלנט.

און אָט צו יענע ווילע אַמעריקאַנער יידן, וואָס זענען גוטע יידן און שטאָלצע אַמעריקאַנער, האָט אויך געהערט מיסטער היימען. אָט איז ער געזעסן אַנטקעגן מיר, ביי זיין שרייבטישל, אַ גוטמוטיקער, אָבער אַ ביסל צופיל שטאָלצער, אַ מענטש מיט פאַרשטענדעניש, וואָס האָט אָבער נישט געקאָנט קיין סך פאַרשטיין, ווייל ער האָט דאָך צום גליק נישט איבערגעלעבט קיין שום זאַך פון יענע אומזיערע איבערלעבענישן, און דעריבער איז זיין נשמה געווען קאַלט און גלייכגילטיק און דאָס רחמנות זיינס האָט צו אונדז נישט געקאָנט דערגרייכן און נישט מאַכן אויף קיינעם פון אונדז קיין שום איינדרוק. און דאָך איז ער געווען אַ סימפּאַטישער, אַ ווילער יאַט, דער דאָזיקער מיסטער היימען.

— די דאָזיקע מענטשן — האָט ער געזאָגט — די דאָזיקע מענטשן וואָס קומען צו מיר... איך ווייס נישט ווער זיי זענען און וואָסאַראַ מענטשן זיי זענען. זיי זאָגן, אַז זיי זענען לערער. אפשר זאָגן זיי אמת. איך בין

אָבער נישט איבערצייגט. איך קאָן נישט קיין אייראָפּעישע יידן. איך האָב בלויז געקענט איין פרוי פון אייראָפּע און דאָס איז געווען מיין באָבע. און איצט דאַרף איך געבילדעטע לערער, און איך ווייס נישט צי די קאַנדידאַטן, וואָס מעלדן זיך זענען פּייגע און פּעיקע מענטשן.

ער האָט געקוקט פרעגנדיק אויף מיר, און איך האָב דערווייל געטראַכט צי מיט יעדן איינציקן פּאַרפירט ער דעם דאָזיקן שמועס, דעם דאָזיקן באַליידיקנדיקן שמועס.

— מיר דאַכט זיך — האָב איך געענטפערט — אַז איר האָט נישט קיין צוטרוי צו די דאָזיקע מענטשן, און אויך זיי האָבן נישט קיין צוטרוי צו אייך, און דעריבער דערשאַצט איר זיי נישט. און אפשר דערשאַצן זיי אויך אייך נישט. איר זיצט אין אַ באַקוועמען שיינעם צימער און איר טראָגט גילדענע קנעפּלעך אויף אייער שיינעם אַמעריקאַנער מונדיר, און זיי... יעדנפאַלס וויל איך אייך באַרויקן: איך וועל מיט אייך רעדן זייער אָפן, און איר וועט מסתמא נישט דאַרפן נאָכקלערן, צי איך בין אַ דערפאַרענער „טיטשער" אָדער נישט...

— איך בין אַן אָנהענגער פון אַ מאָדערנער שול, מיט מאָדערנע היינטצייטיקע מעטאָדן... — האָט ער געזאָגט טרוקן און אַמטלעך.

— איך שטעל מיר דאָס פאָר — האָב איך געענטפערט.

— קיין שום צייגענישן האָט איר געוויס נישט?

— איך האָב דאָך נישט געזאָגט, אַז איך בין ווען עס איז געווען אַ לערער.

— ער האָט זיך צעלאַכט און פאַררויכערט אַ ציגאַר.

— איך מיין, אַז מיר וועלן זיך צונויפרעדן. אויב איר זענט נישט קיין לערער, דאַן קען איך אייך באַשעפטיקן ערגעץ אַנדערשוואו. קאָן זיין אפילו אין דעם דאָזיקן צימער. איר וועט זיין מיין פערזענלעכער סעקרעטאַר.

— ניין — האָב איך געענטפערט — אַ דאַנק.

— איר מיינט, אַז אונדזערע יתומים וועלן זיך נישט באַגיין אָן אייך?

— אפשר וועט מיר שווער זיין צו באַגיין זיך אָן זיי.

— איך פאַרשטיי נישט. איר זאָגט דאָך, אַז...

— איך וועל עס אייך געבן צו פאַרשטיין. ערשט מיט אַ חודש צוריק בין איך געווען קראַנק און האָב זיך איינגעבראָכן אונטער מיין אומגליק. איך קאָן שוין וועגן דעם נישט רעדן, איך וויל שוין נישט רעדן וועגן די דאָזיקע זאַכן, און איר דאַרפט פון מיר נישט פאַרלאַנגען איך זאָל וויי-

דער אויפוויקלען מיינע וואונדן. איר פערזענלעך, און איר בכלל, איר אַלע, וואָס האָט געהאַט דאָס גליק צו זיין דעמלט אויף יענער זייט ים, איר דאַרפט אונדז פאַרשטיין אפילו דעמלט ווען מיר שווייגן. מיר זענען קראַנק און צעבראָכן. אַ טייל פון אונדז לאַכט, בכדי מען זאָל נישט הערן זייער געוויין, זיי ווילן פאַרטרייבן דאָס, וואָס וואָיעט אין זיי — און דאָס דאַרף מען פאַרשטיין, מען דאַרף פאַרשטיין אפילו דאָס שווייגן, אפילו דעם געלעכטער. מיר לעבן אין אַ וועלט, וו אַלע ווילן אַנטלויפן פון דעם, וואָס איז געווען, אַנטלויפן פון עבר, און אויך אַנטלויפן פון זיך אַליין און פון די אייגענע ליידן און זכרונות. און אפילו איר, אַמעריקאַנער, וואָס אונדזער אומגליק איז אייך באַקאַנט פון דער ליטעראַטור און פון צייטונגס־באַריכטן, איר ווילט אויך אַנטלויפן. איר אַנטלויפט מיט אייערע סופערנייע אַוויאַמאַשינען, מיט אייערע אויטאָס. איר לעבט אין אַן איילעניש, פונקט ווי איר זאָלט וויסן, אַז מאָרגן וועט זיין אַ ערד־ציטערניש...

ווען איך האָב דערהערט, אַז איר נעמט אָן לערער, האָב איך מיך דערפרייט. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דאָרט, צווישן קינדער וועל איך נוצלעך זיין, און אַז אפשר וועל איך דאָרט געפינען אַן אָנשפאַר, דאָס איז מיר אַזוי נויטיק. וואָס איז דען אונדז פאַרבליבן, אונדזער דור, חוץ דערציען קינדער? ווען די וועלט זאָל דערציען אַ האַלבן מיליאַרד גוטע מענטשן, אַ נייעם דור — דעמלט וואָלטן שוין אפשר קיין מלחמות נישט געווען. ווען איך טראַכט וועגן דעם, דאַכט זיך מיר, אַז די צו־קונפט פון דער וועלט ליגט אין די הענט פון טויזנטער לערערס אין אַלע לענדער, אין אַלע שפּראַכן...

— איר זענט אַ דילעטאַנט — האָט זיך היימען צעלאַכט — און אין דעם וואָס איר זאָגט, איז נישטאָ פאַר קיין איין סענט פאַרשטאַנד. זייט מיר מוחל מיין אָפנהאַרציקייט. אין אונדזער יתומים־היים האָבן מיר נישט קיין האַלבן מיליאַרד קינדער. מיר האָבן דאָרט בלויז דריי הונ־דערט יתומים, נישט מערער. און דאָס וואָס איר רעדט וועגן פּאַציפיזם, האָט אויך נישט קיין גרויסן זין. וועגן מלחמה און וועגן פרידן אַנטשיידן נישט קיין פּראָסטע מענטשן, אַזעלכע ווי איר און איך. פּראָסטע מענטשן ווילן קיינמאָל נישט קיין מלחמה און שטענדיק האָבן זיי ווייניק דאָ צו זאָגן. לאָמיר דעריבער נישט זיין קינדיש, ווען מיר רעדן וועגן קינדער. איר זענט אַ דילעטאַנט, אָבער אייער דילעטאַנטישקייט שטערט מיר

נישט. פאַרקערט, איך האָב נישט ליב קיין פּרינציפּיעלן פאַרשטאַרטן פּראַקטיציזם — דאָס שטערט יעדן פאָרשריט...

— סאַראַ מזל — האָב איך דערוויייל אַ טראַכט געטאָן — ווער וואָלט זיך דאָס געריכט, אַז איך וועל דאָ האָבן אַזאַ מזל.

— איך וויל — האָט ווייטער געצויגן היימען — אַז די קינדער זאָלן באַקומען אַ פּראָגרעסיווע דערציונג. אָבער דאָס הייסט נישט, אַז זיי זאָלן נישט קענען, צום ביישפּיל, די ביבל. פּראָגרעסיוו און רעליגיעז — אָט דאָס איז דער פּרינציפּ פון דער אַמעריקאַנישער דערציונג. ביי אונדז אין אַמעריקע איז פאַראַן איין בוך, וואָס האָט צוממייסטן לייענער — די ביבל. און ווען די יתומים וועלן אונטערוואַקסן, איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז געוויסע פון זיי וועלן באַקומען אַלס אַפּיטרופּסים רייכע משפּחות, וועלכע וועלן פאַרלאַנגען אַ געוויסן מינימום פון רעליגיעזער דערציונג. איר פאַרשטייט מיך?

— איך בין נישט קיין גייסטלעכער — האָב איך געענטפערט — מיך האָט שטענדיק אינטערעסירט דאָס, וואָס קומט פאָר אויף דער ערד, און נישט אין הימל.

— אָ קעי — האָט ער זיך צעלאַכט — מיר וועלן שוין דורכקומען... יעדנפאַלס וויל איך אייך פאַרזיכערן, אַז איר האָט אין מיר אַן איבערגעגעבענעם פריינד...

— דאָס איז זייער אַ וויכטיק וואָרט — האָב איך געענטפערט — און איך וועל עס פאַרגעדענקען...

דער יתומים-אַנשטאַלט האָט זיך געפונען נישט ווייט פון דער שטאָט. מיר זענען געפאָרן מיט אַן אָפענעם אויטאָ. די זון האָט געוואַרעמט, דער ווינט האָט געצערטלט אונדזערע פּנימער און די ביימער ביים וועג האָבן געשמעקט און דערמאָנט מיט זייער ריח אַנדערע ביימער און אַנדערע יאָרן, יונגע און פריילעכע, — זאָרגלאָזע. די לאַנדשאַפט אַרום איז געווען אַ פאַרביקע, די בערג זענען דאָ באַדעקט געווען מיט טונקעלע סאָסנאָווע וועלדער, און אונטן, אין טאָל, האָבן זיך ווייט געצויגן לאָנקעס ברייטע און גרינע, און זיי האָבן געבליט די אַקאַציע-ביימער, און דער הימל איז געווען אַ ליכטיקער און אַ בלויער און שיין איז זי געווען די דאָזיקע וועלט וואָס אַרום מיר, דערמאָנונגען האָט זי געוועקט, ווייטע און כמעט פאַרגעסענע — בילדער מיט פאַרגעפלטע געשטאַלטן. פּייזאַזשן, וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע פּרטים, בלויז די שטימונג איז פון זיי פאַרבליבן. און אויף אַ קורצער מינוט האָב איך אויפגעציטערט,

אַ פרייד האָט מיך אַרומגענומען, אַ פרייד אויסגעמישט מיט ווייטיק: געפונען האָב איך נאָר אין זיך, אין מיין זכרון יענע גליקלעכע שטימונג פון מיין יוגנט און געטראַכט האָב איך: „איך בין נאָך נישט אַלט! איך בין נישט אַלט, און די וועלט איז דאָך די זעלבע, די זעלבע גרינקייט פאַר די אויגן, און דער הימל און די זון, און די בלומען און די ווילדע פייגל אין וואַלד — אַט די אַלע רעקוויזיטן צווישן וועלכע מיר ווערן געבוירן, בכדי צו לעבן און רייף ווערן צום קלויבן דערפאַרונג אַזוי לאַנג, ביז עס קומט דער טאָג, ווען אונדזערע אַלע וועגן פירן שוין נישט אינערגעץ..."

אין אַזאַ שטימונג בין איך געפאָרן צו מיין נייער אַרבעטס־שטעלע. איך האָב געפילט אַ צופלוס פון אַ מאָדנער פרייד. געווען איז עס אַ פרייד פון דער מינוט, וואָס דויערט — אַ מינוט פון לעבן. ווער קאָן די דאָזיקע מינוט דערשאַצן? אויך אַ לייכטן אומעט האָב איך געפילט, און באַגערט האָב איך, אַז די דאָזיקע רייזע זאָל דויערן און אַז לאַנג זאָל זיך ציען די גרינקייט פון די פעלדער און די וואַרעמקייט פון דער זון.

אַ מאָלערישע פּאַסעסיע איז עס געווען, אויף אַ בערגעלע, וואָס האָט פון איין זייט זיך געגרענעצט מיטן וואַלד און פון דער צווייטער זייט האָט זי זיך פאַרענדיקט ביים ברעג פון אַן אָזיערע.

די דאָזיקע פּאַסעסיע האָט זיך געהאַט איר געשיכטע. געהערט האָט זי צו אַ יידישן סוחר, וועלכער האָט אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, ווען היטלער האָט איבערגענומען די מאַכט. שפּעטער פלעגן דאָ פּאַשיסטישע מיניסטאָרן פאַרברענגען זייערע פרייע טעג. קורץ פאַר דער מלחמה האָט מען דאָ איינגעאָרדנט אַ היים פאַר אויסדערוויילטע יונגפרויען, וועלכע האָבן געבוירן מוסטערהאַפט־ראַסיקע קינדער פאַר דעם דריטן רייך.

— ווילקאָמען... — האָט זיך פון ערגעץ באַוויזן אַן עלטערער הער מיט אַ מאָנאָקל ביים אויג און מיט אַן אַריסטאָקראַטישן אויסזען — און שוין האָט ער זיך פאָרגעשטעלט: גראַף אָפּאָני...

— זייער אָנגענעם — האָב איך געענטפערט.

— איך בין דער פאַרוואַלטער פון דעם דאָזיקן הויז — האָט ער אויפגעקלערט — איך בין אַ געטרייער אונטערטעניקער פון די אַמעריקאַנישע מיליטערישע כוחות. איך האָף, אַז מיין נאָמען איז אייך נישט פרעמד. אָן דער משפחה אָפּאָני וואָלט נישט געווען קיין געשיכטע פון

אונגאַרן. מיר האָבן געהאַט קרובים צווישן אַלע הערשנדיקע דינאַסטיעס פון דער וועלט...

— הער גראַף — האָב איך געענטפערט — איר קאָנט זיין רואיק, איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דאָס, וואָס איר האָט מיר דערציילט...

אין קאַנטאָר האָט שוין אַמטירט דער לייטער פון יתומים־הויז, אַן אַלטער באַבערדלטער לערער פון ערגעץ אַ גאַליציאַנער שטעטל. ער האָט מיך אַ ווײַלע באַטראַכט דורך זיינע ברילן און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איך ווייס — האָט ער מיר באַלד פון אָנהייב איבערגעהאַקט די רייד — היימען האָט שוין געקלונגען. דאָס זענט איר דער דאָזיקער לערער, וואָס איז נישט קיין לערער. זעצט אייך, מיר'ן כאַפּן אַ שמועס.

אָבער דער שמועס האָט זיך נישט געקלעפּט, מיר האָבן, זעט אויס, נישט געהאַט וועגן וואָס צו שמועסן.

ער האָט מיר געוויזן אַ בייגעלע פּאַפּיר, אויף וועלכן עס זענען געווען פאַרצייכנט די גרופּן קינדער און די נעמען פון די לערער.

— איך האָב אייך צוגעטיילט צו די עלטסטע קינדער. איך מיין אָבער, אַז איר וועט מוזן אָנהייבן פון אָנפאַנג.

— יעדנפאַלס — האָב איך געענטפערט — וועל איך אָנהייבן פון ששת ימי בראשית...

.5

אַ דרייסיק, אפשר פערציק יונגע מענטשן, בחורים און מיידלעך האָבן אָנגעפילט דעם צימער מיט אַ טומל און געשריי, מיט אַ יונגן און געזונטן געלעכטער. איך בין געשטאַנען ביי דער טיר און האָב זיי באַטראַכט — דאָס זענען געווען מיינע שילער, וואָס איך האָב זיך אַזוי שטאַרק צו זיי געריסן... זיי האָבן זיך דערווייל אויסגעצייכנט געוויילט, נישט באַמערקט מיך גאָר, און נישט געוואָלט מיך באַמערקן. און דעמלט, ווען זיי האָבן מיך שוין באַמערקט, האָבן זיי מיך באַגריסט מיט אַ געלעכטער און מיט נאָך אַ מער ווילדן געשריי. עס זענען צווישן זיי געווען אפשר דרייצנ־יעריקע יאַטלעך. אַנדערע זענען שוין מסתמא געווען עלטער, די פּנימער זייערע האָבן וועגן דעם עדות געזאָגט, די ערנסטע בליקן אין וועלכע עס איז געווען צו לייענען גרויס אומצופרידנקייט און אַן אומחן אויף מיר, דעם פרעמדן מענטש, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר און האָט נישט

געוווּסט פון וואָס אָנצוהייבן, ווייל ער איז נאָך אַלץ געווען איבערראַשט פון דער באַגריסונג זייערער. און באַגריסט האָבן זיי מיך מיט אַ געלעכטער, מיט אַ ווילד שפּאָטיש געלעכטער. זיי האָבן זיך באַמיט נישט צו באַגעגענען מיין בליק און נישט צו דערלאָזן צום וואָרט, דעריבער האָבן זיי אַזוי געשריגן און געלאַכט. אַ טייל פון די בחורים און אפילו פון די קלענערע יאַטלעך האָבן דעמאָנסטראַטיוו געראַכערט פּאַפּיראָסן און געשפּיגן אויף דעם דיל, אַנדערע האָבן וווּלגאַריש געשפּילט אין קאָרטן אָדער אין ביינדלעך אָדער סתם אַרומשפּאַצירט איבערן צימער און געפייפט, מיר אויף צעפּיקעניש.

זיי זענען שלעכטע — האָב איך געטראַכט, און געפּרוּווט דערקענען די האָזיקע שלעכטקייט. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך האָב זיי פאַרשטאַנען. זיי זענען, ווייזט אויס, גאָר נישט שלעכט, נאָר אַקטיאָרן זענען זיי, יונגע אַקטיאָרן, וואָס האָבן פאַר זיך געפונען אָט אַזאַ מין פאַרטיידיקונג. און ווער ווייס וויפל מאָל זיי האָבן שוין דעם זעלבן אופן אָנגעווענדט קעגן מענטשן ביידע און שלעכטע, וואָס האָבן זיך געוואָלט אין זייער לעבן אַריינגרייסן, אַריינדרינגען. דערפאַרענע קינדער זענען עס געווען. דאָס לעבן און די מענטשן האָבן זיי אויסגעלערנט באַשיצן זיך, באַשיצן די פרייהייט זייערע און צו קיינעם נישט האָבן קיין צוטרוי. אָבער קינדער זענען זיי און זיי פאַרלאַנגען געדולד און ליבשאַפט — אָן דעם וועט קיינעם נישט געלינגען צו געווינען זייער צוטרוי.

איך האָב זיך באַמיט צו זיין רואיק. כ'בין צוגעגאַנגען צו איינעם פון די עלטערע יינגלעך, — אַ ברייטפּלייציקער איז ער געווען, מיט אַ שיין טונקל פּנים און שוואַרצע קלוגע אויגן, אויף זיין אונטערשטער ליפּ איז געווען צוגעקלעפּט אַ שטיקל טליענדיקער פּאַפּיראָס. אַרום אים איז געווען אַ קרייזל פון יינגלעך און מיידלעך. עס איז קענטיק געווען, אַז אַ וואַזשנער יאַט איז ער צווישן זיי. איך האָב אים אָנגענומען ביים אָרעם. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן, אָבער מיין האַנט האָט אים געהאַלטן גענוג שטאַרק.

— וואָס ווילט איר? — האָט ער אויסגערופן.

איך האָב אים צוגעצויגן צו זיך אַזוי גאָענט, אַז אונדזערע פּנימער האָבן זיך כמעט אָנגערירט.

— איך מוז אייך עפּעס זאָגן. דיר און זיי אַלע. הערסט? זאָג זיי, אַז איך מוז מיט זיי רעדן.

ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. ער איז מסכּים געווען. און שוין האָט ער צוגעטראָגן צו די ליפּן צוויי פינגער און אַ פייף געטאָן, ווי אַ וואַלד־רויבער וואָס רופט צונויף זיין חבֿרה. ווען עס איז שטיל געוואָרן, האָט ער רואיק און ערנסט געזאָגט:

— זאָל זיין שטיל. ער וויל עפּעס זאָגן.

איצט האָבן זיי מיך אַרומגערינגלט און געקוקט מיט דערוואַרטונג.

— יאָ, איך וויל אייך עפּעס זאָגן. איך מוז אייך דאָס זאָגן, בכדי איר זאָלט פאַר מיר נישט מורא האָבן, און אויך נישט פאַר אַנדערע מענטשן, וועלכע וועלן דאָ, אין דעם הויז, זיין מיט אייך, מיט אייך לעבן און טיילן זיך מיט אייער פרייד און אפשר טיילמאָל אויך מיט אייער אומעט. איר זענט שוין גענוג דערוואַקסן מיך צו פאַרשטיין. איך קען אייך, איך האָב געקענט אייערע שוועסטער און אייערע ברידער. איך הער די ווערטער, מיט וועלכע זיי האָבן צו אייך גערעדט, איך זע זייערע פּנימער, די הענט וואָס האָבן אייך געצערטלט, די ליפּן וואָס האָבן אייך געקושט, די שענסטע ליפּן פון אייערע מאַמעס, און אויך די שמייכלענדיקע אויגן זייערע, זייערע בליקן מיט וועלכע זיי האָבן אייך אַרומגענומען אין יענע טעג, ווען אייך איז נאָך געווען גוט, ווען עס האָט אייך קיין שום געפאַר נישט געדראָט, ווען וואַרעם און גליקלעך איז אייך געווען אונטער דער מוטערס פליגל. די אָרעמסטע פון אייערע מאַמעס פלעגט איר קינד באַשענקען מיט דער שענסטער צוקונפט און מיט די רייכסטע האָפענונגען. אַזעלכע זענען געווען אייערע מאַמעס, אַזעלכע זענען געווען אַלע מאַמעס אויף דער וועלט.

דערנאָך האָב איך זיי געזען — מיט אויגן ווילדע פון צער, מיט אויגן, אין וועלכע עס איז געווען די בענקשאַפט און דער פּחד — די בענקשאַפט צו אייך און דער פּחד פאַר אייער גורל, פאַר אייער לעבן. אויף די וויעס האָבן זיי געטראָגן דאָס בילד פון אייערע פּנימער, דעם שימער פון אייערע אויגן, דעם טעם פון אייערע ליפּן. אין שעה פון זייער גסיסה זענט איר געווען זייער ווייטיק, פּונקט ווי ביים לעבן זענט איר פאַר זיי געווען די ריינסטע פרייד.

און אייערע טאַטעס האָב איך געזען — זיי זענען אומגעקומען פון דער קויל, וואָס האָט זיי געטראָפן אין ברוסטקאַסטן, אָדער אין דער פּלייצע. און אַ טייל פון אייך האָבן דאָס געזען, און האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין וואָס דאָס איז ט ו י ט און פאַרוואָס ער איז פאַראַן אויף

דער וועלט, און פאַרוואָס ער האָט געטראָפן צו אייערע טירן. איר האָט געפּרוווט אַנטלויפן פון אים, צו פרעמדע מענטשן זענט איר געלאָפן און געזוכט פריינדלעכע הענט, טיילמאָל האָט איר זיי געפונען, טיילמאָל, נישט אַלעמאָל. טייל פון אייך האָבן געהאַט האָס גליק צו טרעפן אָפענע טירן און אָפענע הערצער — מיט צוטרוי האָט איר אייער לעבן איבער־געגעבן אין זייערע הענט. איר האָט באַגעגנט מענטשן גוטע, און יעדע גוטסקייט איז געווען אַנדערש. פאַראַן אַ גוטסקייט וואָס דויערט איין טאָג, אָדער אַ חודש, נישט שטענדיק דויערט זי לענגער. יענע גוטסקייט, וואָס האָט געדויערט איין טאָג, פלעגט זיך פאַרוואַנדלען אין שלעכטסקייט, אין פרעמדקייט — זי האָט אייך אָפּגענאַרט. און איר האָט דאָס נאָך ביז היינט נישט פאַרגעסן.

און עס זענען געווען צווישן אייך אַזעלכע, וואָס זענען אַנטלאָפן פון מענטשן און האָבן זיך איבערגעגעבן אין רשות פון געדיכטעניש פון וואַלד. אויך דאָרט זענען זיי געווען פאַרפאָלגט, אויך דאָרט איז געווען דער פּחד פאַר פרעמדע הינט, פאַר ווילדע חיות, פאַר מענטשלעכע טריט, וואָס זענען נאָכגעגאַנגען נאָך אייערע שפּורן. קינדער זענט איר, און עס איז אייך צוגעפאַלן דער גורל פון דערוואַקסענע. אין צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט איז אייך אויסגעקומען צו לעבן אַזוי, ווי עס האָבן געלעבט מענטשן אין אַלטערטום, צווישן רעוון פון ווילדע בעסטיעס, אין הונ־גער און קעלט. איך רעד צו אייך, אָבער נישט נאָר וועגן אייך. אין גאַנץ אייראָפּע בלאָנקען אַרום קינדער פאַרלוירענע און פאַרלוירענע עלטערן. מאַמעס זוכן זייערע זין און טעכטער, זייערע מענער. מענטשן פאַראיינ־זאַמטע און בענקענדיקע. און אַזוי וועלן זיי שוין פאַרבלייבן. שטענדיק, ביז צום סוף וועלן זיי זוכן זייערע שאָטנס...

אין קאָרידאָר האָט זיך געהערט דאָס קלינגען אויף אַ פּויזע. אָבער זיי, די שילער זענען געזעסן אויף זייערע שטולן באַוועגלאָז. איך האָב געזען זייערע אויפגערעגטע פּנימער און זייערע אויגן, אָנגעשטרענגטע, אונטער אַ נעפּל פון טרערן. זיי זענען געווען גערירט, און קוים באַ־הערשנדיק מיין אייגן געוויין און מיין אייגענעם טרויער, האָב איך גע־זאָגט:

— גייט אויפן הויף. אַ שיינער טאָג היינט, גייט שפּילן...

— ניין — האָט געזאָגט דער יאַט מיטן אויסזען פון וואַלד־רוי־בער — קיינער וויל נישט גיין. איר קאָנט ווייטער רעדן...

— איר בלאָנקעט אייך אַרום, פאַרטריבענע פון אייערע היימען, פון אייערע שטעט און דערפער, אין וועלכע איר האָט געלעבט, און פון די מדינות, אין וועלכע עס זענען געווען אייערע היימען. איר האָט אויפגעהערט צו גלייבן, אַז עס איז נאָך דאָ ווער צווישן די לעבעדיקע, וואָס זאָל אייך ליב האָבן און צו אייך בענקען, צו אייער גאָענטקייט און צו אייער שמייכל. ווען איך בין אַריינגעקומען צו אייך אָט דאָ, אין דעם דאָזיקן צימער, האָט איר נישט געהאַט קיין צוטרוי צו מיר און איר האָט נישט געוואָלט דערלויבן איך זאָל צו אייך רעדן. באַוויזן האָט איר מיר געוואָלט, אַז איר זענט שלעכט, פונקט אַזוי שלעכט, ווי יענע, וואָס איר האָט געהאַט דאָס אומגליק צו טרעפן אין אייער יונג לעבן. אָבער איר זענט נישט שלעכט, גוט זענט איר, און אַ סך גוטע מענטשן איז פאַראַן אויף דער וועלט, כאָטש נישט שטענדיק דערקענט מען זיי, ווייל גוטסקייט האָט נישט קיין שילד, און ווייל לייכטער איז צו דערקענען דאָס שלעכטע ווי דאָס גוטע. אָפט באַגעגנט מען דאָס גוטע און מען דערקענט עס נישט. עס זענען דאָ מענטשן, וועלכע טראַכטן וועגן אייך, איר זענט זיי נויטיק און זיי זענען אייך נויטיק. זיי וועלן אייך העלפן דערקענען דאָס לעבן, זיין שיינקייט און זיין אומעט, זיין פרייד און זיין ערנסטקייט און אויך די ביטערקייט פון לעבן, אָן וועלכער מען קאָן זיך נישט באַגיין, פונקט ווי מען קאָן זיך נישט באַגיין אָן זאַלץ. איר וועט אויפוואַקסן און רייף ווערן, און איר וועט טאָן פאַרשידענע זאַכן, וואָס געהערן צו דערוואַקסענע מענטשן. איר וועט טאָן גוט אָדער שלעכט, און דאָס וועט זיין אָפּהענגיק פון דעם, ווער איר וועט זיין, גוטע מענטשן אָדער שלעכטע... אפשר וועט איר לעבן אַזוי, ווי עס האָבן זיך געווונטשן אייערע מאַמעס. אויף דער וועלט זענען פאַראַן מיליאָנען אייערע ברידער און פריינד — קינדער פון אַלע פעלקער — זייערע לערערס זאָגן צו זיי די זעלבע רייד, וואָס איך זאָג צו אייך: זייט גוטע און גלייבט אין די גוטע מענטשן און אויך אין ליבע זאָלט איר גלייבן, אפשר וועט דאָס זיין פאַר אייך אַ היילונג און אַ טרייסט. זייט גוט, בכדי איר זאָלט נישט דאַרפן מיך אויסמיידן מיט אייער בליק. איך גלייב אייך, איך גלייב אייער גוטן ווילן און וויל איר זאָלט מיר אויך גלייבן, ווייל אויך איך האָב אַ גוטן ווילן לגבי אייך. אויב איך וועל נישט געווינען אייער צוטרוי, הייסט עס, אַז איך האָב נישט באַוויזן אייך צו פאַרשטיין. איך וועל דאָ וואַרטן אויף אייך מאָרגן אינדערפרי. איר וועט מיר געבן תשובה. און איצט גייט...

עס איז געווען שטיל און איך האָב געהערט דאָס קלאַפּן פון מיין

אייגן הארץ. נאָר אַ פאַרבלאָנקעטע בין האָט זיך געשלאָגן אָן דער שויב פון פענצטער און זינגעוודיק געזשומעט. איך האָב אויפגעעפנט דאָס פענצטער און אין צימער האָט זיך אַריינגעריסן דער וואַרעמער הויך פון ווינט, דער גערוך פון וואַלד, דער רויש פון דער אָזיערע. איך האָב צוגעמאַכט די אויגן און אָנגעשפּאַרט זיך אָן דער וואַנט. איך בין געווען מיד, מיד און פאַרמאַטערט און כ'האָב מורא געהאַט, אַז אָט וועט מיך ווידער באַפאַלן מיין חולאת, אָט די אַלע מיינע נערוון־ווייען, וואָס פלעגן מיך פון צייט צו צייט פאַרפאָלגן, ווי לאַנג איך בין געווען אין דעם אָפּרו־הויז פאַר זקנים און קראַנקע.

איך בין נישט געווען צופרידן פון זיך. איך האָב זיי נישט געזאָגט דאָס, וואָס איך בין מחויב געווען זיי צו זאָגן. און איך האָב נישט געוווסט, צי דאָס וואָס איך האָב געזאָגט איז דערגאַנגען צו זיי, צו זייערע געוויסנס און הערצער.

מען האָט ווידער געקלונגען אויף אַ פויזע און איך האָב מיך אומגעקערט און געוויזן מיט דער האַנט אויף דער טיר, אָבער זיי זענען געזעסן, נישט גערירט זיך פון אָרט, ערנסטע און פאַרטראַכטע.

— גייט — האָב איך געזאָגט — גייט אַרויס אין פעלד. לערנען וועלן מיר אָנהייבן מאָרגן. גייט, אַ שיינער טאָג איז היינט...

דערמאָנט האָט איינע פון די מיידלעך צוגעטראָגן דאָס טיכעלע צו די אויגן און פּלוצים האָט עפּעס אויפגעברויזט אין זיי — זיי זענען ווידער געווען קינדער. זייער געוויין האָט וועגן דעם עדות געזאָגט.

— מען דאַרף נישט, קינדער — האָב איך זיי געבעטן — מען דאַרף נישט וויינען. קומט, לאָמיר גיין צו דער אָזיערע. קוקט, ווי שיין עס איז, גרין, און עס שמעקט מיט וואַלד. פילט איר דעם גערוך פון וואַלד?

— מען דאַרף נישט וויינען — האָט ערנסט איבערגעחזרט דער „וואַלד־רויבער". — הער לערער האָט געזאָגט, אַז מיר זאָלן גיין...

נישט אומקוקנדיק זיך אויף קיינעם בין איך אַרויסגעגאַנגען דער ערשטער. איך בין געלאָפן צום וואַלד, געדיכט איז דאָרט געווען פון אַלטע ביימער, און דער ריח פון פרישע ביימער־זאַפטן האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם ריח פון שוואָמען און פון פוילנדיקע בלעטער. די צוזאַמענגעפלאָכטענע צווייגן איבערן קאָפּ האָבן ערטערווייז באַוויזן אַ שטיקל הימל. לויטער איז עס געווען און פול מיט גוטע האָפענונגען.

און דאָך בין איך געווען אויפגערעגט.

— אַנטלויפן — האָב איך געטראַכט — אַנטלויפן וואָס שנעלער, אַוועקגיין פון אָט דעם אַלעם, וואָס מאַטערט און בלוטיקט נאָך אַלץ. באַהאַלטן זיך ערגעצוווּ אין אַ ווינקעלע און איבערשניידן אַלע פעדים, וואָס ציען זיך פונעם עבר. אַנטלויפן פונעם טרויער, נישט בענקען צו קיינעם, נישט אומקערן זיך צום געכטן, לעבן אין שטילקייט און איינזאַמקייט, אַליין ווערן אַ טייל פון דער דאָזיקער שטילקייט, נישט האָבן קיין זכרונות, פאַראייניקן זיך מיט דער וועלט, כאָטש זי איז אַזעלכע, ווי זי איז, פאַראייניקן זיך און ציען יניקה פון טאָג־ליכט און פון מוזיק, פון רו און שטורעם, פון דער שיינקייט און אויך פון דער העסלעכקייט פון דער וועלט, ווייל אַלץ איז דאָך לעבן, לעבן...

איך האָב צוגעטוליעט דאָס פּנים צו דעם קילן סאַמעטענעם מאָך, און עס איז מיר גוט געווען אין דער דאָזיקער מינוט, כאָטש געווען איז עס אַ מינוט פון ווייטיק. איך בין געזעסן אין שאָטן וואָס האָט געקילט די וווּנדן, און אין דער שטילקייט וואָס האָט געהיילט. ווי אַ פרייליכע כוואַליע איז אָנגעקומען דער געדאַנק: איך בין יונג! איך בין נאָך אַלץ יונג! די דאָזיקע ליידן וועלן פאַרבייגיין, און קומען וועלן אַנדערע, ווייל אַזאַ איז דאָך דאָס לעבן. דעם בימערן טעם פון טרערן, ווינטן און זאַווערוכעס, רעגנס וואָס שמייסן אין פּנים, דונערן און בליצן — איך פלעג דאָס אַלץ ליבן, איך פלעג עס פילן, דאָס יונגע לעבן מיינס... און עס פלעגט טרעפן — איך געדענק עס נאָך ביז היינט — עס פלעגט טרעפן, אַז איך פלעג מיך אַרויסלאָזן פון שטוב אין אַ טונקעלן אָוונט, ווען עס האָט געבליצט און געדונערט, און לויפנדיק אַנטקעגן דעם ווינט, וואָס האָט געשמיסן מיט רעגן און פאַרכאַפּט דעם אָטעם, פלעג איך פילן די גרויסע פרייד, וואָס איז געווען ווי אַ שטראָם וואָס פליסט אין אַלע אָדערן: איך לעב!... — אַזוי האָב איך געשריגן און עס איז מיר גוט געווען, און יונג בין איך געווען...

דאָס אַלץ איז געווען — ווען?

און איצט...

איך האָב נישט געהאַט קיין רעכט אַזוי צו רעדן צו די דאָזיקע קינדער. ווייניק אַכזריות האָבן זיי דורכגעלעבט? איך האָב מיר איינגערעדט, אַז איך קום צו זיי בכדי צו היילן וווּנדן, און אין דער אמתן האָב איך אָנגעהויבן פון אויפרייסן זיי. איך האָב דאָך געקאָנט טאָן אַנדערש:

אויפּעפּענען זייערע אויגן אויף דעם רייץ פון דער וועלט, אויף דעם צווײַבער פון לעבן, דערציילן זיי וועגן יענער וווּנדערלעכער קראַפט, וואָס האַלט אונדז ביים לעבן, נישט געקוקט אויף אַלע יסורים און דערפאַרונגען. ווען איך וואָלט געקאָנט איבערזעצן אויף דער שפּראַך פון די פאַרשטענדלעכסטע ווערטער, אויף ווערטער פּשוטע, איבערזעצן די בלויקייט פון הימל, די גרינקייט פון וואַלד, די מוזיק פון ווינט, וואָס רוישט אין די צווייגן און אויך בעטהאָווענס מוזיק, דעם ריח פון ברויט און דעם ריח פון בלומען, וואָס אַנטפּלעקן זיך נאָך אַ רעגן. ווען איך זאָל עס געווען קאָנען... און נישט נאָר וועגן קינדער גייט עס — ווען עס זאָלן דעם טעם פון לעבן פאַרשטיין די דערוואַקסענע, ווען זיי זאָלן עס קאָנען און וועלן פאַרשטיין...

איך האָב זיך אויפגעהויבן און בין אַוועק אין דער ריכטונג פון דער שול. פונדערווייטנס האָב איך געהערט די ווילדע געשרייען פון די קינדער און די אויפגערעגטע הייזעריקע שטימען פון די לערערס. ביים טויער איז געשטאַנען דער שול־לייטער.

— מיין פרוי האָט קאָפּ־ווייטיק — האָט ער געזאָגט — נישט אויסצוהאַלטן מיט די דאָזיקע אויסוווּקסן. נישט קיין קינדער, נאָר ווילדע חיות. פּרוּווט, אפשר וועט איר האָבן מער מזל צו זיי...

איך בין אַריינגעגאַנגען אין שול־צימער. ווען איך האָב הינטער זיך פאַרמאַכט די טיר, איז פּלוצים געוואָרן שטיל. די יאַטלעך זענען געזעסן אויף זייערע ערטער, און שווייגנדיק געקוקט אויף מיר מיט דערוואַרטונג.

— וועלן מיר לערנען? — האָב איך געפרעגט.

— יאָ — האָבן זיי געענטפערט — מיר וועלן לערנען.

אויפן טיש, אויף דעם דיל זענען געלעגן שפּענער, שטיקלעך פון אַ צעבראָכענער ליניע.

— ווער האָט צעבראָכן די ליניע? — האָב איך געפרעגט.

— די לערערין, וואָס האָט מיך געשלאָגן...

אַ קליין יינגעלע מיט אַ קאָפּ שוואַרצע געקרייזלטע האָר האָט זיך אויפגעהויבן פון דער באַנק און איז צוגעקומען צו מיר. ער האָט אויסגעצויגן די האַנט, וואָס איז געווען בלאָ און געשוואָלן.

— ברענען זאָלן אירע אברים — האָט ער געזאָגט — איר זעט ווי זי האָט מיך געשלאָגן? אָבער איך וועל איר נאָך ווייזן, מיט וועמען זי האָט צו טאָן...

.6

— אַז אומגליק מיט די קינדער — האָט געקלאָגט דער פאַרוואַלטער פון דער שול — דאָס קליינע יאַטל מיט די שוואַרצע האָר האָט אַ ביס געטאָן מיין פרוי אין דער האַנט. אָבער איך וועל אים ווייזן, איך וועל מיט אים לערנען... איך האָב אים פאַרמאַכט אין שול, זאָל ער דאָרט זיצן אָן מיטאָג... אַרויסלאָזן וועל איך אים נישט פריער, ווי אין אָוונט. איך וועל זיי אַלע אויסלערנען גוטע זיטן...

איך האָב גענומען דעם שליסל פון דער שול און אַוועקגעטראָגן דעם יינגל אַ ביסל עסן.

— עס — האָב איך אים געזאָגט — און אַז דו וועסט שוין זיין זאַט, וועסטו מיר זאָגן פאַרוואָס דו ביסט אַזוי שלעכט.

— איך בין נישט שלעכט — האָט געזאָגט דאָס קינד — דאָס זענען זיי שלעכט. איך קען זיי שוין גוט. זיי פאַרשטייען גאָרנישט. זיי מאַכן זיך פאַר גוטע, אָבער איך גלייב זיי נישט...

— אַ ביסל מוזטו זיי גלייבן. יעדער מענטש מוז דעם צווייטן אַ ביסל גלייבן.

ער האָט גענומען אין דער האַנט אַריין דאָס ברויט, צוויי שטיקלעך ברויט און אַ שטיקל פלייש.

— דאָס האָבן זיי געשיקט? — האָט ער געפרעגט מיט חשד אין דער שטימע — אויב זיי האָבן דאָס געשיקט קאָנט איר עס צוריקנעמען. פון זיי וויל איך נישט. זאָלן זיי זיך אַליין דערוועגן מיט דעם.

— דאָס האָב איך דיר געבראַכט. עס.

— אויב אַזוי וועל איך עסן.

— אין אָוונט וועט מען דיך באַפרייען...

ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און זיך צעשמייכלט.

דערווייל איז פאַר דעם הויפּט־בנין פאַרפאָרן אַן אויטאָ פון דער גיכער הילף און צוויי פלעגערינס האָבן אַרויסגעפירט פון שטוב דעם קליינעם עריך, אַ יינגל וואָס האָט געשטאַמט פון האַנאָווער און איז געווען אַ מיש־לינג; נאָך זיין יידישער מוטער האָט ער גערשנט אַ פּאָר וווּנדערבאַר־שוואַרצע אויגן, אָבער פון דעם דייטשישן פאָטער, וואָס איז געווען אַ היט־לעריסטישער אָפיציר, האָט ער זיך אויסגעלערנט האַסן יידן, כאָטש אַליין איז ער אַלט געווען נישט מער ווי זיבן—אַכט יאָר. דאָס האָט ער אויף אַלע ווענט געצייכנט דעם האַקנקרייץ און געזונגען דאָס האָרסט־וועסעל־

ליד. דערפֿאַר האָבן אים די קינדער צעמזיקט אַזוי, אַז מען האָט אים געמוזט אַוועקפֿירן אין שפּיטאָל.

אין עס־צימער האָט נאָך געדויערט דאָס מיטאָג. געווען איז עס ווי בעת אַ מאַלצייט פֿון שדים. געוויין, געשריי און געלעכטער האָבן זיך אויסגעמישט מיט דעם קלאַנג פֿון צעבראָכענע גלעזער און טעלער. די קינדער האָבן איינער ביים צווייטן אַרויסגעריסן פֿון די הענט דעם ביסן, און איבער די טישן זענען געפֿלויגן מעסערס און גאָפּלען. די דערציערינס זענען געשטאַנען מאַכטלאָז און דערשראָקן. זיי זענען שוין נישט אימ־שטאַנד געווען צו שרייען, ווייל זיי זענען געווען הייזעריק און פֿאַר־צווייפֿלט. אין ווינקל ביי דער טיר איז געשטאַנען דער פֿאַרוואַלטער און האָט געבראָכן די הענט. מיט אַ צעחושטן בליק האָט ער אַרומגענומען דעם זאַל — די קינדער און די דערוואַקסענע, און לעבן אים איז געשטאַ־נען זיין שיינע פֿרוי מיט אַן אַרומגעבונדענער האַנט, און זי האָט אים געפּרוווט בארואיקן.

— אַדאָלף — האָט זי געזאָגט — אַדאָלף, דערבאַרעם זיך, רעג זיך נישט אויף...

זי איז געווען אַ הויכע, אַ פֿעסט געבויטע, מיט גרויסע בריסטן און מיט ראָזע קיילעכדיקע בעקעלעך און מיט געקרייזלטע האָר. זי איז געווען אַ סך יינגער פֿון איר מאַן.

— זאָל איך פּלאַצן — האָט איבערגעחזרט דער פֿאַרוואַלטער — זאָל איך פּלאַצן, אויב איך האָב ווען געזען אַזאַ טעאַטער, אַזאַ משוגעים־הויז...

איך האָב מיך אַדורכגעשטופּט צווישן די טישן און בין צוגעגאַנגען צו דעם יאַט מיט די צעשויבערטע האָר, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן אָנ־פֿירער פֿון אַ רויבער־באַנדע. איך האָב זיך אָנגעבויגן איבער אים. ווען ער האָט מיך דערזען, האָט ער אַ ציטער געטאָן און פֿאַרדעקט דאָס פּנים מיטן עלנבויגן.

— האָב נישט קיין מורא — האָב איך אים באַרואיקט — איך האָב צו דיר אַן עסק. ווען דו וועסט אָפּעסן, קום צו מיר... איך וועל וואַרטן אין גאָרטן.

איך בין אַרויס פֿון עס־זאַל. דערנעבן אין אַ צווייטן צימער זענען געזעסן ביים טיש די קליינינקע — יינגעלעך און מיידעלעך ביז פֿינף יאָר, יתומים, וואָס זייערע עלטערן האָבן איבערגעלעבט דעם גיהנום פֿון מלחמה, אָבער קיין געזונט און כוח אויף לאַנג לעבן האָבן זיי שוין נישט געהאַט.

אַ ייִנגעלע פֿון אַ יאָר פֿיר האָט צו מיר אויסגעצויגן די הענטלעך, אין וועלכע ער האָט געהאַלטן אַן עפּל.

— עס, טאַטע — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעלע — נעם און עס...

— דאָס איז נישט דיין טאַטע — האָט אים געענטפערט אַ מיידעלע ביים זעלבן טיש — דאָס איז מיין טאַטע.

די קינדער האָבן זיך אָנגעהויבן צו שלאָגן.

— אַנדערע קינדער האָבן טאַטעס — האָט זיך צעוויינט די קליי-ניקע — און מיר האָבן נישט קיין טאַטן. פֿאַרוואָס האָבן מיר נישט קיין טאַטן?

איך בין אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטן. די וועלט איז געווען פֿאַרגאָסן מיט זון — א פֿאַרפּלייצונג פֿון ליכט און וואַרעמקייט. איך האָב מיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק — זי איז געווען היים, אָנגעוואַרעמט פֿון דער זון.

דער יונג מיט דעם שויבער איז געגאַנגען דורך דעם בלומען-פּאַרקעט.

— זעץ זיך דאָ, לעבן מיר. איך וויל מיט דיר עפּעס רעדן.

— רעדן? — האָט ער איבערגעחזרט — פֿאַרוואָס דען נישט?

— ווי אַזוי הייסטו?

— אָסקאַר.

— די ביסט דאָ ביי אונדז מיט אַ ברודער...

— מיט אַ ברודער און מיט אַ שוועסטער. די שוועסטער הייסט עלזע און דער ברודער — יעקב. דאָס איז דער, וואָס האָט אַ בים געטאָן די לערערין.

— וווּ ביסטו געווען בעת דער מלחמה?

— בעת דער מלחמה? פֿריער זענען מיר געווען מיטן טאַטן אין וואַלד. דערנאָך האָבן זיי דעם טאַטן דערהרגעט און מיר זענען געבליבן אַליין. האָבן מיר זיך געלאָזט טיפֿער אין וואַלד אַריין, דאָרט האָב איך אויסגעגראָבן אַ הייל און צוגעדעקט זי מיט צווייגן. זייער גוט איז זי געווען פֿאַרמאַסקירט. עס איז אונדז דאָרט וואַרעם געווען. דער וואַלד איז געווען זייער אַ געדיכטער, קיין ווינטל האָט דאָרט נישט געבלאָזן. וואַ-סער איז אויך געווען נאָענט. מיר האָבן געפֿונען אַ קוואַל. נאָר עסן האָבן מיר נישט געהאַט וואָס. זומער — יאָ, זומער האָט אונדז קיין עסן נישט געפֿעלט: יאַגעדעס, שוואָמען, אייער פֿון ווילדע פֿייגל... נאָר ווינטער איז

געווען ביטער. פלעג איך טיילמאָל גיין אין דאָרף אַריין, אָבער דאָס דאָרף איז געווען זייער ווייט און עס איז לייכט געווען צו פאַרבלאָנדזשען. יאָ, ווינטער איז געווען צומערגסטן. ערשט שפּעטער האָבן אונדז געפונען די פּאַרטיזאַנער און זיי האָבן אונדז גענומען צו זיך. אָבער ביז יענער צייט...

איך האָב געשוויגן, ווייל וואָס איז דאָ געווען צו זאָגן? מיט וועלכע ווערטער האָב איך אים געזאָלט טרייסטן? און ווי אַזוי האָב איך גע-דאַרפט מיט אים רעדן? ווי צו אַ קינד, אָדער ווי צו אַ דערוואַקסענעם?

— איר האָט מיר געוואָלט עפּעס זאָגן... — האָט ער דערמאָנט.

— יאָ, איך האָב געוואָלט דיך עפּעס בעטן. איך ווייס נישט, צי מען קאָן זיך אויף דיר פאַרלאָזן...

— מען קאָן — האָט ער פאַרזיכערט — פאַרוואָס דען נישט? אויב מען דאַרף עפּעס טאָן... איך האָב ליב צו אַרבעטן.

— מען דאַרף — האָב איך געזאָגט און אָנגענומען אים ביי דער האַנט — האָסט געזען, וואָס עס טוט זיך אין דעם דאָזיקן הויז? די יאַטן פירן זיך אויף, ווי ווילדע. די דערציערינס זענען שוין הייזעריק און קראַנק. אין אַ געוויסן טאָג וועט ווער קומען צו פאָרן פון דער שטאָט און וועט אונדז צעטרייבן אויף אַלע זיבן ווינטן.

— ווען אַרט עס? — האָט ער געזאָגט — זאָלן זיי צעטרייבן. מע וועט נישט אומקומען. איך קאָן גיין אַרבעטן.

— דו אפשר קאָנסט, אָבער די קליינע יאַטלעך קאָנען נישט. און דו אַליין קאָנסט אויך נישט. מוזט פריער זיך אויסלערנען עפּעס וואָס. און דערווייל מוז מען לעבן אַזוי ווי מענטשן לעבן.

— מענטשן? — האָט ער זיך געבייזערט — וואָס גייען מיך אָן די מענטשן? מענטשן האָבן געהרגעט דעם טאַטן און דער מאַמען, און אונדז האָבן זיי געוואָלט הרגענען.

— מיין טאַטן האָבן זיי אויך געהרגעט.

— נו, זעט איר דאָך אַליין.

— וואָס זע איך? איך האָב דאָך שוין מיט אייך גערעדט וועגן דעם. איר וועט אייך לערנען, כדי צו קאָנען לעבן. ווען איר וועט זיך עפּעס אויסלערנען און ווען איר וועט אויסוואַקסן, דעמלט וועט איר אפשר עפּעס ענדערן אויף דער וועלט. איך האָב שוין וועגן דעם גערעדט.

— יאָ. איך געדענק. מיר האָבן צו אייך גאָרנישט. אָבער יענער מיטן בערדל... זאָל ער אונדז נישט שלאָגן, דער הינטישער זון...

— איך אַליין דערפֿירט אים דערצו — האָב איך געזאָגט — נאָר איך האָב אַ פּלאַן... אויב דו ווילסט, וואָלטן מיר געקאָנט פּרווון...

— דאָס האָט ער אייך געשיקט צו מיר, דער חזיר־פּיסק מיטן בערדל? — אָסקאַר האָט אויף מיר געקוקט מיט פֿאַראַכט.

— קיינער האָט מיך נישט געשיקט. איך בין אַליין צו דיר געקומען. דו ביסט דאָך דער עלטסטער צווישן די קינדער. איך וויל, אַז דו זאָלסט מיר העלפֿן. וועסט זיך צוקלויבן עטלעכע יאַטן און וועסט זען, עס זאָל זיין אָרדענונג אין דעם הויז. קיינער וועט זיך צו אייך נישט מישן, קיי־נער וועט אויף אייך נישט שרייען. אָבער דו וועסט זיין פֿאַראַנטוואָרטלעך, דו און די עלטערע יאַטן.

ער האָט זיך פֿאַרטראַכט. נישט קוקנדיק אויף מיר, האָט ער ענדלעך געזאָגט:

— איך קאָנט זיך אַליין קיין עצה נישט געבן, דעריבער קומט איר צו מיר.

איך האָב זיך אויפֿגעהויבן פֿון דער באַנק:

— איך באַדויער, וואָס איך האָב דיך גערופֿן. האָסט מיך נישט פֿאַרשטאַנען.

— איך האָב פֿאַרשטאַנען — האָט ער געזאָגט ערנסט — איך בין נישט אַזאַ נאַר. גייט נאָך נישט אַוועק. איך וועל פּרווון...

— מוזט זיך צוערשט אַדורכרעדן מיט די ייִנגלעך. מאָרגן, ביים פֿרישטיק וועט איר שוין זיין אַליין אין עס־זאַל. מיר וועלן אייך נישט שטערן.

— נו, איר מעגט קומען. דאָס וועט נישט שאַטן. אפֿשר וועל איך נישט וויסן ווי אַזוי...

— גוט. איך וועל קומען.

ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, אָבער עס האָט אים געפֿעלט מוט

— די דאָזיקע פֿאַרשאָלטענע גאָפּלען — האָט ער ענדלעך אויסגע־שטאַמלט — די גאָפּלען און די מעסערס. קיינמאָל האָב איך מיט דעם נישט געהאַט צו טאָן.

— אויב עס גייט נאָר וועגן דעם — האָב איך געענטפֿערט — וועל איך אייך אויסלערנען.

— מאָרגן?

— גוט.

ער האָט זיך געלאָזט גיין מיט זיין ווילױנגערישן הילוך, מיט די הענט אין די טאַשן, לייכט איינגעהויקערט...

— אָסקאַר!

ער האָט זיך פאַרהאַלטן און געקוקט אויף מיר וואַרטנדיק.

— דערגנענטער זיך... — האָב איך געזאָגט — מיין גוט ייגגל. מיין זונעלע...

און איך האָב גענומען גלעטן זיינע האָר און זיינע באַקן.

ער איז געשטאַנען לעבן מיר אַ צעטומלטער, ווי עס וואָלט אים שווער געווען צו פאַרשטיין, וואָס איך רעד צו אים. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער זעט מיך נישט, אַז ער קוקט דורך מיר ווי דורך גלאָז.

— פאַרוואָס האָט איר דאָס געזאָגט? — האָט ער זיך געבייזערט, כמעט געשריגן האָט ער: פאַרוואָס האָט איר דאָס געזאָגט? פאַרוואָס?

איך האָב אים אַרומגענומען, ער איז געווען באַלד אַזוי הויך ווי איך. איך האָב צוגעטוליעט זיין קאָפּ צו מיין אַקסל און פאַרנורעט די פינגער אין זיינע האָר. ער האָט זיך אַרויסגעריסן און איז אַנטלאָפן אין דער ריכטונג פון דער שול־געביידע.

— איך וויל נישט, מען זאָל צו מיר אַזוי רעדן! — האָט ער געשריגן — איך וויל נישט!

דערווייל איז שוין געווען נאָך מיטאָג. די קינדער האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין פאַרק. צוויי דערציערינס מיט די יינגסטע האָבן זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פון דער לאָנקע, וווּ עס זענען געשטאַנען פעלד־בעטלעך — נאָך מיטאָג האָבן די קינדער געמוזט ליגן אין שאָטן. דער פאַרוואַלטער מיט זיין פרוי זענען געגאַנגען אַהיים — ער האָט זיך גערוקט פאָרויס, אַן אויסגעדאַרטער און איינגעהויקערטער, מיט אַ פעקל פאַפּירן אונטערן אָרעם, אַ שטאָלצער און דעספּאָטישער, מיט פאָרזיכטיקע טריט און מיט אַ קראַנק האַרץ. זי — אַ הויכע און דיקע, אַ יפת־תואר, מיט אַ געשטאַלט פון אַ גריכישער געטין.

עס איז נאָך געווען אַ לערער פון ראַווינע, אַ לונגען־קראַנקער, מיט אַן אויסזען פון אַן אַנאַרכיסט אין די צייטן פון צאַריזם. ער איז געווען אַ שפּראַכן־קענער, געערדט אויף פאַרשיידענע לשונות, און אין יעדן לשון האָט ער זיך באַנוצט מיט דעם זעלבן זינגעוודיקן אַקצענט, אין וועלכן מען האָט באַלד געקאָנט דערקענען, אַז ער שטאַמט פון רוסלאַנד, אָדער פון מזרח־פּוילן. אויך ער איז געווען אַ שטאָלצער מענטש און

האָט זיך נישט אַריינגעמישט אין ענינים, וואָס האָבן צו אים נישט געהערט.

צום ספּאָרט־פּלאַץ איז געגאַנגען איינער פון די יינגערע לערערס, אַ ספּאָרטלער. אין איין האַנט האָט ער געטראָגן אַ פוטבאָל, אין דער צווייטער — אַן אַפּאַראַט צום פאָטאָגראַפירן. אַ גרופּע יינגלעך האָט אים געטריי באַגלייט.

פּלוצים איז לעבן מיר אויסגעוואַקסן איינע פון די דערציערינס — אַ הויכע איז זי געווען און אַ שלאַנקע, מיט האָר פאַרפלאָכטענע אין צווי לאַנגע צעפּ. אין שיין פון דער זון האָבן אויך די האָר אירע געשיינט, אַזוי האָט זיך עס מיר געדאַכט אין יענער רגע, ווען זי איז צו מיר צו־געקומען און מיט אַן אויפגערעגטער שטימע געזאָגט:

— אָסקאַר ווײַנט! איך האָב געזען, אַז איר האָט מיט אים גערעדט. איר האָט אים געשלאָגן! פאַרוואָס האָט איר דאָס געטאָן? ווער האָט אייך געגעבן דאָס רעכט?! באַנדיטן זייט איר אַלע, איר הערט? איר האָט נישט פאַר קיין גראָשן געפיל פאַר די ראָזיקע קינדער.

זי האָט מיך פאַרשריגן מיט איר הייזעריקער שטימע, און נישט הערנדיק מיינע רייד, האָט זי מיך געלאָזט שטיין און איז אַוועקגעגאַנגען.

— אַ משוגענע יידענע — האָב איך געטראַכט — זאָל עס דער רוח נעמען, אַזאַ דול־הויז...

אין שאָטן פון דער בליענדיקער אַקאַציע איז געזעסן דער אונגאַרי־שער גראַף אַפּאָני אין אַ זיידענעם שלאָפראָק מיט אויסגענייטע בלומען און האָט זיך געהוידעט אין אַ געפלאָכטענעם וויג־בענקל. די באַקעטע פּים האָט ער אַרויסגעשטעלט אויף דער זון — זיי זענען געווען דאַר און בלוי.

— אַ שיינער טאָג — האָט ער געזאָגט — אין אַזאַ טאָג, ווי היינט, האָב איך עפּעס פאַר אייך. אויב איר ווילט פאַרברענגען אַ פּאָר שעה ביי דער אָזערע, קאָנט איר געניסן פון מיינע פישפאַנג־מכשירים.

נאָך איידער איך האָב באַוויזן אים צו ענטפערן, איז ער פאַרשוווּנדן אין דער וווינונג זייגער, און אין אַ מינוט אַרום האָט ער מיר אַרויסגע־בראַכט דאָס אַלץ, וואָס איז נייטיק אַ געניטן פישער.

— ביטע — האָט ער געזאָגט און דערלאַנגט מיר אַ שיינעם באַמ־בוס־שטעקן — דערוווייל... און אויב איר וועט מיר ווען עס איז אָנטאָן דעם כבוד און וועלן באַזוכן אין מיינע גיטער לעבן פעשט... אָ, דעמלט וועט איר זיך איבערצייגן, וואָס עס באַדייט דער נאָמען אַפּאָני... צו אַלדע רוחות...

אפשר איז ער געווען נישט זייער ניכטער. איין האַנט האָט ער אויפגעהויבן אין דער הויך און זינגענדיק אונטער דער נאָז עטלעכע טאַקטן פון אונגאַרישן טשאַרדאַש האָט ער געגומען טאַנצן און שפּרינגען אויף זיינע אויסגעדאַרטע קראַנקע פיס. אַזוי לאַנג האָט ער געטאַנצט, ביז ער האָט זיך פאַרדישעט און פאַרסאָפּעט און אָנגעהויבן הוסטן. מאַכטלאָז איז ער אַנידערגעפאַלן אויף דער באַנק.

איך האָב זיך געלאָזט גיין צו דער אָזערע. אויף דעם טונקעלן שפּיגל פון וואַסער האָט זיך געליגט אַ גאָלדענע פּאַסמע זון. ביים ברעג האָט זיך געוויגט אַ שיפל, צוגעבונדן צו אַ בוים. מיט אַ לייטערל האָב איך אַרויפגעקלעטערט אויף אַ שטאָקיק הייזעלע, אין וועלכן די אַמאָליקע באַלעבאַטים פלעגן זיך פאַרווײלן אין די הייסע זומערדיקע טעג. דער דאַך איז געווען אַ פלאַטשיקער, אַ באַדעקטער מיט שמעקעוודיקע סאָסנאָווע ברעטער, וואָס זענען איצט געווען היים פון דער זון. איך האָב אויסגעטאָן דאָס העמד און האָב דערפילט דאָס וואַרעמע צערטלען פון דעם ווינט.

— ס'איז גוט — האָב איך געטראַכט — קיינמאָל איז מיר נאָך נישט געווען אַזוי גוט, ווי איצט. אַלץ איז פון מיר אָפּגעפאַלן, אַלע זאָרגן...

עס האָט מיך אַרומגענומען אַ געבענטשטע זאָרגלאָזיקייט. אַזאַ מינוט, האָב איך געטראַכט, אַזאַ מאָדנע און גליקלעכע מינוט, וואָס יאָרנלאַנג קאָן מען זי זוכן און נישט געפינען. אָבער די דאָזיקע ווונדערלעכע מינוט קומט אַליין, אין אַ געווײסן טאָג, ווען עס שיינט די זון און ווען עס איז אַזוי ווי היינט, אַזוי ווי אָטאָ דאָ. דער דאָזיקער גוטער ווינט — איך פיל אים אַזוי, ווי איך זאָל אים האַלטן אין די אָרעמס. עס זאָל נאָר דויערן לאַנג — מער וויל איך גאָרנישט. גאָרנישט מער.

דאָס וואַסער האָט געפּלוסקעט אין די הילצערנע ווענטלעך פונעם הייזל. עטוואָס ווייטער פון מיר איז געווען דער וואַלד, פול מיט געצווייטשער פון פייגל. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף דער הילצערנער באַנק און צוגעמאַכט די אויגן.

אַ ברעט האָט אַ סקריפּע געטאָן און עס האָט זיך באַוויזן אויף דעם לייטער צוערשט אַ קאָפּ, דערנאָך דאָס גאַנצע געשטאַלט. דורך די צוגעזשמורעטע וויעס האָב איך אים באַטראַכט, און ער, דער יאַט, האָט געמיינט, אַז איך שלאָף. פאָרזיכטיק, אויף די שפּיצפינגער איז ער צוגעגאַנגען ביז צו דעם אָנלען און האָט נייגעריק געקוקט אין וואַסער אַריין.

עפּעס האָט ער דערזען. ער האָט אויסגעצויגן דעם לאַנגן האַלדז דאָ אין איין זייט, דאָ אין דער צווייטער. ער האָט נאָכגעפּאָרשט.

— וואָס ווילסטו? — האָב איך אים געפרעגט.

ער האָט זיך דערשראָקן, אַ ציטער געטאָן און אונטערגעשפּרונגען.

— אָסקאַר האָט מיך געשיקט — האָט ער אויסגעשטאַמלט — ער האָט מיר געהייסן פרעגן, צי מיר קאָנען דאָ זיין. ער און איך. מיר וועלן העלפן...

— העלפן? — האָב איך נישט פאַרשטאַנען — וועמען ווילסטו העלפן? וואָס העלפן?

— איר האָט דאָך גענומען אַ וואַנדקע צו כאַפּן פיש — האָט ער מיר דערמאָנט — און איך קען מיך אַ ביסל אויף די דאָזיקע זאַכן. איך האָב מיך אויסגעהאָדעוועט ביים פּרוט, און ביים פּרוט זענען געווען אַזעלכע פיש, האָ, האָ...

— און ווערעמלעך האָט איר? — האָט ער זיך דערמאָנט

— ניין, כ'האָב פאַרגעסן.

— מ'ילא, עס שאַדט נישט. מיר וועלן ברענגען. הייסט עס, אַז אָסקאַר מעג אויך קומען?

— אוודאי מעג ער קומען.

אַ צופרידענער איז ער גיך פאַרשוווּנדן און אין אַ מינוט צען אָדער פופצן זענען זיי שוין ביידע געווען צוריק.

דער זאַמדיקער באָדן פון דער אָזערע האָט אויסגעזען ווי אַ שפּאַציר־פּלאַץ. די זון־שטראַלן האָבן זיך געשפּאָלטן אין שפּיגל פון וואַסער און האָבן אַריינגעדרונגען אין דער טיפעניש. די פיש האָבן זיך פאַמעלעך באַוועגט און לעבן יעדן איינציקן האָט זיך גערירט זיין שאָטן. פון אויבן האָבן מיר זיי געזען אַלע, די פלינקע העכט, וואָס זענען מינוטנווייז געשטאַנען ווי פאַרגליווערט, בכדי אין אַ פּאַסיקער רגע זיך אַ וואַרף טאָן אויף דעם קרבן און אים איינשלינגען... דעם ברייטבייכיקן פלאַכן לעשטש, די קליינע ווייסע פישעלעך, אַרום וועלכע עס האָבן זיך געראָיעט די שטענדיק הונגעריקע אָקאָנעס, מיט זייערע געפערלעכע, מערדערישע קעפּ.

דער יאַט, וואָס איז אויסגעהאָדעוועט געוואָרן לעבן פּרוט, האָט זיך גענומען פאָרען ביי די מכשירים.

— יעדער פיש מוז האָבן דאָס זייניקע — האָט ער געזאָגט — איין פיש האָב ליב געקאָכטע אַרבעס, אַ צווייטער איז אַ בעלן אויף פאַרגליווערטן קעז. און מיר וועלן פּרווון כאַפּן אויף אַ ווערעמל...

באַלד האָבן זײַנע געניטע פינגער אַלץ צוגעגרייט. — אַ דערפאַ־רענער פישער — האָב איך זיך געטראַכט — אַ געזונט אויף זײַן קאָפּ...

עס האָט נישט געדויערט לאַנג און ער האָט אַרויסגעצויגן פון וואַ־סער אַ גרויסן פלאַטערנדיקן שלײַען, וואָס האָט געגלאַנצט און געפינקלט אין דער זון, ווי לעבעדיק גאָלד און זילבער.

— אָ־אָ־אָ, דאָס איז אַ פיש... — האָט זיך אַנטציקט אָסקאַר. דאָס יאָטל האָט זיך געפרייט.

— און איצט גיי און טראָג אָפּ דעם פיש צו דײַן דערציערין! — האָב איך געזאָגט.

עס איז געוואָרן קיל. אַ ווײַסער נעפּל האָט זיך אויפגעהויבן איבערן וואַסער. דער וואַלד אויף דער צווייטער זייט פון דער אָזערע איז געוואָרן טונקעלער און געדיכטער. כמאַרעס בייסיקע פליגן, קאָמאַרעס, האָבן זיך גענומען ראַיען אַרום אונדזערע קעפּ. ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט אַהיים, האָט אונדז באַגלייט די העלע לבֿנה. עס איז געווען האַלב חודש.

צומאָרגנס אינדערפרי בין איך אַרײַנגעקומען צו די קינדער פריער ווי געוויינלעך. אין שלאָפצימער איז שוין אָבער געווען רויִשיק. אַ גריכיש ייִנגעלע מיטן נאָמען ניקאָלאָ האָט זיך געשלאָגן מיט זײַן חבר פון פוילן. קיינער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי עס איז דערגאַנגען צו דעם דאָזיקן געשלעג, אָבער קיין איינציקער פון זיי איז נישט פאַרבליבן איינזאַם. באַלד האָבן זיך אַרײַנגעמישט אין דעם דאָזיקן שטרייט אַנדערע קינדער — אַלע האָבן געקעמפט ווי די לייבן און קיינער האָט נישט געוווּסט פאַרוואָס.

ניקאָלאָ, דאָס ייִנגל פון גריכנלאַנד, איז געווען אַ קרענקלעך קינד, אַ שוואַכער און פאַרמאַכטער אין זיך, אַ צעחושטער. אָפט פלעגט ער זיך אויפרעגן. ער האָט געלעבט אין אַ וועלט, וואָס איז געווען פאַרמאַכט אין זײַן דמיון. אַן איינזאַמער איז ער געווען צווישן זײַנע חברים.

— זייט אַזוי גוט — האָט מיך צוגערופן זײַן דערציערין — טוט אַ קוק אויף זײַן בעט. נישט איצט, שפּעטער, ווען ער וועט אַרויסגיין פון צימער. דאָס פּאַסירט מיט אים יעדע נאַכט. די קינדער לאַכן פון אים און דערפאַר איז ער אַזוי אָפט אויפגערעגט, דערפאַר שלאָגן זיי זיך מיט אים, און ער שלאָגט זיך מיט זיי. עס שאַפט זיך ביי אים דאָס געפיל פון מינדערווערטיקייט...

— אפשר האָט ער פאַרקילט די נירן? — האָב איך געפרעגט.

— ניין — האָט געענטפערט די דערציערין — דאָס איז ביי אים אויפן נערוועזן באָדן. פשוט ער פילט נישט. זײַן נערוון־סיסטעם סיגנאַ־

ליזירט נישט. אָבער איך וועל אים אויסהיילן. זאָלן נאָר די קינדער אים נישט פּייניקן.

די קלענסטע קינדער האָבן געהאַט נישט געפּוצטע שיך, ווייל די דער־ציערינס זענען געווען פאַרנומען, נישט אַלץ האָבן זיי באַוויזן צוטאָן.

— ייִנגלעך — האָב איך געזאָגט צו די עלטערע קינדער, וואָס זענען שוין געשטאַנען אויסגעשטאָרצטע ביים שפּיגל — ס'וואָלט געווען גוט און שיין, ווען איר זאָלט וועלן עפּעס טאָן פאַר די קליינינקע. זעט, סאַראַ שמו־ציקע שיכלעך זיי האָבן...

די יאַטלעך האָבן זיך אַוועקגעדרייט, געמאַכט זיך נישט הערנדיק און איינער פון זיי האָט חוצפּהדיק געענטפערט:

— מיר זענען דאָ נישט דערויף, בכדי שיך צו פּוצן. זאָל דער פאַר־וואַלטער פּוצן.

איך האָב צונויפגענומען אַ צוואַנציק פּאָר שיכלעך און גענומען זיי רייניקן. די ווילדע יונגען מיינע האָבן זיך דערוויטערט און אין צווייטן עק פון קאָרידאָר האָבן זיי זיך גענומען סודען. דערנאָך זענען זיי צוריק־געקומען צו מיר און קוקנדיק ערגעץ אין אַ זייט, האָבן זיי געוואַרט. דער ערשטער איז צוגעקומען דער פישער, וואָס איז אויסגעהאָדעוועט געוואָרן ביים פּרוט. דער לעצטער איז געווען דער קליינער יאַנקעלע.

— גיט מיר דאָס בערשטל — האָט געזאָגט דער פישער — עס איז נישט שיין, איר זאָלט פּוצן שיך. ס'פּאַסט נישט. מ י ר וועלן פּוצן.

— דאָס דאַרף מען טאָן יעדן טאָג — האָב איך געזאָגט — און אייך וועט דאָס באַלד דערעסן ווערן.

— מיר וועלן עס טאָן יעדן טאָג — האָט פאַרזיכערט אַ צווייטער — איר קאָנט גיין עסן פרישטיק. איר קאָנט אייך אויף אונדז פאַרלאָזן...

— דאָס פאַרשאָלטענע פרישטיק — האָב איך מיך דערמאָנט — ווי אַזוי וועט עס אויסזען היינט?

דער עס־צימער האָט זיך גענומען אָנפילן מיט קינדער. אין מיטן זאַל איז געשטאַנען אָסקאַר. ער איז ווידער געווען דער אָנפירער, דער אַטאַמאַן פון אַ רויבער־באַנדע, מיט די ווילד־צערישע צעפּלאָשעטע האָר, וואָס האָבן אים פאַרדעקט כמעט דעם גאַנצן שטערן. „מאָרגן וועל איך אים שיקן צום שערער" — האָב איך מיר צוגעזאָגט צו פאַרגעדענקען.

אַרום די טישן האָבן זיך ווידער אומבאַהאָלפן אַרומגעדרייט די דער־ציערינס. די קעכין האָט געשאָלטן. דער פאַרוואַלטער איז געשטאַנען לעבן

דער טיר, אַ בלאַסער און אויפגערעגטער. איך בין צו אים צוגעגאַנגען און געבעטן, ער זאָל מיר געבן פרייע הענט אויף דעם איינעם טאָג. זאָל ער אויף דעם איינעם טאָג פאַרטרויען מיר און די קינדער. ער האָט עפעס אַ וואָרקע געטאָן און האָט פאַרלאָזט דעם זאַל.

אָסקאַר האָט זיך געפּאָרעט, איבערגערוקט די טישן, אַוועקגעזעצט זיינע פאַרטרויונגס־לייט דאָרט, וווּ ער האָט געוואָלט זיי זאָלן זיצן. דערנאָך האָט ער צוגעלייגט צוויי פינגער צום מויל און אַ פייף געטאָן — מען האָט געקאָנט טויב ווערן פון אַזאַ פייפן.

— גענוג האָט ער געזאָגט שטרענג, ווען עס איז שטיל געוואָרן — ווער עס וועט ביים עסן רעדן אַ וואָרט, וועל איך אים די ביינער צעברעכן. און אויב ס'וועט עמעצן נישט געפעלן, וועל איך אים אַרויסטרייבן פון שטוב. מען טאָר נישט באַהאַלטן קיין שום זאַך אין די טאַשן און מען טאָר נישט וואַרפן מיט קיין שום זאַך. איר געדענקט, ווער עס רעדט צו אייך...

מען האָט דערלאַנגט זופּ און זעמעלעך מיט פּוטער. עס איז געווען שטיל, בלויז די לעפל האָבן געקלונגען. איך בין אַרויסגעגאַנגען אין צווייטן צימער און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

דער פאַרוואַלטער האָט געריכערט אַ דיקן קובאַ־ציגאַר און האָט געשמייכלט. אפשר איז ער געווען צופרידן, כאָטש דער שמייכל זיינער איז מיר נישט געפעלן.

— איך האָב געזען, וואָס איר האָט געטאָן — האָט ער געזאָגט — דאָס איז זייער פשוט, אָבער מיר וועלן נאָך זען.

אין עס־צימער האָט זיך צעוויינט אַ קינד, עס האָט זיך דערהערט אַ געשריי.

— אָסקאַר שלאָגט!

— נו? איצט זעט איר שוין? — האָט זיך צעשריגן דער פאַרוואַלטער — האָב איך נישט געזאָגט? דער דאָזיקער באַנדיט... זיי זיצן שטיל, ווייל ער טעראָריזירט זיי. האָבן מורא. דאָס איז נישט קיין באַוווסטזיניקע דיסציפּלין און דאָס איז נישט קיין פּעדאַגאָגישער מעטאָד.

איך האָב דערפילט, ווי דאָס בלוט שלאָגט מיר אין די שלייפן.

— נו, יאָ... — האָב איך געזאָגט — דאָס איז טאַקע נישט קיין מעטאָד. אָבער ווער זאָגט דאָס? ווער? דווקא אייך געפעלט נישט דער דאָזיקער מעטאָד. צום טייוול, דווקא אייך!

און שוין איז אויסגעוואקסן לעבן אונדז די ווייב זיינע. זי האָט זיך דערנענטערט צו מיר מיט אַ שטרענג געזיכט, און ווען איך האָב מיך אָפּגערוקט אין אַ זייט, האָט זי געזאָגט צו איר מאַן:

— אַדאָלף, רעג זיך נישט אויף. דו האָסט שוין נישט צוליב וועמען זיך אויפצורעגן?

„די שיינע שלאַנג — האָב איך געטראַכט — די זשמיע". איך האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס בינדט איר מיט דעם דאָזיקן בייזן, אַלטן מאַן. איך האָב אויך נישט געקאָנט פאַרשטיין די סיבה פון דעם דאָזיקן האַס, וואָס האָט פון איר געשטראַלט אויף אַ מייל.

ווען זי איז אַזוי געשטאַנען לעבן מיר, מיט דער דאָזיקער פיינטלעכער גרימאַסע אויפן פּנים, האָב איך געהאַט גרויס חשק זי צוציען צו מיר, איינקלאַמערן זי אין די אָרעמס און קושן אירע ליפּן. זי האָט געהאַט שיינע ליפּן און בכלל איז זי געווען אַ שיינע.

7.

דער פאַרוואַלטער איז קראַנק געוואָרן און מען האָט אים אַוועקגעפירט אין שטאָטישן שפּיטאָל. זי, די שיינע פרוי זיינע, איז מיט אים מיטגעפאָרן. דריי טעג האָט זי פאַרבראַכט לעבן אים, דערנאָך איז זי צוריקגעקומען צו דער אַרבעט. זי איז געווען באַטריבט און בלאַס און האָט זיך נישט אינטערעסירט מיט דעם לעבן פון יתומים־הויז. זי איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטע, זי האָט געענדערט איר באַציונג צו די קינדער און האָט איצט נאָכגעגעבן יעדן זיין פאַרלאַנג, אויסמיידנדיק יעטוועדן סיכסוך. זי האָט געזאָגט „יאָ" אויף אַלץ, וועגן וואָס מען האָט זיך צו איר געווענדט און אויסגעזעען האָט עס, ווי זי וואָלט געערעדט פון שלאָף. זי איז געווען פאַרנומען מיט אירע אייגענע געדאַנקען און מיט די אייגענע זאָרגן, קיין אַנדערע ענינים האָבן צו איר נישט דערגרייכט. די קינדער, וועלכע זי האָט געלערנט, פלעגן אָפּט אַרומלויפן אין גאָרטן בעת דער לעקציע, און זי איז געזעסן אין דעם ליידיקן שול־צימער, אונטערשפּאַרנדיק מיט איין האַנט דעם קאָפּ און האָט שעהנלאַנג געקוקט דורכן פענצטער.

— אירענע — האָב איך צו איר איינמאָל געזאָגט — איך ווייס,

אַז איר האָט מיך נישט ליב, פֿונדעסטוועגן בין איך געקומען צו אייך. אפֿשר קאָן איך אייך מיט עפּעס דינען...

זי האָט אַ שמייכל געטאָן. צום ערשטן מאָל האָט זי צו מיר גע־שמייכלט און איך האָב מיך דערפֿרייט מיטן דאָזיקן פֿונק פֿון פֿאַראינטע־רעסירונג אין אירע אויגן.

— ניין — האָט זי געזאָגט לאַנגזאַם, ווי זי וואָלט ערשט געזוכט אין די געדאַנקען יעדע אַרויסגערעדטע זילב — פֿאַרוואָס דאַכט זיך אייך, אַז איך האָב אייך נישט ליב מער, ווי עמעצן אַנדערש? איך האָב קיינעם נישט ליב.

— אפֿשר קאָן איך אייך מיט וואָס העלפֿן? — האָב איך איבער־געחזרט.

— ניין. אַ דאַנק. מיר קאָן קיינער נישט העלפֿן. אַלץ איז דאָך אין אָרדענונג, מיין מאַן ווייס, אַז איך פֿאַרנעמט זיך מיטן הויז און מיט די קינדער. אַלץ איז אין אָרדענונג.

די טעג זענען פֿאַרבייגעלאָפֿן געשווינד. איך האָב אָבסערווירט אי־רענען און נישט געקאָנט פֿאַרשטיין די ענדערונגען וואָס זענען אין איר פֿאָרגעקומען. זי האָט זיך געהאַלטן אין אַ זייט פֿון אונדז אַלע, אפֿילו אין אַ זייט פֿון די קינדער. ערשט שפּעטער, אין אַ צייט אַרום האָב איך אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין, אַז נישט איר שטאָלצקייט האָט איר אָפּגעזונדערט פֿון אונדז. עס זענען פֿאַראַן מענטשן, וואָס קאָנען זיך נישט טיילן מיט זייערע זאָרגן און יסורים, פּונקט ווי זיי קאָנען זיך נישט טיילן מיט זייערע פֿריידן. צו אַזעלכע, שטענדיק איינזאַמע מענטשן, האָט אויך געהערט די שיינע יידישע לערערין מיט דעם נישט יידישן נאָמען — אירענע.

אַן ערך אין אַ חודש אַרום האָב איך באַשלאָסן מבקר חולה זיין דעם פֿאַרוואַלטער. איך בין זיך מודה: איך האָב עס געטאָן נישט צוליב זין אינערלעכער באַדערפֿעניש, איך האָב עס געהאַלטן נישט מער ווי אַ חוב.

— היינט וועט דאָ קומען דער אויטאָמאָביל — האָב איך געזאָגט צו אירענען — מיר וואָלטן געקאָנט צופֿאָרן אין שטאָט אַריין.

זי האָט זיך גענומען גרייטן, און איך האָב דערקענט, אַז זי האָט געהאַט הנאה דערפֿון. ווען זי האָט זיך אַרייַנגעזעצט אין אויטאָ, האָט זי זיך אָנגעשפּאַרט אָן מיין האַנט, און עס איז מיר געווען אָנגענעם צו פֿילן דעם באַריר פֿון איר האַנטפֿלאַך, וועלכע איז גראָד נישט געווען ווייך און צאַרט, ווי געוויינלעך ביי פֿרויען, נאָר האַרט און באַדעקט מיט מאָ־

זאָליעס. ערשט איצט האָב איך דערזען אויף איר פאָדעראָרעם דעם לאַגער־נומער.

מיר זענען געזעסן ענג לעבן זיך אויף דעם הינטערשטן שמאָלן געזעס פון אַ מיליטערישן אויטאָ. דער ווינט האָט צעשויבערט אירע בלאָנד־זײַדענע האָר — און נאָך שענער איז זי איצט געווען, און נאָך מער חן האָט זי איצט געוווּנען אין מײַנע אויגן. איך האָב אַראָפּגעלאָזט די וויעס, בכדי גאָרנישט צו זען און האָב געטריבן פון זיך די געדאַנקען בכדי וועגן גאָרנישט צו קלערן.

אין אַ געווויסן מאָמענט האָט דער וואָגן אַ טרייסל געטאָן, אירענע האָט פאַרלוירן דעם גלײַכגעוויכט און האָט זיך פּלוצים אַ בויג געטאָן אין מײַן זײַט. אַ ווײַלע איז זי געלעגן אין מײַנע אָרעמס און איך האָב דערפילט אירע ליפּן אויף מײַנע. געדויערט האָט עס בלויז אַ ווײַלע און איך האָב זיך דערשראָקן און אויך זי איז געווען דערשראָקן, ווען מיר האָבן ביידע געבעטן בײַ זיך אַנטשולדיקונג. איך האָב שוין וואָס גיכער געוואָלט זײַן אויפן פּלאַץ און אויסשטײַגן פון אויטאָ און נישט זײַן אַזוי נאָענט לעבן איר.

ענדלעך זענען מיר דערפאָרן צום שפּיטאָל.

אירענעס מאַן איז געלעגן אין אַ שמאָל קליין צימערל. דורכן פענצ־טער האָט זיך געזען אַ שמוציקער מויער פון פאַרקן. גרוי איז דאָ גע־ווען און האַלב־טונקל.

אירענע האָט זיך אָנגעבויגן איבער אים. אפשר האָט זי זיך געוואָלט מיט אים צעקושן, און אפשר האָט זי נישט געוואָלט עס זאָל ווער הערן, וואָס זי האָט אים געהאַט צו זאָגן. אָבער דער צימער איז געווען צו קליין, און איר יעדעס וואָרט איז צו מיר דערגאַנגען און יעדעס וואָרט האָב איך מיט ווייטיק און מיט אומגעדולד געמוזט אויסהערן.

— שענק מיר אַ שמייכל — האָט זי צו אים געזאָגט, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איר שטימע איז פול מיט פּיין און פאַרצווייפלונג — זאָג מיר עפּעס. פרייסטו זיך נישט, אַז איך בין צו דיר געקומען?

זײַן פּנים איז געווען גרוי ווי אַש און לײַדנדיק — אַ פּנים פון אַ זקן. ער האָט אויף מיר געקוקט לאַנג און שווײַגנדיק, דערנאָך האָט ער מיר דערלאַנגט די האַנט, אָבער פאַרבליבן איז ער ווייט און גלײַכגילטיק. אויף דעם ווייסן בלעכענעם נאַכט־קעסטל, וואָס איז געשטאַנען לעבן בעט, האָב איך באַמערקט אַ גלעזל מיט די קינסטלעכע ציינער פון דעם קראַנקן. איך ווייס נישט פאַרוואָס האָט ער זיי נישט געהאַט אין מויל. אפשר האָט

ער זיי אַרויסגענומען צום שלאָפן און איצט האָט ער פאַרגעסן אָדער נישט באַוויזן זיי אַריינצולייגן? אירענע האָט באַמערקט מיין בליק און זי האָט אים דערלאַנגט דאָס גלעזל און ער האָט גענומען די רויט-ווייסע פראָטעזע און אַריינגעשטעקט זי אין מויל און ערשט איצט האָב איך מיך באַרואיקט, פונקט ווי עס זאָל געווען זיין מיין אייגן מויל און מיין אייגענע פראָטעזע.

— איך בין נאָך נישט אַלט — האָט ער געזאָגט, קוקנדיק ערגעץ אין אַ זייט — אמת, אירענע? איך בין דאָך נישט אַזוי אַלט. דאָס האָבן זיי מיך אַזוי צעבראָכן. זיי, איר זענט דאָך אויך דאָרט געווען... נו, יאָ, איר זענט אַ היפש ביסל ייִנגער, אָבער ווען נישט זיי וואָלט איך נאָך היינט געווען געזונט... אין וועלכן לאַגער זענט איר געווען?

— רעד נישט וועגן דעם, אַדאָלף — האָט זיך אָנגערופן אירענע — רעד נישט וועגן דעם און טראַכט נישט וועגן דעם. טראַכט, אַז דו זאָלסט זיין געזונט.

אָבער ער האָט ווידער גערעדט, און איך האָב נישט געוווסט צו וועמען ער רעדט — צו דער פרוי אָדער צו מיר. און אפשר האָט ער בכלל מיט אונדז נישט גערעדט, נאָר פשוט אַרויסגעבראַכט אויף די ליפן די אייגענע געדאַנקען, פונקט ווי ער וואָלט דאָ געווען אײנער אַליין, אין דעם דאָזיקן גרויען צימער אָן זון און אָן פרייד.

— דאָס איז אַזאַ מאָדנער געפיל — האָט ער געזאָגט — קיינמאָל האָב איך נישט געוווסט וועגן אַזאַ געפיל, אינערגעץ האָב איך נישט געלייענט וועגן דעם. עס איז אַזוי ווי דער מענטש וואָלט געווען אַ בוים, אַ לעבעדיקער בוים מיט לעבעדיקע וואָרצלען, און פלוצים שניידט זיך אין אים אַריין אַ זעג, טיף אין לייב אַריין שניידט זי זיך אַריין — און עס טוט וויי, ווי ס'זאָל ווער שניידן שטיקער לייב, שרעקלעך טוט עס וויי, און עס וועקט אַ פחד... אַ פחד פאַר דעם טויט. מינוטנווייז שלאָף איך איין און באַלד וועק איך מיך ווידער אויף, און אַנגסטן באַגיסן מיך. איך האָב מורא פאַר דעם דאָזיקן שלאָף. עס דאַכט זיך מיר, אַז דאָס איז דער שלאָף פון גסיסה. און איך ווייס נישט וואָס עס איז שרעקלעכער: דער פחד פאַרן שטאַרבן, צי דאָס שטאַרבן גופא. איך ליג אויפן בעט, איך פאַרנעם מיין אָרט, דאָ, אין דעם דאָזיקן צימער, און דערנאָך חלומט זיך מיר דאָס זעלבע אָרט, אָבער שוין אָן מיר. און דאָס איז טאַקע דער פחד, וואָס איך קאָן אים קיינעם נישט איבערדערציילן און וואָס איך אַליין קאָן אים נישט פאַרשטיין.

ער האָט זיך פֿאַרסאָפּעט און אויפֿגעהערט צו רעדן.

— זאָרג נישט און טראַכט נישט וועגן דעם — האָט אים באַרואיקט די פֿרוי — איך וועל דיך אַהיימנעמען און איך וועל דיך פֿלעגן. וועסט נישט שטאַרבן. וועסט נאָך לאַנג לעבן און מיר וועלן זיין גליקלעך. עס איז דאָך אונדז געווען גוט צוזאַמען. אפֿשר וועסטו שוין נישט זיין דער זעלבער ווי אַמאָל, אָבער איך בין שוין אויך נישט אַזוי יונג.

זי האָט גערעדט צו אים וואַרעם, האַרציק. אין יעדן וואָרט האָט זי זיך באַמיט אַריינצולייגן געפֿיל, און דאָך האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זי איז קאַלט. קאַלט און גלייכגילטיק.

איך האָב אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ פּאָמעראַנץ און אַ פּענמעסערל. אירענע האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפֿן ראַנד פֿון בעט און האָט אים דערלאַנגט די רייפֿע זאַפֿטיקע פּרוכט. ער האָט אויסגעצויגן די האַנט, אַ ביינערדיקע געלע האַנט, און פּלוצים איז אַלץ אַרום אים געוואָרן געל — דער צימער, די נאַקעטע, ערטערווייז אָפּגעריסענע ווענט, דער לאָמפּ וואָס איז געהאַנגען הויך אונטער דעם סופֿיט, אפֿילו די שטיקלעך פּאָמעראַנץ, וואָס ער האָט אַזוי גיריק געגעסן.

— ווי פֿילט איר אייך איצט? — האָב איך געפֿרעגט סתם אַזוי זיך, בכדי עפּעס צו זאָגן, ווייל איך האָב דאָך געזען ווי אַזוי ער פֿילט זיך.

אויף אַ ווײַלע איז ער געוואָרן מונטערער און אָנשפּאַרנדיק זיך אויף די עלנבויגנס, האָט ער זיך אויפֿגעזעצט.

— נישט שטענדיק איז עס אַזוי שרעקלעך — האָט ער געזאָגט — איצט, אין דער מינוט, טוט מיר נישט אַזוי ווי. איך פֿיל כמעט נישט קיין ווייטיק.

— נו, זעסט... — האָט זיך דערפֿרייט אירענע.

— נאָר דאָס רערל... דאָס גלעזערנע רערל אַרט מיך. איך מוז עס אָן אויפֿהער פּוצן, ווייל עס האָט אַזאַ שרעקלעכן גערויש.

איך ווייס נישט וועגן וואָס ער האָט נאָך גערעדט. ער האָט זיך פֿון מיר דערווייטערט, אַלץ ווייטער און ווייטער זיך אָפּגערוקט, כאָטש אין דער אמתן איז ער דאָך געזעסן אויף דעם זעלבן אָרט, נאָר מיינע חושים, מיינע געדאַנקען האָבן זיך דערווייטערט, ווייל עס איז מיר געווען פּיינלעך צו קוקן אויף זיינע יסורים און צו הערן זיינע רייד. איך האָב נישט געוואָלט הערן, ווייל איך בין געווען געזונט און ער איז געווען קראַנק. און אויך דערפֿאַר, ווייל איך בין געווען יונג און ער איז געווען

אַלט — און עס איז געווען אַזוי, ווי מיר וואָלטן זיך געפונען אויף צוויי פאַרשידענע וועלטן, וואָס זענען זיך פרעמד, אויסטערליש פרעמד.

בלויז מינוטנווייז זענען צו מיר דערגאַנגען אָפּגעריסענע ווערטער פון דעם, וואָס ער האָט געזאָגט און אויך פון דעם, וואָס זי, אירענע, האָט געזאָגט. און געפילט האָב איך, אַז די דאָזיקע פרוי, וואָס איז זיין פרוי, ווערט מיר אַלץ נעענטער און טייערער, כאָטש זי געהערט דאָך צו אים, און נישט צו מיר.

— ווען איך זאָל נישט זיין אַזוי שוואַך, וואָלטן זיי מיך אפשר אָפּערירט...

און איך האָב דערוויל געטראַכט וועגן א י ר, און דאָס גאַנצע מיטגעפיל, וואָס האָט מיך אין דער דאָזיקער מינוט באַהערשט, האָט גע־שטראָמט נישט צו אים, נאָר צו איר, כאָטש זי איז דאָך געווען בליענדיק און געזונט, און ער האָט געקעמפט מיט זיין גאַנצן אָפּגעשוואַכטן ווילן קעגן טויט און קעגן פחד פאַר אים.

„אָרעמע אירענע — האָב איך געטראַכט — פאַרוואָס דערציילט ער איר דאָס אַלץ? פאַרוואָס דערציילט ער איר וועגן דעם דאָזיקן פאַרשאָל־טענעם רעדל, וואָס ער מוז עס אָפט פוצן, ווייל עס האָט אַזאַ שרעקלעכן גערוך...“

ערשט איצט האָב איך דערפילט, ווי שווער עס איז די לופט אין דעם דאָזיקן אָרעמען שפּיטאָל־צימערל.

— און די קינדער? — האָט ער געפרעגט — די קינדער רעדן אַמאָל וועגן מיר?

— קינדער זענען קינדער — האָב איך געענטפערט — טייל מאָל דערמאָנען זיי אייך.

— אַלע פאַרגעסן — האָט ער געזאָגט — נאָר איך קאָן נישט פאַר־געסן, און יעדן טאָג, יעדע שעה געדענק איך אַלץ בעסער. פאַרבן, גע־רוכן, ווערטער, געשטאַלטן — אַלץ געדענק איך. כ׳געדענק מענטשן. פאַרוואָס קאָן איך נישט פאַרגעסן? און איצט האָט עס מיך אַזוי צע־בראָכן. אַוועקגעלייגט האָט עס מיך.

— פאַרוואָס רעדסטו נישט צו מיר? — האָט ער פּלוצים אויסגע־שריגן און אָנגעכאַפּט אירענען ביי דער האַנט — פאַרוואָס שווייגסטו?

ער האָט אויף איר געקוקט מיט צער. דער דאָזיקער צער איז גע־ווען איינגעשריבן אויף זיין געזיכט, אין זיינע אויגן. פאַרוואָס איז ער געווען גלייכגילטיק צום צער פון זיין יונגער פרוי? זי האָט זיך ווי אָפּגע־

טרייסלט, אויפגעוועקט זיך פון דער פאַרטראַכטונג און איז ווידער געווען געדולדיק און זאָרגעוודיק.

— איך בין אַזוי אומגליקלעך — האָט ער זיך צעוויינט.

אין דער טיר האָט זיך באַוויזן אַ קראַנקן־שוועסטער.

— דער קראַנקער איז מיד — האָט זי געזאָגט — ער מוז איצט שלאָפן.

אירענע האָט זיך גענומען געזעגענען.

— זיי געזונט — האָט זי געזאָגט וואַרעם און ווייך — זייט שטאַרק...

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און זיינע ליפּן האָבן זיך פאַרקרימט אין אַ גרימאַסע, וואָס האָט געקאָנט באַדייטן סיי אַ שמייכל, און סיי אַן איראָניע.

— איך דאַנק אייך פאַר דעם באַזוך — האָט ער זיך צו מיר געווענדעט — איר זייט זייער גוט צו מיין פרוי. איך דאַנק אייך זייער...

ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, עפּעס וואָס גאָר אירענע האָט זיך געקאָנט משער זיין, ווייל זי איז ווידער געשטאַנען צווישן מיר און אים, אַזוי ווי שטענדיק, ווען זי האָט אים געוואָלט באַשיצן, פאַרשטעלן פון וועלכער עס איז אומאָנגענעמלעכקייט. אויך איצט האָט זי אים באַרואיקט.

— איך בעט דיך, אַדאָלף. רעג זיך נישט אויף.

און מיר זענען אַרויס פון צימער.

אהיים זענען מיר געפאָרן מיט אַ טאַקסי. מיר האָבן לאַנג געשוויגן, פונקט ווי מיר וואָלטן נישט געווען אַליין, פונקט ווי עס וואָלט ווער געזעסן צווישן אונדז און געשטערט אונדז שמועסן. ערשט ווען מיר זענען שוין געווען נישט ווייט פון דער היים, האָט אירענע איבערגעריסן דאָס שווייגן.

— ער איז געווען זייער אַ גוטער מאַן — האָט זי געזאָגט מיט אַזאַ טאָן, ווי זי וואָלט פאַרגעזעצט אַ געשפּרעך, אָדער ווי זי וואָלט געענטפערט אויף מיין פראַגע — קיינער האָט נישט געהאַט אַזאַ גוטן מאַן.

ווען האָט זי אין דעם געוואָלט איבערצייגן?

די טאַקסי האָט זיך פאַרהאַלטן ביים טויער. מיר האָבן זיך געלאָזט גיין דורך דעם גאָרטן. עס איז געווען וואַרעם און פריש, נאָך אַ רעגן. אין שיין פון דער אונטערגייענדיקער זון האָבן די זילבערנע טראָפּנס געפינקלט אויפן גראָז, אויף די בלומען, אויף די בלעטער פון די אַקאַציע־ביימער.

איך האָב אָנגענומען אירענען ביים אָרעם — זי האָט זיך פון מיר נישט אָפּגערוקט. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זי דריקט צו זיך מיין האַנט, און דאָס האַרץ האָט מיר אָנגעהויבן שטאַרקער צו קלאַפּן, און איך האָב מיך פאַרשעמט. איך האָב געפילט ווי דאָס בלוט קומט מיר אָן אין פּנים אַריין, פאַרוואָס האָב איך מיך פאַרשעמט?

— איך לעב! — האָב איך געטראַכט מיט אַנטציקונג און איך האָב געפילט, אַז די דאָזיקע פריידיקע פעסטשטעלונג איז אַן אויסדרוק פון מיין טיפן עגאָיזם — איך לעב, און איך בין יונג. איך לעב און די דאָזיקע שיינע פרוי געפעלט מיר, און אפשר געפעל איך איר אויך? איך בין געזונט און דעם דאָזיקן אָוונט וועל איך פאַרברענגען מיט איר. און זי איז שיין געוואַקסן, זי האָט שיינע ליפּן, אינגאַנצן איז זי אַ שיינע. זי איז אַזוי שיין, אַז מינוטנווייז שרעק איך זיך פאַר איר, און מינוטנווייז ליב איך זי. וועל איך מיט איר פאַרברענגען דעם דאָזיקן אָוונט, און אפשר אויך די דאָזיקע נאַכט, און אפשר נאָך פיל נעכט? איצט פיל איך אין מיין האַנט איר אָרעם און ווען מיר וועלן נאָר איבערטרעטן ד שוועל, וועל איך זי אַרומנעמען און וועל זי קושן און האַלדזן, זי וועט זיין מיינע, זי וועט מוזן זיין מיינע...

אַזוי האָב איך געטראַכט, ווען מיר זענען געגאַנגען דורך דעם גאָרטן, מיט די סטעזשקעס צווישן די ביימער און בלומען. אַזוי האָב איך געטראַכט, ווען מיר זענען מיט די טרעפּ געגאַנגען אויפן שטאָק, וווּ זי האָט געוווינט. און זי האָט געעפנט די טיר און איז אַריינגעגאַנגען די ערשטע און אַנידערגעזעצט זיך אויפן בעט.

— פאַרוואָס קוקט איר אַזוי מאָדנע? — האָט זי געפרעגט — קוקט נישט אויף מיר, איך וויל עס נישט... ער איז געווען זייער אַ גוטער מאַן.

— פאַרוואָס זאָגט איר דאָס?! — האָב איך איר געענטפערט ברוטאַל, און האָב געפילט ווי מיין שטימע ציטערט — איר האָט דאָך אים פיינט. אָבער מיך גייט דאָס נישט אָן.

איך האָב זיך אַנידערגעזעצט לעבן איר, זי אַרומגענומען און לאַנג זענען מיר אַזוי געזעסן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. איך האָב געפילט אירע ליפּן אויף מיינע און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך קען זי שוין זייער לאַנג, די דאָזיקע שיינע און מאָדנע פרוי, און אַז איך ליב זי שוין זייער לאַנג, און אַז דער דאָזיקער קוש, וואָס האָט אונדז איצט פאַראייניקט, איז גאָרנישט דער ערשטער. און איך האָב געטראַכט, ווי שיין זי

איז איצט אין מיינע אָרעמס, און אַז אויך שפּעטער וועט זי זיין אַזוי שיין, און אַז אויך שפּעטער וועל איך זי ליב האָבן פּונקט ווי אין דער דאָזיקער געבענטשטער מינוט פון דערוואַרטונג.

— דערלויב — האָט זי געזאָגט שטיל און מיט אַ שמייכל — איך מוז דאָך אַראָפּוואַרפן די האַלב־שיך...

איך האָב נישט באַמערקט ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען און ווי לאַנג עס האָט געדויערט די דעמערונג, און אויך נישט ווען עס האָט זיך אין פענצטער באַוויזן די זילבערנע לבנה.

אָט איז דאָס לעבן, האָב איך געטראַכט. אַזאַ איז עס. אַליידנשאַפט, וואָס שווימט דורך אַלע אברים און אָדערן — פון מוח ביז צו די לענדן, און פון די לענדן צום הארץ. די דאָזיקע מאָדנע זיסקייט, און אירענעס לייב, וואָס באָדט זיך אין דער סודותפולער שיין פון דער לבנה.

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט און איז געזעסן לעבן מיר אַ פאַרשעמטע און דערשראָקענע, ווי זי וואָלט מורא געהאַט פאַר דעם, וואָס איז צווישן אונדז נאָרוואָס געשען. און אפשר האָט זי מורא געהאַט פאַר דעם, וואָס וועט נאָך צווישן אונדז פאַרקומען?

— איך קאָן דאָך נישט תמיד לעבן בלויז מיט דערוואַרטונגען — האָט זי געזאָגט מיט אַ געבראָכענער שטימע. און מיר האָט זיך אויס־געוויזן, אַז די דאָזיקע ווערטער אירע קלינגען ווי אַ פאַרטיידיקונג. — אַלץ האָט אויסגעזען אַזוי שיין, נאָר געדויערט האָט עס דאָך נישט מער ווי עטלעכע חדשים. און איך... איך האָב דאָך אויך אַ רעכט צום לעבן. איך בין דאָך יונג. איך האָב דאָך אויך אַ רעכט צו ליבע, פּונקט ווי אַלע מענטשן, פּונקט ווי אַלע יונגע פרויען.

— מיין טייערע — האָב איך געפּליסטערט, באַהערשנדיק מיין איי־גענע אויפרעגונג — רעד נישט איצט וועגן דעם. איצט איז דאָס אַלץ נישטאָ. אַלץ, וואָס איז אויסער אונדז, איז ווייט, ווייט...

— יאָ — האָט זי געענטפערט — אַלץ איז ווייט, אָבער איך מוז וועגן דעם רעדן. אַלץ איז ווייט, אַלץ איז שוין געווען ווייט דעמאָלט, ווען מיר זענען געזעסן לעבן אים, דאָרט, אין שפּיטאָל. עס איז געווען אַזאַ מינוט, איין מינוט, ווען איך האָב געקוקט אויף דיר און איך האָב שוין געוווּסט, אַז עס וועט געשען צווישן אונדז דאָס, וואָס איז אָט איצט געשען. און איך האָב מיר צוגעזאָגט, אַז מיר וועלן זיך אומקערן אַהיים, וועל איך דיך מיטנעמען צו זיך, אין מיין צימער אַריין. אַזוי האָב איך דאָרט געטראַכט, און דער דאָזיקער געדאַנק איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז

איך האָב מיר נישט פאַרגעשטעלט קיין שום זאַך, וואָס זאָל אונדז קאָנען שטערן. און איצט ביסטו לעבן מיר און דו זאָגסט, אַז דו ליבסט מיך. און עס איז מיר גוט מיט דיר, עס איז מיר אַזוי גוט, קיינמאָל איז מיר נאָך נישט געווען אַזוי גוט, און איך וויל, אַז שטענדיק זאָל אַזוי זיין, כאָטש איך ווייס דאָך אַז ס'איז אוממעגלעך עס זאָל אַזוי גוט זיין שטענדיק. און איצט האַלטסטו מיך אין דיינע אָרעמס, דו ביסט אַזאַ שטאַרקער און איך האָב אַזוי ליב דיין לייב. און איך טראַכט, אַז ע ר איז דאָך שטענדיק געווען צו מיר אַזאַ גוטער, אַזאַ גוטער...

זי האָט מיך ווידער אַרומגעקלאַמערט און געקושט מיינע שלייפן, און אויף די ליפּן האָב איך געפילט די פייכטקייט פון אירע טרערן.

— ווען זען — האָב איך געזאָגט, נישט צולאָזנדיק צו זיך דעם אומרו און דעם פּחד פאַר די קומענדיקע טעג — וועסט זען, אַז אַלץ וועט נאָך זיין גוט.

אינדערפרי זענען מיר צוזאַמען געגאַנגען צום פרישטיק, און דערנאָך צו דער אַרבעט. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז טאַקע אַזוי דאַרף זיין, און אַז פון היינט אָן וועט שוין אַזוי זיין שטענדיק.

8.

ניקאָלאַ

ווען מען האָט דעם טאַטן דערהרגעט, האָט די מאַמע געוואָלט מיך פאַרשטעלן. האָט מען פריער דערשאָסן דער מאַמען און דערנאָך דעם טאַטן. און איך בין געווען אונטערן בעט און זיי האָבן מיך נישט געזען. אַ גאַנצן טאָג בין איך געלעגן אונטערן בעט און אַ גאַנצע נאַכט. און ווידער אַ גאַנצן טאָג, און עס איז מיר געווען זייער קאַלט, האָב איך מיך צוגעדריקט צום טאַטן, אָבער דער טאַטע האָט שוין נישט געלעבט.

אין אָוונט בין איך אַנטלאָפן אין דער קירכע אַריין, ווייל איך האָב געוווסט, אַז דאָרט וועלן זיי נישט זוכן. דערנאָך איז אָנגעקומען דער גלח, אַזאַ אַלטער און דאַרער איז ער געווען. און ער האָט מיך אָנגענומען ביי דער האַנט און אַוועקגעפירט אין קעלער אַריין. דער גלח איז געווען זייער אַ גוטער, אָבער אין קעלער איז געווען קאַלט און נאַס. איך האָב מורא

געהאַט און אָפּט האָב איך געזען אין חלום דעם טאַטן, ווי מען הרגעט אים. און אויך די מאַמע האָב איך געזען כמעט יעדע נאַכט.

איינמאָל האָב איך מיך פאַרקילט און זינט דעמלט בין איך קראַנק אויף די נירן. אָבער דער גלח איז געווען זייער אַ גוטער, ער האָט קיינמאָל אויף מיר נישט געשריגן. טיילמאָל פלעגט ער זיך מיט מיר שפּילן.

גיטעלע

...איר זעט, ווי דיק איך בין. שטענדיק בין איך געווען אַזוי גרויס, אַז אַלע האָבן געמיינט, אַז איך בין עלטער ווי אין דער אמתן. אפשר טאַקע דערפאַר איז מיר געלונגען איבערצולעבן.

ווען די עלטערן זענען געשטאָרבן אויף טיפוס (דעמלט איז אין דער גאַנצער שטאָט געווען אַן עפּידעמיע), האָט מיין ברודער נאָך געהאַט אַ ביסל געלט. האָט ער דאָס געלט אַוועקגעגעבן אַ פּוילישער פרוי און זי האָט מיך אַוועקגענומען צו זיך. אַלץ האָט ער איר אַוועקגעגעבן, וויפל ער האָט פאַרמאָגט. איך וויים אפילו נישט וויפל דאָס איז געווען, איך וויים בלויז, אַז זיך האָט ער גאָרנישט איבערגעלאָזן.

אַ גאַנצן חודש בין איך געווען ביי דער דאָזיקער פרוי און עס איז מיר דאָרט געווען זייער גוט. איינמאָל, ביינאַכט, ווען איך האָב נישט געקאָנט שלאָפן, האָב איך געהערט ווי די באַלעבאָסטע האָט געזאָגט צו איר מאַן, אַז עס קאָן זיין אַן אומגליק און אַז צומבעסטן וואָלט געווען מיט דער דאָזיקער קליינער, דאָס הייסט מיט מיר, צו מאַכן אַ סוף. דער באַלעבאָס איז נישט געווען קיין שלעכטער און איך האָב געהערט, ווי ער זאָגט: „גיב איר אָפּ דאָס געלט און זאָל זי גיין וווּ זי וויל". דעמלט האָט זי אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז בלויז אַ נאַר קאָן אַזוי זאָגן, ווייל איך וועל סיי ווי אומקומען, און דאָס געלט וועלן צונעמען די דייטשן. און ער, דער באַלעבאָס, האָט זיך ביי איר געבעטן, אַז ער קאָן דאָס נישט טאָן, ווייל דאָס האַרץ דערלויבט אים נישט, און אַז ער וואָלט אפילו קיין קאָץ נישט געקאָנט דערהרגענען, און אַז ער וויל נישט דאָס געלט און וויל נישט וויסן פון קיין שום זאַך. אַזוי האָט ער געזאָגט.

בין איך פון זיי דעמלט אַנטלאָפן. איך בין געגאַנגען וויים, ביז צום דריטן דאָרף און דאָרט האָב איך באַגעגנט אַן אַלטע פרוי. זי האָט מיך גענומען צו זיך און איך האָב ביי איר געאַרבעט. זי איז געווען אַ גוטע.

אָבער איך האָב געמוזט שווער אַרבעטן, ווייל זי איז שוין געווען אַלט און אַרבעט איז געווען אַ סך.

נו, און דערצו האָט קיינער מיר נישט געוואָלט גלייבן, אַז איך האָב ערשט צוועלף יאָר. אַזאַ גרויסע בין איך געווען און אַזאַ דיקע.

לענאַ

איך האָב נישט געזען קיין מלחמה, ווייל די גאַנצע צייט בין איך געווען מיט די עלטערן אין ראַטנפּאַרבאַנד, דאָרט איז די מאַמע געשטאָרבן און דער טאַטע האָט איר גאָרנישט געקאָנט העלפן, כאָטש ער האָט זי זייער ליב געהאַט. ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, זענען מיר צוריק געקומען אין אונדזער שטעטל. דאָרט איז שוין געווען זייער ווייניק מענטשן, אָבער אונדזער הויז איז נאָך געשטאַנען, נאָר עס איז אין אים נישט געווען קיין שום מעבל און קיין שום זאַכן און די פענצטער זענען געווען אויסגעשלאָגן. אַלע האָבן זיך געוווּנדערט, וואָס מיר זענען צוריק דאָ און איך האָב מיך זייער געפרייט, ווייל איך האָב שטענדיק געבענקט נאָך אונדזער היים. און ווען מיר זענען צוריקגעקומען, האָבן מיר נאָך באַ־געגנט אונדזער אַלטע קאַץ און זי האָט אונדז דערקענט און זי האָט זיך אויך געפרייט. ביינאַכט איז עמעץ אריינגעקראָכן דורך דעם פענצטער און האָט געהרגעט דעם טאַטן: מיט אַ האַק האָט ער אים דערהרגעט און איך בין געבליבן אַליין. מען האָט דערהרגעט דעם טאַטן, כאָטש עס איז שוין געווען נאָך דער מלחמה און כאָטש דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז איצט דאַרף מען שוין פאַר קיינעם נישט מורא האָבן...

סאבינע

ווען מען האָט דעם טאַטן אַוועקגענומען, האָט די מאַמע זיך איבער־געטאָן אין אוקראַינישע מלבושים און זי האָט זיך געקויפט רויטע קרעלן און האָט אויך אָנגעהויבן אַנדערש זיך קעמען. ווען זי האָט שוין אַזוי אויסגעזען, אַז קיינער האָט זי נישט געקאָנט דערקענען, זענען מיר ביידע אַנטלאָפן אויף דעם צווייטן עק שטאָט. דאָרט איז געשטאַנען אַן איינגע־פאַלן הויז, אַ חורבה אַזאַ, וואָס איז געווען פון איין זייט צעשמעטערט פון אַ באָמבע. אָבער פון דער צווייטער זייט איז נאָך געווען אַ גאַנצע שטוב, אַ צימער הייסט עס, און דאָרט האָבן מיר געוווינט. אינדערפרי פלעגט די

מאַמע אַרויסגיין צו דער אַרבעט, און צוריקקומען פֿלעגט זי אין אָוונט. זי פֿלעגט גיין באַדינען אַ דייטשישן אָפֿיציר, וועלכער האָט נישט געוווּסט ווער זי איז, און דעריבער איז ער געווען צו איר גוט. איך בין אַ גאַנצן טאָג געזעסן אין שטוב און האָב אויף איר געוואַרט. איך האָב מורא געהאַט אַרויסצוגיין פֿון צימער, ווייל איך האָב אַזעלכע רויטע האָר, געלע האָר האָב איך דאָך און זון־שפּרענקעלעך, און עס וואָלט נאָך ווער געקאָנט דער־קענען ווער איך בין.

אָבער שפּעטער האָב איך שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטן. אין שטוב איז געווען טונקל, ווייל עס איז דאָרט געווען בלויז אַ קליין פֿענצטערל אויף צפֿון, אינדרויסן האָט געשיינט די זון און עס איז געווען וואַרעם און אָנגענעם. פֿלעג איך זיך פּאָרט טיילמאָל אַרויסגנבֿענען אויפֿן הויף, איך האָב מיך אָבער געהאַלטן ווייט פֿון אַנדערע קינדער, ווייל איך האָב פֿאַר זיי מורא געהאַט. איך פֿלעג אַרויסגיין בלויז דעמלט, ווען עס איז דאָרט קיינער נישט געווען.

און ווען די מאַמע פֿלעגט אַרויסגיין אין שטאָט אַריין, פֿלעגט זי זיך אַוועקשטעלן אויף דער שוועל און שרייען הויך, אַז אַלע שכנים זאָלן הערן: „סידי דאָמאַ, יאַ טאָבי הוסקו פּרינעסו...“ דאָס הייסט אויף יידיש: זייַ אין שטוב, וועל איך דיר ברענגען אַ זעמעלע.

פֿלעג איך מיר אַזוי אַליין זיצן אויף דער שוועל און קוקן. אַנטקעגן אונדז איז געווען אַ קרעמל, און לעבן קרעמל איז געשטאַנען אַ באַנק און אויף דער באַנק איז אָפֿט געזעסן אַן אַלטע פֿרוי, וואָס האָט שטענדיק געצירעוועט. טיילמאָל פֿלעגט אויך קומען אַ באַלעגאָלע מיט אַ פֿערד און וואָגן און פֿלעגט ברענגען סעלצער־וואַסער. און אין די גערטנדלעך האָבן זייער שיין געקרייט די הענער. איך האָב זייער ליב, ווען הענער קרייען, ווייל דעמלט ווערט עפּעס מאָדנע פֿריילעך אויפֿן האַרצן. און אין צווייטן הויז אייבן ערשטן שטאָק האָט עמעץ זייער שיין געשפּילט אויף אַ פֿידעלע.

איינמאָל האָט מיך דערזען דער סוחר, וואָס איז אָפֿט געשטאַנען אויף דער שוועל פֿון קרעמל, און איך האָב געהערט ווי ער זאָגט צו דער אַלטער פֿרוי: „זאָבאַטש פּאַני, טאָ יעסט טען באַכאָר, צאַלקעם רודי...“ דאָס הייסט, אַז איך בין אַ געלע. און די אַלטע פֿרוי האָט געענטפֿערט: „זי איז נישט קיין געלע. דאָס זענען קאַשטאַן־האָר, און דאָס איז זייער אַ שיין מיידעלע“. און ער, דער אייגנטימער פֿון קרעמל, האָט נאָך געזאָגט: „מיר געפֿעלט זי נישט, איך ווייס וואָס איך זאָג, איך האָב אַ נאָז צו אַזעלכע זאַכן...“ האָב איך שוין פֿאַרשטאַנען, אַז מיר וועלן ווידער מוזן אַנטלויפֿן.

און ער איז נאָך צוגעקומען צו מיר און האָט מיר געוואָלט געבן אַ צוקערל. „נעם — האָט ער געזאָגט — נעם דאָס צוקערל און זאָג מיר דיין נאָמען“. דעמלט האָב איך אָנגעהויבן צו וויינען, ווייל איך האָב מיך פאַר אים דערשראָקן. אָבער ווען די מאַמע איז צוריקגעקומען פון דער אַרבעט, האָב איך איר גאָרנישט געזאָגט — כ'האָב מורא געהאַט, אַז זי וועט זיך דערשרעקן.

איינמאָל איז די מאַמע אַוועק אינדערפרי און איז שוין מער נישט צוריקגעקומען. ביז היינט ווייס איך נישט, ווער עס האָט זי אויסגעגעבן און ווי אַזוי דאָס איז געשען, ווי אַזוי מען האָט זי געכאַפּט. קאָן זיין, אַז עס האָט זי ווער דערקענט, ווייל מיר האָבן דאָך געוווינט אין דער זעלבער שטאָט און אַרויספאָרן האָבן מיר נישט געקאָנט, ווייל מיר זענען געוועזן אָרעם.

צוויי טעג האָב איך אויף איר געוואַרט. איך בין געזעסן אויף דער שוועל און האָב געוויינט. צוערשט האָב איך געוויינט נאָך דער מאַמען און דערנאָך האָב איך געוויינט, ווייל איך בין שוין געווען זייער הונגעריק. דעם דריטן טאָג איז געקומען די אַלטע פרוי, וואָס פלעגט תמיד זיצן אויף דער באַנק ביים קרעמל און צירעווען, און זי האָט מיך אַוועקגענומען צו זיך. שטענדיק איז זי געזעסן אויף דער באַנק אַזאַ שטילינקע און מיט קיינעם האָט זי נישט גערעדט און אַלץ האָט זי געוווסט — זי האָט געוווסט, אַז די מאַמע איז נישט צוריקגעקומען, און אַז איך בין געווען אַליין, און אַז איך האָב געוויינט.

די אַלטע פרוי האָט געהאַט אַ זון, אַ מוזיקאַנט איז ער געווען, אין טעאַטער האָט ער געשפּילט, אָבער בשעת דער מלחמה האָט ער נישט געוואָלט שפּילן פאַר ז יי, דעריבער איז ער געוואָרן אַ פּשוטער אַרבעטער אין שלאַכט=הויז. ער איז געווען זייער אַ גוטער, ער האָט ליב געהאַט זיך צו שפּילן מיט מיר, און טיילמאָל פלעגט ער מיך לערנען שפּילן אויף אַ פידעלע. זיי האָבן מיך זייער ליב געהאַט, ער און זיין אַלטע מוטער. נאָר די קינדער אויפן הויף זענען געווען זייער שלעכט און זיי האָבן מיך געשלאָגן און נאָכגערופן נאָך מיר האָבן זיי, איר קאָנט אייך פאָרשטעלן, וואָס זיי האָבן מיר נאָכגעשריגן... פלעג איך שוין מער נישט אַרויסגיין פון שטוב. איך בין געשטאַנען ביים פענצטער און האָב געקוקט, צי די מאַמע קומט נישט אָן. נאָך היינט האָב איך ליב צו שטיין ביים פענצטער און צו קוקן אויפן וועג, צי די מאַמע גייט נישט. אָבער די מאַמע איז שוין נישט געקומען. דערווייל האָט דער סוחר פון קרעמל דערציילט די שכנים, אַז

איך בין אַ גוֹלע. און אַז איך בין אַ ייִדישע, און אַז דאָס גאַנצע געסל ווייס צוליב מיר לײַדן. און די אַלטע פרוי האָט דאָס געהערט און איר זון האָט דאָס געהערט, און אײנער פון די שכנים האָט זיך אָנגערופן, אַז מען דאַרף מיך איבערגעבן צו דער פּאָליציי, ווײַל צוליב אײן ייִדישן „באַכער" קאָן מען נאָך ווערן אויפגעהאָנגען.

און איך האָב דאָס אַלץ געהערט, ווי די אַלטע פרוי פלעגט אין אָוונט רעדן מיט איר זון. איך האָב צוגעמאַכט די אויגן, און זיי האָבן געמײנט, אַז איך שלאָף. איצט האָב איך שוין אָבער נישט מורא געהאַט, ווײַל איך האָב געוווּסט, אַז זיי וועלן מיך נישט פאַרטרײַבן פון זיך, ווײַל זיי האָבן מיך ליב געהאַט און איך האָב זיי ליב געהאַט.

אײנמאָל איז ער געקומען אַן אויפגערעגטער און האָט געזאָגט, אַז איצט וועט שוין גאָרנישט העלפן, אַז איצט מוזן זיך שוין אַרײַנמישן די דײַטשן. ער האָט געזאָגט אַזוי: „אָדער איך וועל גײן צו זיי און וועל די קלײנע אָפּראַטעווען, אָדער זיי וועלן אַלײן קומען און דעמלט וועט אַלץ זײַן פאַרפאַלן. איז בעסער, אַז איך זאָל טאַקע גײן צו זיי..."

ער האָט זיך אָנגעטאָן און איז געגאַנגען צו יענעם דײַטש, בײַ וועלכן ער האָט געאַרבעט אין שלאַכט־הויז. ער האָט אים דערצײלט, אַז עס איז פאַראַן אַן אוקראַיִניש קינד, וואָס איז אַ יתום, און אַז ער דערציט דאָס דאָזיקע קינד, און אַז די שכנים באַלײדיקן דאָס קינד, כאָטש עס איז אַ רײן אַריש. ער האָט אים אויך דערצײלט, אַז איך בין אַ גוֹלע און דער דײַטש האָט זײער געלאַכט, ווײַל ער איז אויך געווען אַ גוֹלער. איך ווייס נישט, צי דער דײַטש האָט אים געגלייבט, צי ער האָט אים בלויז געוואָלט העלפן — נאָך דעם זעלבן טאָג איז ער געקומען צו פאָרן און מיט דעם רעוואָלווער אין האַנט איז ער אַרײַנגעגאַנגען אין דעם קרעמל פון אונדזער שכן און האָט אים געוואָרנט, אַז ער וועט אים דערשיסן, אויב ער, דאָס הייסט דער קרעמער, וועט נאָך אײן מאָל באַלײדיקן דאָס אַרישע מײדעלע מיט די גוֹלע האָר. זינט יענעם טאָג איז דער קרעמער שוין געווען שטיל, און אויך אַנדערע שכנים האָבן שוין גאָרנישט געהאַט קעגן מיר. אָבער דאָס איז נאָך נישט געווען דער סוף.

אין אַ יאָר אַרום זענען די דײַטשן אַנטלאָפן און עס זענען אַרײַנגע־קומען אין שטאָט די סאָוויעטישע זעלנער. דעמלט איז דער קרעמער גע־גאַנגען מסרן, אַז דער מוזיקער האָט געאַרבעט מיט די דײַטשן, אַז ער האָט אויף דעם קרעמער אָנגעשיקט די דײַטשישע מאַכט. מען האָט גע־

פרעגט עדות, און די עדות האָבן זיך דערמאָנט, און דערציילט, אַז עס איז געווען אַזוי און אַזוי. דעמלט האָט מען דעם מוזיקער אַרעסטירט. די אַלטע פרוי, זיין מוטער, וואָס איך האָב זי גערופן באַבעשי, האָט אַ גאַנצע נאַכט געוויינט. אינדערפרי האָט זי מיך אָנגעטאָן און געזאָגט: „דו ביסט אַ קלוג מיידעלע און דו פאַרשטייסט שוין אַלץ. קום, מיר וועלן גיין צו די סאָוויעטן און דו וועסט זיי אַלץ דערציילן ווי אַזוי עס איז געווען". מיר זענען געגאַנגען און איך האָב אַלץ דערציילט, פון סאַמע אָנהייב, ווי אַזוי מען האָט דעם טאַטן אַוועקגענומען, ווי אַזוי מיר זענען מיט דער מאַמען אַנטלאָפן, און וואָס עס האָט פּאַסירט שפּעטער, ווען די מאַמע איז נישט געקומען, און אויך וועגן דעם דאָזיקן קרעמער האָב איך דערציילט און וועגן דעם דייטש. ערשט דעמלט האָט מען אַרויסגעלאָזט דעם זון פון דער באַבעשי און מען איז געגאַנגען זוכן דעם קרעמער. אָבער ער האָט שוין באַוויזן צו אַנטלויפן. ערשט שפּעטער, ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט און די סאָוויעטן זענען אַוועק, האָט זיך דער קרעמער ווידער באַוויזן און האָט יעדן דערציילט, אַז די באַבעשי מיט איר זון האָבן אויף אים אָנגעשיקט די מיליץ.

איר פרעגט, פאַרוואָס איך בין נישט געבליבן ביי דער באַבעשי מיט איר זון? יאָ, זיי האָבן געוואָלט איך זאָל בלייבן און איך האָב אויך געוואָלט. אָבער נאָך דער מלחמה האָט ער חתונה געהאַט און זיין פרוי האָט מיך נישט ליב געהאַט. זייער אַ שיינע איז זי געווען, זיין פרוי, אָבער פיינט האָט זי מיך געהאַט פּונקט ווי דער קרעמער. „וואָס קאָן איך טאָן, אַז איך האָב זיי נישט ליב? איך האָב שוין דאָס אין בלוט, אַזוי האָט מען מיך דערצויגן". — אַזוי פלעגט זי זאָגן. דערפאַר בין איך פון זיין אַוועק. ווען איך האָב מיך מיט זיי געזעגנט, האָבן מיר אַלע געוויינט, איך און די באַבעשי און איר זון. נאָר זי, די פרוי זיינע האָט נישט געוויינט.

עריך

מיין טאַטע? מיין טאַטע איז נישט אומגעקומען. מיין טאַטע זיצט אין תפיסה. ער איז געווען אַן עסעסמאַן. דאָס איז מיין מוטער אומגעקומען, ווייל זי איז נישט געווען אַריש. דערפאַר האָט איר דער טאַטע נישט געגליבט. ער האָט זי אַרויסגעטריבן און דעמלט האָט זי מיר דאָס איבערגעלאָזט. איר זעט? אַ מעדאַליאָן. דאָס קייטעלע איז געמאַכט פון אירע האָר. זייער אַ שיין קייטעלע. זי האָט נישט געהאַט קיין אַריש בלוט

און זי איז געווען פֿון אַ נידעריקער ראַסע. דאָס דאָזיקע קיימעלע איז זײַ־ער שיין, אמת? ווען דער טאַטע וועט אַרויס פֿון תּפֿיסה, וועט ער מיך אַוועקנעמען פֿון דאַנען. מיר געפֿעלט דאָ נישט. דאָ זענען פֿאַראַן יידן. איך האָב פֿיינט יידן.

אָסקאַר

טייל מאָל טראַכט איך מיר: וואָס האָבן זיי פֿון אונדז געוואָלט? פֿאַר־וואָס האָבן זיי אונדז געמאָרדעט? קיינער ווייס דאָס נישט, קיינער קאָן מיר דאָס נישט געבן צו פֿאַרשטיין און איך ווייס נאָך אַלץ נישט פֿאַרוואָס. איך בין נאָך געווען אַ קינד, וואָס האָב איך וועמען געטאָן? אָדער מײַן טאַטע? וואָס האָט ער וועמען געטאָן? ער האָט קיין שום זאַך קיינעם נישט אָפּגעזאָגט. די מאַמע פֿלעגט זיך מיט אים אָפֿט ווערטלען, אַז דער־פֿאַר האָבן מיר גאָרנישט און מיר וועלן קיינמאָל גאָרנישט נישט האָבן. ווײַל ער איז אַזעלכער, וואָס אַלץ וואָלט ער אַוועקגעגעבן, דאָס לעצטע העמד פֿון לײַב און דעם לעצטן ביסן פֿון מויל. און איצט טראַכט איך און טראַכט און קאָן גאָרנישט פֿאַרשטיין. זענען אומעטום די מענטשן אַזוי שלעכט? איך האָב ליב צו הערן, ווי איר רעדט — אַז עס וועט שוין קיינ־מאָל מער נישט זײַן קיין קריג, אַז מענטשן וועלן זײַן גוט, און אַז אַפֿילו איצט זענען פֿאַראַן גוטע מענטשן, דאָ ביי אונדז און אומעטום. אַז מענטשן דאַרפֿן זיך ליב האָבן ווי ברידער און אַז זיי זענען ברידער. אָבער צי איז דאָס אמת? אפֿשר איז דאָס בלויז אַ מעשׂהלע, כּדי אונדז צו טרייסטן? אפֿשר...

לייבעלע

מיר האָט קיינמאָל קיינער נישט געגעבן אומזיסט. שטענדיק האָב איך פֿאַר אַלץ געמוזט אָפּאַרבעטן. וואַסער ברענגען, אָדער האָלץ אָנהאַקן, אָדער די חזירים אָנהאָדעווען. כאָטש געווען בין איך נאָך אַזוי קליין, אָט אַזוי... און שפּעטער בין איך געווען אין אַ יתומים־היים. נישט דאָ, ערגעץ אַנ־דערש איז עס געווען, און דאָרט האָבן מיר געהאַט אַ לערער, זייער ענלעך איז ער געווען צו אייך. ער האָט אויך געקאָנט אַזוי שיין רעדן און איך האָב ליב געהאַט אים צו הערן, ווי ער רעדט. איינמאָל האָבן מיר אים געכאַפּט ביינאַכט ביים מאַגאַזין. ער האָט געגנבעט קאָנסערוון. זייער גוטע קאָנסערוון זענען עס געווען — פֿלייש־קאָנסערוון מיט אַרבעס...

.9

עס איז אָנגעקומען דער הארבסט. דער וואַלד האָט געענדערט זיינע פאַרבן, געל איז ער געוואָרן, נאַקעט איז ער געוואָרן אין ווינט און אין בלעטערפאַל. אַפילו דער וואַסער־שפּיגל פון דער אָזערע האָט געענדערט זיין אויסזען, ווייל דער הימל איבער אים איז אַלץ אָפטער געווען פאַרכמאַרעט און טונקל־גרוי. איבער דער גאַנצער לאַנדשאַפט האָבן זיך געהויבן און אַרומגעשוועבט נעפּלען. עס האָט גערעגנט.

טיילמאָל, צווישן איין רעגן און דעם צווייטן, פלעג איך מיך אויסקלויבן אויף אַ שפּאַציר מיט דעם שמאָלן וועג, וואָס האָט זיך געצויגן ביים ברעג אין דער לענג פון וואַסער.

דער הימל איז געווען נידעריק, וואָלקנס ווי טאַבונעס שעפּסן פלעגן זיך איבעררוקן איבער דעם באַרגיקן וואַלד. דער ווינט האָט געטריבן גרייוועדיקע כוואַליעס און מיט בייזקייט און רציחה זיי צעשפּליטערט ביי דעם ברעג אונטער מיינע פיס.

ווייט אין דער רעגנדיקער לאַנדשאַפט, ביי דעם אַנטקעגנדיקן ברעג פון וואַסער האָט זיך באַוויזן אַ קליין שיפלע — אַ פּינטעלע אַ געלס, וואָס האָט זיך געראַנגלט מיטן ווינט. עס איז אָנגעקומען אַ געדיכטע רעגנדיקע כוואַליע און דאָס שיפל איז פאַרשוווּנדן.

אפשר אין אַ שעה אַרום האָבן זיי באַוויזן צוצוקומען צום ברעג — אירענע, זי איז דאָס געווען, און מיט איר איינער פון די עלטערע חברה, אַ יונגער יידישער בחור פון אונגאַרן מיט קוטשעראַווע הערעלעך און שוואַרצע, גרויסע טרוימערישע אויגן. אישטוואַן האָט ער געהייסן. שיין איז דאָס דאָזיקע פּאָרל, האָב איך געטראַכט און איך האָב דערפילט אַ כוואַליע וואַרעמקייט, ליבשאַפט צו דער שיינער פרוי, און אויך צו דעם יינגל, וואָס איז געווען מיין שילער, און וואָס דער בייזער גורל האָט אים פאַראייניזאַמט און פאַרטריבן פון זיין שיינער היימשטאָט פעסט און פון דעם שיינעם טייך דונאַי, ווו ער איז אויפגעוואַקסן...

זיי זענען געווען רויט פון אָנשטרענג. די גאַנצע צייט זענען זיי געשוווּמען אַנטקעגן דעם ווינט און נאַס זענען זיי געווען פון געדיכטן רעגן. אירענע האָט מיך נישט באַמערקט און אין איילעניש האָט זי זיך געלאָזט גיין אַהיים. און אפשר האָט זי מיך נישט געוואָלט באַמערקן?

איך האָב זיך דערנענטערט צום אָרט, ווו אישטוואַן האָט זיך נאָך אַ ווײַלע געפּאָרעט. אויסגעשעפּט דאָס וואַסער, צוגעבונדן דאָס שיפל צו אַ בוים און באַהאַלטן די וועסלעס.

— אישטוואַן — האָב איך געזאָגט מיט פאַרוואורף — וואָס האָסטו געטאָן? אין אַזאַ וועטער האָט איר דאָך ביידע געקאָנט אומקומען.

ער האָט אויסגעדרייט צו מיר זײַן ברוין געזיכט, און זײַנע אויגן האָבן געלויכטן — און אפשר האָט זיך מיר נאָר אַזוי אויסגעוויזן, אַז זיי לייכטן מיט גליק — און דערמאָלט האָב איך אויף זײַנע באַקן און אויף זײַנע ליפּן באַמערקט שפּורן, רויטע שפּורן פון אירענעס געשמינקטע ליפּן.

— אישטוואַן! — כ'האָב זיך באַמיט צו באַהערשן מײַן שטימע, זי זאָל נישט ציטערן — איידער דו גייסט אַהיים, וואַש אָפּ דעם פּרצוף. קאָנסט עס טאָן דאָ...

עטלעכע טעג האָב איך אויסגעמיטן אירענען, איך האָב זי נישט געוואָלט זען, כאָטש געבענקט צו איר האָב איך אַזוי, ווי נאָך קיינמאָל נישט ביז אַצינד. כ'בין געווען צופרידן, ווען עס איז פאַרביי אַ טאָג און מיר האָבן נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו זײַן אַליין אונטער פיר אויגן.

ערשט אין אַ וואָך אַרום איז זי צו מיר צוגעקומען אין שול, בעת דער פּויזע.

— קום היינט — האָט זי געזאָגט — וועסט קומען?

און נישט וואַרטנדיק אויף מײַן תשובה האָט זי זיך דערווײַטערט.

אין אָוונט בין איך צו איר געגאַנגען אַ פאַרביטערטער און פאַר־טראַכטער.

זי איז געזעסן ביים טיש, ביי אַן אָפענעם העפט, אין וועלכן זי האָט עפּעס געשריבן. ווי אַ בלום האָט זי אויסגעזען אינעם שיין פון דעם ראָ־זעווען אַבאַזשור. כ'האָב ווידער באַטראַכט מיט פאַרליבטע אויגן איר שיין געשטאַלט, אַרומגעהילט אין אַן אַטלאַסענעם שלאַפראָק, און געקלערט האָב איך: סארא געניאַלע רעזשיסערן זיי זענען, די פרויען, זיי פאַרגעסן נישט וועגן דעם מינדסטן רעקוויזיט, וואָס קאָן ווירקן אויף מענערישע חושים. זענען זיי אַלע אַזעלכע?

זי איז שיין, האָב איך געטראַכט, זי איז פונקט אַזוי שיין, ווי שלעכט. און ווען זי איז צו מיר צוגעקומען נאָענט, ווען זי האָט מיר צוגעטראָגן אירע שיינע, פולע ליפּן, האָב איך מיך געמאַכט נישט זעענדיק. זי האָט באַמערקט מײַן אומחן, מײַן אויפרעגונג, זי האָט דאָך עס געמוזט באַ־מערקן, און זי האָט זיך צעלאַכט.

— אַ שאַד — האָט זי אַ זיפֿץ געטאָן מיט אַ טעאַטראַלע מינע — ווילסט מיך שוין נישט קושן? און איך האָב דיך אַזוי ליב. פֿאַרוואָס ביסטו אויף מיר בייז?

צי איז זי נישט געווען ציניש?

— איך בין אויף דיר נישט בייז — האָב איך געענטפֿערט — אָבער מיין נישט, אַז עס איז מיר לייכט אָנגעקומען אָפּצונאַרן דיין מאַן. עס איז מיר שטענדיק שווער געווען זיך צו באַנוצן אין לעבן מיט ליגן, אויך דאָ, ווען איך האָב עס געטאָן צוליב דיר. נאָר דאָ האָב איך מיך געטרייסט, אַז אייער פֿאַמיליע־לעבן איז דאָך נישט מער ווי אַ פֿיקציע, און אַז אונדזער ליבע באַרעכטיקט אַ סך...

זי האָט נערוועז פֿאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און געשוויגן.

— איך האָב מיר איינגערעדט — האָב איך געצויגן — אַז אין אַ געוויסן טאָג, ווען דיין מאַן וועט געזונט ווערן, וועסטו פֿון אים אַוועקגיין. איך האָב געגלייבט, אַז דו וועסט קומען צו מיר, אַז דו וועסט זיין מיין פֿרוי. און איצט האָסטו אָנגעהויבן אָפּצונאַרן און דו אַליין זאָגסט ליגן. ביסט פֿאַלש לגבי מיר. און דער צווייטער אָפּנאַרער...

— שווייג! האָט זי אויסגעשריגן, און איר שטימע איז איצט געווען קאַלט און פֿרעמד אַזוי ווי דעמלט, ווען מיר זענען נאָך געווען צו זיך פֿרעמדע מענטשן — אויף דעם דאָזיקן יינגל ביסטו אייפֿערזיכטיק? בלויז איינמאָל בין איך מיט אים געווען אויף דער אָזערע, דעמלט ווען עס האָט אַזוי שטאַרק גערעגנט...

איך בין שוין נישט געווען אייפֿערזיכטיק. די גאַנצע אייפֿערזוכט האָט זיך אין מיר פֿאַרברענט אין משך פֿון עטלעכע שלאָפֿלאָזע נעכט. פֿאַרבליבן איז אָבער ווידערווילן. אַ ביטערער נאָכגעשמאַק, פֿון וועלכן איך האָב זיך נישט געקאָנט באַפֿרייען.

— אַפֿילו איצט, אין דער דאָזיקער רגע זאָגסטו אויך ליגן. אישטוואַן באַזוכט דיך אין דעם דאָזיקן צימער, ער קומט צו דיר און דו נעמסט אים אויף, ווייל דו וואַרטסט דאָך אויף אים. איך ווייס עס, נאָר מיין נישט, אַז איך לייד דערפֿון, פֿאַרקערט — מעגסט טאָן, וואָס דו ווילסט, ביסט אַ פֿרייער פֿויגל. דאַרפֿסט אָבער זיין פֿאָרזיכטיק. מיר געפֿינען זיך צווישן קינדער, און אישטוואַן איז אויך אַ קינד. קינדער זענען נייגעריק און זעען פֿיל מער ווי דערוואַקסענע.

— אַ דאַנק פאַר דער וואָרענונג. אישטוואַן איז נישט קיין קינד. ער איז שוין אַ מאַן. און דיך, וואָס אַרט עס דיך, אַז די קינדער זענען גיי־געריק?

„דאָס האָט זי פון אים געמאַכט אַ מאַן" — האָב איך אַ טראַכט געטאָן און איך האָב דערפילט אַ מעסער אין האַרץ.

— עס אַרט מיך — האָב איך געענטפערט — עס טרעפט, אַז צען מאָל טעגלעך רעד איך צו די דאָזיקע קינדער וועגן פאַרשיידענע גוטע זאַכן: וועגן אמת און פריינדשאַפט, וועגן צוטרוי און ליבע. דערנאָך דער־מאָן איך מיך וועגן דיר און די ווערטער בלייבן מיר שטעקן אין האַלדז, און איך שטיי אַ פאַרשעמטער.

זי האָט זיך צעלאַכט, און געווען איז עס אַ געלעכטער פון אַ בייזן עקדיש.

— ווילסט זיין שיין און גוט, נאָר עס געלינגט דיר נישט. ווילסט זיין דער ווילער יונגערמאַנטשיק, דער יונגער נביא, וואָס ווייסט נישט פון קיין שום שמוץ און נידערטרעכטיקייט, אַפילו נישט פון קיין שום קאָנ־פליקטן.

— מעגלעך — האָב איך געענטפערט אַ געטראָפענער און באַליידיק־טער — ביזט גערעכט. אין יענע טעג, ווען דיין מאַן איז געווען געפערלעך קראַנק, האָב איך יעדן אָוונט טעלעפאָנירט אין שפּיטאָל צום הויפּט־דאָק־טער. איך האָב געציטערט פאַר זיין געזונט, כאָטש איך האָב אים קיינ־מאָל נישט ליב געהאַט. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אויב ער וועט שטאַרבן, וועל איך קיינמאָל נישט האָבן קיין מוט צו דיר זיך צו דער־נעענטערן. פאַרשטייט זיך, אַז דו האָסט וועגן דעם נישט געוווּסט, קיינער האָט נישט געוווּסט.

— זיי רואיק, ער וועט צוריקקומען שוין אין די נאָענטסטע טעג.

— איך ווייס עס.

— נו, אויב דו ווייסט, הער זשע מיך אויס: אין דריי טעג אַרום וועט ער קומען, און איך פריי מיך, ווייל דאָס איז אַ מענטש מיט וועלכן איך האָב חתונה געהאַט, און דאָס פאַרפליכטעט דאָך צו עפּעס. ער איז מיין מאַן. שטענדיק איז ער פאַר מיר געווען אַ גוטער, אַלץ האָט ער מיר גע־געבן, אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט, איך בין אויך געווען אַ גוטע פאַר אים, איך האָב אויך געטאָן אַלץ, וואָס האָט געהערט צו מיינע פליכטן. שטענדיק, מיין גאַנץ לעבן האָב איך געטאָן דאָס, וואָס צו מיר האָט גע־הערט. שטענדיק האָב איך אויסגעפילט מיינע פליכטן, שטענדיק האָב איך

געטאָן דאָס, וואָס איך האָב געמוזט טאָן. קיינמאָל האָב איך מיר נישט דערלויבט צו טאָן עפּעס אַזעלכעס, צו וואָס איך האָב געפילט אַ באַגער, ווייל תמיד האָט זיך מיר דאָס לעבן אַזוי געפּלאָנטערט, אַז פאַר מיין אייגענעם ווילן איז קיינמאָל נישט געווען קיין פּלאַץ. קאָנסט זיך דאָס פאָרשטעלן? שטענדיק טאָן דאָס, וואָס מען מוז טאָן! אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ יאָר נאָך אַ יאָר — דאָס גאַנצע לעבן. צי ביזטו אימשטאַנד דאָס צו פאַרשטיין, דו, אַפּיטרופּוס פון יתומים? איך בין אויך געווען אַ יתומה, איך געדענק נישט מיין טאַטן און נישט מיין מאַמען. איך געדענק נאָר, אַז שטענדיק האָב איך געמוזט עפּעס טאָן, שטענדיק האָב איך געמוזט אַרבעטן, אָבער איך געדענק נישט, צי עס האָט מיך ווער געפרעגט אויב איך וויל... אפשר וועסטו איצט פאַרשטיין, פאַרוואָס איך בין געפאָרן מיט אישטוואַנען, אָדער פאַרוואָס איך האָב מיך פאַרבונדן מיט דיר? דו ביסט מיר פונקט אַזוי פרעמד ווי אַלע, פונקט ווי דער דאָזיקער אונגאַר, מיט וועלכן איך קאָן נישט איבעררעדן קיין צוויי ווערטער. איך האָב עס געטאָן, ווייל איינמאָל אין מיין לעבן האָב איך געוואָלט טאָן דאָס, וואָס האָט נישט געהאַט אויף זיך דעם פאַרשאָלטענעם שטעמפּל פון חוב, פון נויטווענדיקייט, פון עול, פון דאָס אַלץ, וואָס איז מוז... זאָלסט דיר נישט איינרעדן, אַז איך ליב דיך, אָדער אַז איך האָב דיך געליבט כאָטש איין טאָג, כאָטש איין שעה... קאָנסט גיין צום טייוול, איך פיל צו דיר דעם זעלבן עקל, ווי צו מיין בכבודיקן מאַן, און זאָל אייך ביידע דער רוח נעמען...

„אַ שלאַנג — האָב איך געטראַכט — אַן אָרעמע אומגליקלעכע שלאַנג. זי איז איינזאַם און איך פאַרשטיי זי — איך ליב זי דאָך“.

זי האָט איינגענורעט דעם קאָפּ אין קישן און האָט זיך צעוויינט. עס האָט מיך באַהערשט אַ מיטגעפיל, איך בין צו איר צוגעגאַנגען און גענומען גלעטן אירע האָר.

— ריר מיך נישט אָן — האָט זי אַרויסגעכליפּעט — איך וויל נישט זאָלסט מיך אָנרירן.

דערנאָך האָט זי זיך אויפגעהויבן און אָפּווישנדיק די טרערן, האָט זי ווייך געזאָגט:

— זיי נישט בייז. עס איז מיר גענוג שווער. דאַרפסט מיך שוין נישט שטראָפן, איך בין גענוג געשטראָפט. און ער — ווייסט דאָך וואָסאַרא טבע ער האָט. ווען ער וועט צוריקקומען, זאָלסטו אים נישט אויפרעגן. איך וועל נישט דערלויבן, הערסט? און איצט וויל איך זאָלסט מיך איבערלאָזן אַליין. איך מוז מיך אויסוויינען...

ענדע וואָך איז אירענעס מאַן געקומען. ער האָט זיך געעלטערט, ער איז געוואָרן געל און מאָגער. ווען עס איז געווען וואַרעם — עס זענען געווען די לעצטע וואַרעמע טעג פון דעם קאַפּריזנעם האַרבסט — פלעגט ער אַרומשפּאַצירן אין גאָרטן. ער האָט געבלאָנקעט איף די שטעגן, וואָס זענען געווען באַשאָטן מיט געלע בלעטער, אַז אייגגעהויקערטער, אַז אָנגע-שפּאַרטער אויף אַ שטעקן. אַ שאָטן פון אַ מענטש. טיילמאָל פלעגט ער זיך פאַרהאַלטן לעבן די צעשפּילטע קינדער, און דעמלט פלעג איך אויף זיינע בלאַסע ליפּן דערזען אַ נייעם אומבאַקאַנטן שמייכל — אַ גוטמוטיקן, כמעט אַ צאַרטן. ער האָט געשוויגן. ער האָט נישט געמוסרט קיינעם, אַפילו דעמלט ווען עס איז געווען דערצו אַ געלעגנהייט. טיילמאָל פלעגט ער צוגיין צו די קלענסטע קינדער, אָנבייגן זיך איבער איינעם פון זיי, אָננעמען און צוטראָגן צו די ליפּן דאָס קליינינקע הענטעלע, וואָס איז גע-ווען שמוציק פון שפּילן זיך מיט ליים.

איינמאָל האָט ער באַזוכט די שול. ער איז געווען אין אירענעס שול-צימער און אין מיין צימער. ער איז באַשיידן געזעסן אין דער לעצטער באַנק און צוגעהערט זיך. עס איז געווען אַ לעקציע פון חומש — איך האָב נישט פאַרגעסן מיין געשפּרעך מיטן מעידזשער היימען, מיט דעם אַמע-ריקאַנישן אַפּוטרופּוס, וועלכער האָט פאַרלאַנגט, אַז די קינדער זאָלן זיך באַקענען מיט דער ביבל.

— דאָס דאָזיקע ווערק — האָב איך געזאָגט — איז באַשאַפן געוואָרן אין משך פון טויזנטער יאָרן. דאָס איז אַ ווערק פון אַ סך מענטשן און פון אַ סך דורות. די באַשרייבונגען און גלויבונגען, וואָס זענען אין אים איבערגעגעבן, האָבן באַגלייט אונדזערע נאָמאַדישע אבות אין זייערע וואַנדערונגען פון מעזאָפּאָטאַמיע ביז מצרים. אין יעדער מדינה זענען ז יי פאַרגרעסערט געוואָרן, זיי האָבן אין זיך איינגעזאַפּט די חכמה און די דערפאַרונגען פון אַנדערע שבטים און פעלקער. די מלחמות וואָס זיי האָבן געפירט פלעגן זיך אין משך פון צייטן פאַרוואַנדלען אין העראָישע עפּאָסן, אין לעגענדעס און דיכטערישע שילדערונגען. די דערפאַרונג פלעגט זיך פאַרגרעסערן און פאַרברייטערן, און ווען דער אומבאַקאַנטער סופר האָט זיי צום ערשטן מאָל פאַראייביקט אין שריפט אויף פּאַרמעט צי אויף דעם עגיפּטישן פּאַפּירוס, דעמלט האָט זיין ווערק אַרומגענומען שוין נישט נאָר די גלויבונגען פון זיין פאָלק, נישט נאָר די רעליגיעזע געבאָטן און פאַרבאָטן, נאָר אויך דעם גאַנצן סך הכל פון דער דעמלטיקער וויסנשאַפט וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט, וועגן דעם סיסטעם פון

גערעכטיקייט און משפט, אַפילו וועגן דער מעדיצין און וועגן מאָסמיטלען צו באַקעמפן חולאתן...

דער פאַרוואַלטער האָט געהערט און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז צופרידן פון מיינע אויספירן, און אפשר האָט אים גאַנץ פשוט אינטערעסירט די טעמע. פּלוצים האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, און עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס זאָגן. ער האָט אָבער געשוויגן און שווייגנדיק איז ער צוגעגאַנגען צו דער טיר. דאָ האָט ער זיך מישב געווען און איז צוגעגאַנגען צום טאָוול.

— אויב איר וועט דערלויבן — האָט ער געזאָגט — וואָלט איך צוגעוואָרפן עטלעכע ווערטער...

כ'וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווי שיין ער האָט דעמלט גערעדט. ער האָט מיך ממש באַצויבערט. מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם האָב איך אים געהערט. איך האָב באַוואונדערט די פּליסיקייט פון זיינע רייד, די בילדערישקייט פון זיין שפּראַך, די רייכקייט פון וויסן. דאָס איז שוין נישט געווען דער אַלטער קראַנקער מענטש. אָט איז פּיטאַגאָראַס — האָב איך געטראַכט — פּיטאַגאָראַס וואָס צייכנט אין זאַמד זיינע געאָמעטרישע פיגורן; אַרכימעדעס פאַר וועלכן די וועלט עקזיסטירט נאָר דעמלט, ווען זי בינדט זיך מיט זיין געליבטער וויסנשאַפט. סאָקראַטעס, וואָס האָט זיך צערעדט און זיין שפּראַך פינקלט ווי אַ זון־שטראַל, סאָקראַטעס פון גאַליציע, סאָקראַטעס פאַרקערפּערט אין אַ יידישן אַלטן בעלפער.

אָט האָט ער אויפגעהאָנגען אויף דער וואַנט די מאַפּע פון דעם נאָענטן מזרח, בכדי צו ווייזן אונדז מיט וועלכע וועגן עס האָבן געוואַנדערט די סעמיטישע ביבלישע שבטים. מיר האָבן זיי געזען פאַר זיך, די דאָזיקע אוראַלטע פאָרגעשיכטלעכע אבות אונדזערע, וואָס האָבן אין גאַנג פון דורות אין צייטן צוזאַמענגעשמאָלצן אין איין קעסל דאָס אַלץ, וואָס זיי האָבן אונטערוועגנס באַגעגנט, דאָס אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַלטן פאַר נוצלעך און שיין. און יעדע איינציקע געוווינהייט, וואָס זיי האָבן זיך צוגעאייגנט אין איין לאַנד, האָבן זיי איבערגעגעבן אַן אַנדער פאָלק, און יעדע געוווינהייט איז געווען ווי אַ בריק צווישן פעלקער, וואָס האָט דערנענטערט און פאַראייניקט. ער האָט צוזאַמענגעוויקלט די מאַפּע און גענומען צייכענען אויף דעם וואַנט־טאָוול רייען אותיות און ווערטער: גריכישע, אַראַמעישע, העברעישע. ער האָט פאַרגעסן, אַז עס קאָן זיין צו שווער און צו אומפאַרשטענדלעך פאַר דער דאָזיקער יונגער אוידיטאָריע. ער האָט

דערקלערט די ענלעכקייט און איינפלוסן און אָנגעוויזן אויף דעם געמיינזאַ־מען וואָרצל פון מענטשלעכן וויסן און פון מענטשלעכן כתב.

זינט דעמלט האָב איך אָנגעהויבן אַנדערש טראַכטן וועגן אים. דאָס הייסט נישט, אַז איך זאָל זיך האָבן געפילט שולדיק צוליב דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען צווישן אירענען און מיר. דאָס אַלץ איז געווען נישט מער ווי אַן עפּיזאָד, וואָס איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ בלאַסער און בלאַ־סער. און ווען איך פלעג מיר אָפּגעבן אַ חשבון פון דער דאָזיקער גלייכגיל־טיקייט לגבי אירענען, האָב איך מיך געשעמט פאַר זיך און פאַר מיין ליבע, וואָס איז נישט געווען קיין ליבע.

איך האָב זיך נישט געפילט שולדיק. אין דעם דאָזיקן ראָד, וואָס האָט אַרומגעצוימט אירענען, זענען קיין שולדיקע נישט געווען. מיר אַלע זענען געווען אָרעם, איינזאַם און צעבראָכן, פאַריתומט זענען מיר געווען און גע־זוכט האָבן מיר אַרום זיך — ווּעמען האָבן מיר געזוכט?

איינמאָל האָב איך באַזוכט דעם פּאַרוואַלטער אין זיין ביוראָ. ער איז געזעסן ביים שרייבטיש און געבלעטערט פּאַפּירן. נישט ווילנדיק האָב איך באַמערקט, אַז עס זענען די פּערסאָנאַלע אַקטן פון די קינדער.

— קוקט — האָט ער שטיל געזאָגט — וואָס פאַראַ מאָדנער צו־פאַל! אישטוואַן איז געבוירן אין דעם זעלבן יאָר און אין דעם זעלבן טאָג, וואָס מיין זון. ווען מיין זון וואָלט היינט געלעבט, וואָלט ער שוין געווען אַזוי גרויס. אַזאַ גרויסער בחור וואָלט ער שוין געווען.

מיט דעם בלייפעדער האָט ער אונטערגעשטראָכן די דאַטע ביים נאָ־מען פון דעם אונגאַרישן יינגל. און איך האָב געטראַכט: איצט איז דער ראָד שוין געשלאָסן, ווי אין דער גריכישער טראַגעדיע.

— אירענע איז מיין צווייטע פרוי. זי ווייס אַפילו נישט, אַז איך האָב שוין געהאַט אַ זון.

מיט דער גרעסטער פּעדאַנטישקייט האָט ער באַהאַלטן די פּאַפּירן און פאַרשלאָסן דאָס שרייבטישל.

— שטענדיק האָב איך פון מיינע תלמידים פאַרלאַנגט אַ סך. אויך פון מיין זון. איך האָב אים דערצויגן אַזוי, ווי מען האָט מיך דערצויגן. היינט קלער איך וועגן דעם מיט ווייטיק. פאַרוואָס האָב איך עס געטאָן? כ'האָב דאָך געקאָנט געבן מיין קינד כאָטש אַ ביסעלע פרייד. כאָטש אַ בי־סעלע פרייד, אויב עס איז אים באַשערט געווען אַזוי יונג אומצוקומען...

עס איז אָנגעקומען דער ווינטער. אַ פּראַקטיקער ווינטער איז עס געווען מיט שטורעם־ווינטן און מיט שנייאיקע זאַווייעס.

בין־השמשות און אין די לאַנגע אָוונטן פּלעגן מיר זיך פאַרנעמען מיט די קינדער אין דעם גרויסן אַלטמאָדישן שפּיל־זאַל, וווּ אויף די ווענט האָבן געשמייכלט בכבודיקע דאַמען אין קרינאָלין־קליידער און גריכישע געטינס און געטער.

אין אַ געווויסן טאָג האָט אונדז באַזוכט דער אַמעריקאַנישער אַפּוטרופּוס. ער איז געקומען צוזאַמען מיט אַן עלטערער פרוי, וועלכע איז געווען אַ כלל־טוערין, אַ באַקאַנטע צדקה־געבערין. הײַמאַן האָט אויף זיך גענומען די ראָל פון אַ באַלעבאָס. ער האָט זי באַגלייט און אַרומגעפירט, געשמייכלט האָט ער צו איר, ווי זי וואָלט געווען אַ יונגע כלה און ער אַ יונגער חתן. זיי זענען געגאַנגען פון איין געביידע צו דער צווייטער, אַרײַנגעקוקט אין אַלע ווינקעלעך און אין אַלע קעמערלעך, דערנאָך האָבן זיי זיך געלאָזט צו דער שול. דער פאַרוואַלטער האָט געפרווט זיי באַגלייטן, אָבער די דאַמע האָט געקוקט אויף אים מיט אירע קורצזיכטיקע קאַלטע אויגן, און געדאַכט האָט זיך אונדז, אַז זי קוקט נישט אויף אים, נאָר ד ו ר ך אים, ווי מען קוקט דורך גלאָז. איז ער געבליבן פון דער ווייטנס, דער פאַרוואַלטער אונדזערער, אַן אַלטער און באַשיידענער, אַ נעבעכדיקער, אָט זענען די גרויסע צדקה־געבערס אונדזערע, די כלל־טוערס, אַ רוח אין זייערע קדמונים! און ווער זענען מיר?

זיי זענען אַרײַנגעקומען אין מיין שול־צימער, וווּ די קינדער האָבן געוואַרט אויף זיי אין יום־טובדיקע קליידער און אין יום־טובדיקע שטימונגען.

— צי קענט איר זינגען דעם אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלן הימן? — האָט געפרעגט די דאַמע.

די קינדער האָבן נישט געקענט.

— אינגיכן וועט איר מוזן דאָס דאָזיקע הויז פאַרלאָזן — האָט זי געזאָגט — צי האָט איר זיך שוין פאַרטראַכט וווּ עס וועט זיין אייער נייע היים?

די קינדער האָבן געשוויגן. זיי זענען געוואָרן ערנסט און אומעטיק. די שטרענגע פרוי האָט געגישטערט מיט איר קאַלטן בליק. ענדלעך האָט זי זיך פאַרהאַלטן אויף אָסקאַרס געזיכט.

— דו... וווּ וואָלסטו געוואָלט לעבן? — האָט זי געפרעגט — דו ביסט שוין אַ דערוואַקסענער באָי.

ער האָט זיך צעלאַכט און באַלד איז ער ווידער ערנסט געוואָרן. אַ בייזן פונק האָב איך דערזען אין זיינע אויגן.

— סייווי וועט דאָך נישט זיין אַזוי ווי איך וואָלט געוואָלט... — האָט ער געענטפערט.

— און דו? — האָט זי ווייטער געפאָרשט, אָפּשטעלנדיק זיך לעבן אָסקאַרס שוועסטער.

— אָ, איך וויים וו איך וואָלט געוואָלט זיין... — האָט דאָס מיידל געזאָגט מיט אַ טרוימערישן שמייכל — דאָרט, וו עס איז דאָ אַ סך בלומען, און וו די מענטשן זענען גליקלעך, וו די מענטשן זענען גוט און עס איז נישט פאַראַן נישט קיין אָרעמע און נישט קיין רייכע און אַלע האָבן זיך ליב. אָט אין אַזאַ לאַנד וויל איך לעבן...

— אַלע מענטשן קאָנען דאָך נישט זיין רייך — האָט געזאָגט די אַמעריקאַנער יידענע — איינע מוזן זיין רייך, בכדי צו העלפן די אָרעמע. ווען איך וועל שטאַרבן, וועט מיין גאַנץ פאַרמעגן געהערן צו יתומים. אין מיין לאַנד זענען פאַראַן אַ סך רייכע מענטשן, און דו וואָלסט גע־וואָלט רייך זיין?

— איך? — האָט זיך צעלאַכט דאָס מיידל — ניין, איך וואָלט נישט געוואָלט.

— און איר? צי וויל קיינער נישט זיין רייך?

די קינדער האָבן געשוויגן.

— צי לערנט איר ביבל? — האָט געפרעגט היימאַן.

— יאָ — האָב איך געענטפערט — זיי לערנען.

— וואָס איז דיר געפעלן אין דעם דאָזיקן בוך? — האָט היימאַן זיך געווענדעט צו איינער פון די שילערינס.

— שיר השירים — האָט זי געענטפערט.

— פאַרוואָס דווקא שיר השירים?

— ווייל דאָס איז וועגן ליבע...

— דאָס איז נישט קיין פשוטע ליבע — האָט זיך געבייזערט די אַמעריקאַנער פרינצעסין — דאָס איז וועגן ליבע צו גאָט. האָט אייך דער לערער וועגן דעם נישט געזאָגט?

— ניין — האָט זיך איבערגעשראָקן דאָס מיידעלע — וועגן דעם האָט ער נישט געזאָגט.

די קינדער זענען געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, אומעטיקע, פאַר־זאָרגטע, אַנטוישטע. זיי האָבן זיך צו דעם דאָזיקן טאָג אַזוי לאַנג געגרייט,

עס האָט געזאָלט זיין פאַר זיי אַ טאָג פון זעלבשטענדיקייט — די דאָזיקע זעלבשטענדיקייט, וואָס איז געווען זייער מתנה פאַר די דערציערינס און פאַר די לערער. זיי האָבן געוואָלט דעם דאָזיקן טאָג פאַרברענגען אַנדערש ווי אַלע אַנדערע טעג. די עלטערע קינדער האָבן זיך געזאָלט פאַרנעמען מיט די יינגערע, אַפילו אין עס־צימער האָבן זיי געוואָלט דערלאַנגען צו די טישן. אָ, קיינמאָל איז נאָך נישט געווען אין עס־צימער אַזוי יום־טובדיק ווי היינט, אַזוי אָנגענעם ווי היינט. די דערציערינס האָבן געשטראַלט, זיי האָבן געשעפּט נחת, דער פאַרוואַלטער איז געווען צופרידן, אַלע זענען געווען צופרידן, אָבער היימאַן און זיין דאַמע האָבן גאָרנישט באַמערקט און זיי האָבן אַפילו נישט אָנגענומען די איינלאַדונג צום מי־טאָג. זיי זענען אַוועק מיט זייער שיינעם אויטאָ, און זיי האָבן אַפילו נישט געהאַלטן פאַר נויטיק צו געזעגענען זיך מיט די דערוואַקסענע, און אויך נישט מיט די קינדער. זיי האָבן נאָך זיך איבערגעלאָזט אַ ווידערווילן. אַ נישט געלונגענער טאָג איז עס געווען.

דער פאַרוואַלטער האָט געשמייכלט מיט אַ ביטערן שמייכל. ער איז געווען אויפגערעגט און באַליידיקט.

— וואָס טראַכט איר וועגן דעם? — האָט ער געפרעגט — וואָס זאָגט איר נישט צו זיי?

— מיר דאַכט זיך — האָט אים געענטפערט זיין פרוי — מיר דאַכט זיך, אַז עס ענדיקן זיך אונדזערע גוטע צייטן.

.10

צום פרישטיק איז דער פאַרוואַלטער געקומען אין אַן ערנסטער שטי־מונג. אירענע האָט אים באַגלייט ווי שטענדיק, ווען ער איז געווען אויפגערעגט.

— מיינע הערן — האָט ער זיך געווענדעט צו די לערער — קומט מיט מיר...

און צוזאַמען זענען מיר אַריין אין עס־זאַל פון די קינדער.

— מיינע טייערע — האָט אָנגעהויבן דער פאַרוואַלטער — פון מאָרגן אָן וועט דאָס דאָזיקע הויז אויפהערן צו זיין אונדזער הויז. איר וועט מוזן דאָס דאָזיקע הויז פאַרלאָזן און צום באַדויערן, צו אונדזער טיפסטן ווייטיק וועלן מיר אייך נישט קאָנען באַגלייטן אין דער רייזע,

וואָס דערוואַרט אײַך. עס דערוואַרט אײַך אַ ווײַטע רײַזע. לאָמיר האָפֿן, אַז עס וועט זײַן אַ גליקלעכע רײַזע. איר וועט באַגעגענען נײַע מענטשן, און איך מײן, אַז איר דאַרפֿט צו זײ האָבן צוטרױ. איר דאַרפֿט זײ גלײבן, פּונקט װי איר גלײבט אונדז. אומעטום װעט איר טרעפֿן מענטשן גוטע — זײט ענלעך צו זײ. פֿאַר גוטס זאָלט איר צאָלן מיט גוטס, פֿאַר ליבע — מיט ליבע. איך, און איך האָף, אַז מיר אַלע, אײערע לערער און דערציִער װעלן אײַך באַגלײטן אין די געדאַנקען. איך האָב אײַך ליב, מײַנע טײַערע קינדער, כאָטש אָפֿט בין איך צו אײַך געװען שטרענג. װען איר װעט אױפֿװאַקסן און רײַף װערן, װעט איר פֿאַרשטײן, אַז נישט יעדע ליבשאַפֿט װערט אױף דעם זעלבן אופֿן באַװיזן. איך װינטש אײַך פֿיל גליק.

אַזױ האָבן מיר זיך געזעגנט מיט די קינדער, אַזױ האָבן מיר אָפּגעזעגנט נאָך אײן קאַפּיטל פֿון אונדזערע אילוזיעס. די דערציִערינס האָבן זיך גענומען מאַכן אַלע נױטיקע צוגרײטונגען. דער אונגאַרישער גראַף אַפּאָני האָט זיך געפּאָרעט מיט אַ העפֿט אין דער האַנט און פֿאַרשריבן דעם אינװענטאַר.

בײַם טױער פֿון דער שײנער פּריצישער פּאָסעסיע האָט װידער געלױערט די אײנזאַמקײט, דאָס װאַגלעניש. װעגן אײראָפּעיִשע — װוּהין װעלן זײ איצט פֿירן? װער האָט עס געזאָגט, אַז עס איז שױן נאָך דער מלחמה? װוּ איז איצט מײַן הײם? מײַן משפּחה? מײַנע פֿרײַנד? — װוּ זענען זײ? דער אַדװאָקאַט פֿון גראָדנע? דער גײַסטלעכער יאָאַכים שטאָלץ? דאָס מײדל פֿון האָלענדישן שאַנדהױז?

איך האָב זיך צוריקגעקערט אין מײַן צימער אַ צעחושטער, אַ פֿאַרצװײפֿלטער. ס'האָט זיך מיר פֿאַרגלוסט צו שלאָפֿן, שלאָפֿן לאַנג און אױפֿכאַפּן זיך ערשט דעמלט, װען עס װעט שױן זײַן נאָך אַלעם. דעמלט װעל איך קאָנען נעמען מײַן קלײן רענצעלע און גײן, גײן װוּ די אױגן װעלן טראָגן.

איך בין געלעגן אױפֿן געלעגער.

אפֿשר בין איך געשלאָפֿן אָדער געדרימלט — איך האָב זיך אױפֿגעכאַפּט ערשט דעמלט, װען די טיר האָט זיך געעפֿנט און אין צימער איז אַרײַנגעקומען רײזעלע, אײנע פֿון מײַנע עלטערע שילערינס, אַ שטיל מײדעלע מיט גרױסע טונקעלע אױגן און מיט אַ זײַם לױטער געזיכט. אירע קלוגע אױגן פֿלעגן מיך שטענדיק באַגלײטן אין שול. װיפֿל מאָל עס פֿלעגט טרעפֿן, אַז איך האָב געזוכט אַ קאָנטאַקט, אַ פֿאַרשטענדעניש בײַ מײַנע שילער, פֿלעגן רײזעלעס אױגן קוקן אױף מיר און שלינגען מײַנע װערטער,

און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זיי ווילן זאָגן: „רעד, מיר פאַרשטייען דיך זייער גוט, רעד, קיין איין וואָרט דיינער וועט דאָ נישט פאַרלוירן גיין“.

און איצט איז זי געשטאַנען ביי מיין טיר אַ דערשראָקענע און אַ ביסל אַ פאַרשעמטע, ווי עס וואָלט איר אויסגעפעלט כוח און מוט צום רעדן.

— רייזעלע, וואָס האָט דיך אַהער געבראַכט?

די ווייסע בעקלעך אירע זענען געווען רויט און די שוואַרצע ווייעס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די אויגן.

— זעץ דיך, רייזעלע. זעסט הײַנט אויס אַזוי פאַרזאָרגט... פאַרוואָס? וואָס איז געשען?

זי האָט זיך אַנידערגעזעצט און אַ שמייכל האָט באַשיינט איר פּנים.

— נו, זעסט... — האָב איך געזאָגט — ווען דו לאַכסט, לאַכט אויך די גאַנצע וועלט. מיין מאַמע פלעגט מיר דאָס זעלבע זאָגן. אַמאָל, מיט יאָרן צוריק... ביזט געקומען זיך געזעגענען מיט מיר?

— ניין, נישט געזעגענען... איך בין געקומען אייך עפּעס זאָגן. איך וויל איר זאָלט מיך אויסהערן. און מיר איז אַזוי שווער צו רעדן. איר ווייסט דאָך, אַז איך פלעג שטענדיק שווייגן. היינט וויל איך דאָס זאָגן און איך מוז אייך דאָס זאָגן. צוערשט מוז איך עפּעס קלאָר מאַכן. אין די שול-פּאַפּירן איז פאַרשריבן, אַז איך בין אַלט זיבעצן יאָר. אָבער מיין געבורטס-שיין איז נישט קיין ריכטיקער, איך בין אַלט נישט זיבעצן, איך בין שוין אַלט צוואַנציק יאָר און אין נאָרמאַלע באַדינגונגען, ווען מיין מאַמע און מיין טאַטע וואָלטן היינט געלעבט, וואָלט איך שוין געווען אַ כּלה-מיידל. דערפאַר וויל איך אייך בעטן, איר זאָלט מיט מיר היינט רעדן נישט אַזוי, ווי מען רעדט מיט אַ קינד, נאָר אַזוי ווי מען רעדט מיט אַ דערוואַקסענער. איך בין שוין נישט קיין קינד, און איך וויל נישט זיין קיין קינד. איך וויל נישט אַרויספאָרן פון דאַנען אין אַן אַנדער היים. עס וועט דאָך נישט זיין מ יי ן היים, עס וועט ווידער זיין אַ יתומים-אַנשטאַלט מיט נייער אומזיכערקייט, מיט נייע דערוואַרטונגען און נייע אַנטוישונגען. איך וויל שוין נישט מער זיין קיין קינד און כ'וויל נישט מער געניסן פון ווילטאַט. איך האָב פיינט די דאָזיקע ווילטאַט, און דאָס האָט איר אַליין מיך אויסגעלערנט זי פיינט האָבן.

זי איז געזעסן אויפן שטול, אַ לייכט איינגעהויקערטע, ווי עס וואָלט איר דערדריקט די לאַסט פון דעם דאָזיקן שמועס. זי האָט איינגענורעט

דאָס פּנים אין די האַנטפֿלאַכן. איך האָב זי אָנגענומען ביים אָרעם — זי האָט געציטערט.

— רייזעלע — האָב איך צו איר געזאָגט וואַרעם — רייזעלע, ביזט יונג און שיין. דאָס לעבן איז נאָר פֿאַר דיר. אַ שיין לעבן מיט פֿיל שיינע רעטעניש און מיט פֿיל גליקלעכע שאַנסן. אין אַ געוויסן טאָג, אפשר שוין איינגיכן, באַלד וועסטו זיך דערפֿילן זעלבשטענדיק און פֿריי. וועסט דערקענען דעם טעם פֿון ליבע. וועסט האָבן אַ משפּחה.

זי האָט געשמייכלט אומעטיק.

— שטענדיק רעדט איר צו מיר אַזוי, ווי מען רעדט צו אַ קינד. איר רעדט צו מיר וועגן גליק, פּונקט ווי איר אַליין וואָלט געווען דער גליקלעכער. צי וועט איר אויך אַוועקפֿאָרן פֿון דאַנען מאָרגן אָדער איבערמאָרגן, און טרייסטן זיך מיט דער שאַנס וואָס וועט אייך ערגעץ באַגעגענען? צי גיט איר אייך נישט אָפּ קיין חשבון ווי אָרעם איר זענט?

— איך? וואָס רעדסטו? — האָב איך געפּרוווט אָפּלייקענען — איך בין נישט אָרעם.

— איך וויל נישט פֿאָרן מיט זיי — האָט זי געזאָגט — איך וויל זיין מיט אייך, איך האָב אייך ליב. צי האָט איר קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן דעם, אַז אַזאַ מיידל ווי איך, וואָלט אייך געקאָנט ליב האָבן?

זי האָט אויף מיר געקוקט מיט האָפֿענונג און מיט דערוואַרטונג, און פּלוצים איז איר פּנים טונקל געוואָרן און באַטריבט.

— איך בין נישט קיין שיינע — האָט זי געזאָגט שטיל — איך וויים, אַז איך בין נישט קיין שיינע, אָבער נישט אַלע פֿרויען קאָנען דאָך זיין שיין. דערפֿאַר וועל איך זיין אַ גוטע. איך וועל זיין אַזאַ, ווי איר וואָלט מיך געוואָלט האָבן.

עס איז מיר געווען שווער אויפֿן האַרץ, כ'האָב מיך דערפֿילט פֿאַרלוירן און אומגליקלעך.

— רייזעלע — האָב איך געזאָגט — דו ביזט דאָס שענסטע מיידל אין מיין לעבן. דו ביזט אַן איידעלע רויז. אַ בלום, אָבער פֿאַר מיר ביזטו אַ קינד, וואָס איך האָב ליב. ביזט מ יי ן קינד, מיין טאָכטער. יעדן טאָג האָב איך געקוקט אין דיינע אויגן און געפֿרייט זיך מיט זיי, איך האָב מיך געפֿרייט, אַז זיי זענען אַזוי שיין און אַז זיי פֿאַרשטייען מיך אַזוי גוט.

— אויב אַזוי... אויב אַזוי, קאָנט איר דאָך מיט מיר חתונה האָבן.

— איך בין פיל עלטער פון דיר —האָב איך געענטפערט קאַלט, און איך האָב געפילט ווי טרערן קומען מיר אין די אויגן, ווייל דאָס וואָס איך האָב איר געוואָלט זאָגן, איז דאָך געווען קעגן מיין אייגענעם ווילן — איך בין מיד און צעבראָכן. פאַר מיר האָט זיך די מלחמה נאָך נישט פאַרענדיקט. קראַנק בין איך. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דאָס איז שוין פאַרביי, אָבער דאָס דויערט נאָך אַלץ.

— איך וועל אייך העלפן — האָט געזאָגט רייזעלע — מיר וועלן זיךביידע העלפן. איך בין שטאַרק, איך בין שטאַרק ווי אייזן. איך בין שוין נישט קיין קינד.

עס האָט מיך גערירט איר שמייכל און איך האָב נישט געקאָנט פאַרטראָגן אירע טרערן. עס האָט מיך ווידער אַרומגענומען יענער טרויער, יענע ביטערע פאַרצווייפלונג, מיט וועלכער איך האָב מיך געמאַטערט אַזוי לאַנג, ביז איך האָב געפונען אַ טרייסט און אַן אָנשפאַר אין די דאָזיקע קינדער, צו וועלכע איך האָב מיך צוגעבונדן און וועלכע האָבן זיך צו מיר צוגעבונדן און מיט וועלכע איך מוז זיך איצט שיידן.

רייזעלע איז געזעסן לעבן מיר, אפשר האָט זי געלייענט מיינע געדאַנקען. זי איז דאָך געווען אַזאַ צאַרטע און פילבאַרע. איך האָב געפילט דעם באַריר פון איר קליין, כמעט קינדעריש הענטל. אירע פינגער האָבן געגלעט מיינע פינגער — זי האָט געוואַרט אויף מיין טרייסט, אויף מיין ענטפער.

— ניין! — האָב איך אויסגעשריגן — ניין. פאַרוואָס פאַרשטייסטו נישט, אַז איך קאָן דאָס נישט טאָן. איך טאָר עס נישט טאָן. איך בין אַ צעבראָכענע שיף, אפשר וועל איך קיינמאָל נישט דערשווימען צו מיין ברעג.

זי האָט זיך אָפּגערוקט פון מיר און איך האָב דערהערט אירע לאַנגזאַמע לייכטע טריט. דערנאָך האָט די טיר זיך געעפנט און פאַרמאַכט. איך בין געזעסן אויפן בעט און געמאַטערט זיך מיט מיינע געדאַנקען און מיט מיין ווייטיק: אַזוי קומט און אַזוי גייט אַוועק דאָס, וואָס קאָן נאָר איינמאָל פּאַסירן אין לעבן פון אַ מענטש. און אפשר וועט זי צוריקקומען, אפשר וועט זי דאָך קומען און פאַרבלייבן מיט מיר, און גיין מיט מיר דאָרט, ווו עס איז מיר באַשערט צו גיין. זאָל זי נאָר קומען... איך וועל פאַר איר זיין אַ פאָטער און אַ מאַן, זי זאָל נאָר קומען. קיינמאָל וועט זי עס נישט באַדויערן און איך וועל אויך נישט באַדויערן. אפשר וועלן מיר זיין גליקלעך...

אָבער זי איז שוין נישט צוריקגעקומען.

אומרואיק בין איך געשלאָפֿן אין דער דאָזיקער נאַכט. איך האָב געהאַט שרעקלעכע חלומות און האָב מיך אָפּט אויפֿגעכאַפּט. אויפֿגעשטאַנען בין איך פֿרי, ווי נאָך עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. אין הויז האָט מען זיך שוין געפּאָרעט. און אפֿשר האָט מען זיך אַזוי געפּאָרעט אַ גאַנצע נאַכט?

איך האָב מיך געלאָזט גיין צו די קינדער. אין די צימערן איז געווען אַן אומאָרדענונג, ווי נאָך אַ שׂריפֿה. די דערציערינס האָבן זיך געפּאָרעט, געפּאַקט טלומעקלעך און רענצלעך, צוגעגרייט קנעפּלעך און צוגעפּאַסט די נייע מלבושים, וואָס די קינדער האָבן באַקומען אויף דער רייזע. דער פֿאַרוואַלטער און אירענע האָבן זיך אַרומגעדרייט אין די שלאָפֿצימערן, ווו עס האָט אויסגעזען ווי נאָך אַן ערד־ציטערניש.

די קינדער זענען געווען פֿול מיט דערוואַרטונג — זייער רייזע האָט זיך שוין אָנגעהויבן, ווען איך האָב מיך דערנעענטערט צו זיי, האָבן זיי אַראָפּגעלאָזן די אויגן און געשוויגן.

— אָסקאַר — האָב איך געזאָגט צו מיין ליבלינג — וואַרט, אָסקאַר, איך וויל דיר עפּעס זאָגן.

— באַלד וועל איך קומען — האָט ער געענטפֿערט אין איילעניש — איך מוז נאָך איינפּאַקן מיינע פֿישפֿאַנג־מכשירים.

פּלוצים האָב איך דערפֿילט אויף זיך רייזעלעס בליק. זי איז צו מיר צוגעקומען און דערלאַנגט מיר די האַנט.

— איך ווינטש אייך גליק — האָט זי געזאָגט — און איך דאַנק אייך פֿאַר אַלץ. פֿאַר אַלץ...

— זיי געזונט — האָב איך געענטפֿערט, קושנדיק איר האַנט — איך וועל דיך קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן. און איצט שענק מיר דיין שמייכל...

און ווען זי האָט אַזוי געקוקט אויף מיר, האָט זיך מיר דערמאָנט אַ ווייט בילד, וואָס איך האָב אַמאָל אַזוי ליב געהאַט — ווייספּיאַנסקיס פּאָרטרעט פֿון אַ יונג מיידעלע. ווי ענלעך זיי זענען געווען צו זיך...

צום טויער זענען צוגעפֿאָרן לאַסט־אויטאָס. פֿון איינעם איז אויסגעשטיגן דער מאַיאָר היימאַן. איך האָב אויף אים געקוקט מיט האַס, כאָטש דעם אמת געזאָגט — וואָס איז ער דען געווען שולדיק? די קינדער האָבן אָפּגעגעסן פֿרישטיק און גענומען אַרויסטראָגן די רענצלעך. די דערציערינס האָבן געוויינט. איינער פֿון די לערער האָט געהאַלטן אַ רעדע. זיינע ווערטער זענען געווען דערהויבן און קאַלט. אין נאָמען פֿון די קינדער

האָט געזאָגט אַ פּאָר ווערטער אָסקאַר. עטלעכע עלטערע ייִנגלעך האָבן אין אײַלעניש געדריקט מײַן האַנט. איך האָב געשוויגן, איך בין געווען איבעריק, פֿאַרשעמט.

— מײַנע הערן — האָט געזאָגט הײַמאַן — אַלע לערער און דערציער האָבן די מעגלעכקייט דאָ צו פֿאַרברענגען דעם אורלויב. דער הער אַפּאָני וועט אײַך פֿאַרזיכערן אַלע באַקוועמלעכקייטן. איך האָב שוין אַלץ באַזאָרגט.

מער האָט ער אונדז נישט געהאַט וואָס צו זאָגן, גאָרנישט מער.

איך האָב נישט געוואַרט ביז די אויטאָס וועלן אָפּפֿאָרן און האָב זיך געלאָזט גיין אין דער שול. אונטער די פֿיס האָט שוין געשייעט דער שניי, עס איז געווען גליטשיק און ערטערווײַז האָט שוין פֿון דער ערד געשפּראָצט אַ פֿרישע גרינקייט.

איך בין אַרײַנגעגאַנגען אינעם פּוסטן, פֿאַראייִנזאַמטן שול־צימער, אין וועלכן כ'האָב מיט אַ צײַט צוריק אָנגעהויבן אַ נײַ קאַפּיטל אין מײַן לעבן. אויף די בענק זענען געלעגן העפֿטן און שול־ביכער. פֿון דער ווײַטנס האָב איך דערקענט רייזעלעס העפֿט, אַרומגעוויקלט מיט שוואַרצן פּאַפּיר. איך האָב גענומען בלעטערן — די זײַטלעך זענען געווען פֿאַרשריבן מיט אַ שיינעם קאַליגראַפֿישן כתב:

> „איך האָב קיינמאָל נישט פֿאַרלאַנגט און קיינמאָל נישט געטרוימט וועגן אַזעלכע זאַכן, וואָס געהערן נישט צו מיר. איך האָב נישט פֿאַרלאַנגט קיין פּריווילעגיעס און האָב נישט געוואָלט פֿאַרמאָגן מער ווי עס פֿאַרמאָגן אַנדערע. און דאָס, צו וואָס איך שטרעב, קומט מיר פּונקט אַזוי, ווי עס קומט יעדן אייַנציקן מענטש אויף דער וועלט: ברויט און וואַסער, לופֿט און זון. איך וויל עס זאָל קיינמאָל מער נישט זײַן קיין מלחמה און קיינער זאָל קיין שום קינד נישט באַרויבן פֿון זײַן קינהייט. איך וויל לעבן אין אַ וועלט, וווּ מען הרגעט נישט קיין קינדער און נישט קיין דערוואַקסענע. אין אַ וועלט, וווּ קיין שום קינד זאָל נישט פֿרעגן: „פֿאַרוואָס האָב איך נישט קיין טאַטן? פֿאַרוואָס האָב איך נישט קיין מאַמען?“.

איך האָב אַוועקגעלייגט רייזעלעס העפֿט און האָב געפֿילט, אַז איצט איז מײַן חוב זיך צו לאָזן לויפֿן צום וועג, וווּ עס שטייען נאָך אפֿשר די אויטאָס, לויפֿן און צונעמען רייזעלען, צונעמען זי פֿון דעם טראַנספּאָרט פֿון פֿאַרלוירענע און פֿאַראייִנזאַמטע קינדער, אָננעמען זי בײַ דער האַנט און צוזאַמען מיט איר פּרוּוון אויפֿדאָסנײַ בויען די חרובֿע שלעסער.

איך האָב אָבער געוווסט, אַז איך וועל עס נישט טאָן, ווייל עס איז נאָך נישט געקומען די צייט איך זאָל קאָנען אַזאַ זאַך טאָן. איך האָב גענומען רייזעלעס העפט און שטיל פאַרלאָזט די פוסטע, איינזאַמע שול. ווען איך בין געגאַנגען דורך דעם גאָרטן, האָב איך נאָך דערזען דעם לעצטן אויטאָמאָביל, וואָס איז אַקאָרשט אָפּגעפאָרן.

איך בין אַריינגעגאַנגען אין מיין צימער און באַהאַלטן רייזעלעס העפט אין רענצל, וווּ עס האָט זיך געפונען מיין אָרעמקייט.

כ'בין געגאַנגען ביים אָפענעם פענצטער, פון דער אָזערע האָט זיך געהויבן אַ גרויער נעפּל. אויפן הימל איז נישט געווען קיין ביסל בלויקייט. אַ גאַנצן טאָג בין איך געזעסן אין צימער. כ'האָב קיינעם נישט געוואָלט זען און מיט קיינעם נישט רעדן.

אינדערפרי האָט מיך באַזוכט דער פאַרוואַלטער.

— איך האָב געמיינט, אַז איר פילט זיך שלעכט — האָט ער זיך פאַרענטפערט — בין איך אַריינגעקומען. וואָס האָט איר בדעה צו טאָן?

— איך האָב נאָך וועגן דעם נישט געטראַכט.

— איך האָב געהערט, אַז אין דער פראַנצויזישער סטרעפע איז נאָך פאַראַן אַ יתומים־הויז. אויב איר ווילט, קאָן איך פאָרמעל עס דערלייזיקן. מיר וואָלטן דאָרט ווידער געקאָנט אַרבעטן צוזאַמען. פאַרוואָס זענט איר אַזוי פאַרחידושט? מיר וועלן ווידער אָנהייבן פון אָנהייב. איצט זע־נען מיר דאָך רייכער אין דערפאַרונג.

— ניין — האָב איך אָפּגעזאָגט — איך וויל נישט. איבעריקנס, בין איך דאָך נישט קיין לערער.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבן מיר. איך האָב דערפילט זיין האַנט אויף מיין אַקסל, און עס האָט זיך מיר אויסגעדאכט, אַז מיר זענען צוויי אַלטע גוטע פריינד.

— איך וויל איר זאָלט מיך אויסהערן און גוט פאַרשטיין — האָט ער געזאָגט — מיר זענען לערער, מיר האָבן אויף זיך גענומען דעם דאָ־זיקן שיינעם עול. אַ גוטער לערער האָט ליב די קינדער, אָבער ער בינדט זיך צו זיי נישט צו אויף אַזאַ אופן, ווי איר האָט עס געטאָן. איר האָט אייך צוגעבונדן דווקא צו די דאָזיקע קינדער, וואָס זענען דאָ געווען, אין דאָזיקן הויז. און דאָס, מיין ליבער, איז נישט ריכטיק. אַ ל ע קינדער, וועלכע מיר דערציען, זענען א ו נ ד ז ע ר ע. און אַלע גייען זיי פון אונדז אַוועק, דערנאָך קומען אַנדערע און אויך זיי פאַרלאָזן אונדז. זיי נעמען מיט דאָס, וואָס עס איז אונדז געלונגען זיי צוצואייגענען. אפשר

וועלן זיי אונדז געדענקען אַ חודש אָדער אַ יאָר, און אפשר — אַ גאַנץ לעבן. אויף אונדז אָבער וואַרטן אַנדערע קינדער — אַלע דאַרפן זיי אונדז אין דער זעלבער מאָס, אַלע וואַרטן זיי אויף אונדזער ליבע, און אַלע זענען ווערט אונדזער צוגעבונדנקייט.

דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט איז געווען לאָגיש. גערעכט איז ער געווען אין יעדן וואָרט, און דאָך...

— פאַרוואָס וואָגלט איר אין דער פרעמד? — האָב איך געפרעגט
— פאַרוואָס פאָרט איר נישט אין אייער גאַליציאַנער שטעטל?

ער איז געוואָרן אומעטיק.

— פאַרוואָס? — האָט ער זיך פאַרטראַכט — פאַרוואָס... איך וועל אייך ענטפערן. אויב עס זאָלן אַפילו נישט זיין קיין אַנדערע סיבות נאָר די דאָזיקע איינציקע. דאַרפט איר דאָס אויך פאַרשטיין. די דאָזיקע קינדער... די קינדער וואָס זענען דאָ געווען מיט אונדז, און אויך יענע, צו וועלכע איך וועל מיך אפשר אויסקלייבן — זיי וועלן איינגיכן פאַרגעסן אין אַלץ, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט אויף דעם אייראָפעישן קאָנטינענט. מען האָט זיי אָפגעטיילט פון אונדז, און אויך יענע צו וועלכע איך קלויב מיך, וועט מען אויך אָפטיילן, אַוועקפירן זיי וואָס ווייטער, בכדי זיי זאָלן זיך וואָס גיכער צופּאַסן צו זייער נייער היים, צו נייע מענטשן, צו נייע מנהגים. און אַלץ וואָס זיי לאָזן הינטער זיך וועט פאַרגעסן ווערן. און איך... און אפשר זענען נאָך אַנדערע אַזעלכע ווי איך... עס מוז דאָך זיין ווער, וואָס זאָל זיך אַנטקעגנשטעלן דער דאָזיקער פאַרגעסנקייט. איך וועל פאָרן אין דער פראָנצויזישער סטרעפע, אפשר וועט מען מיך דאָרט לאָזן אַרבעטן. און אפשר וועט מיין אַרבעט אָפּרוקן די פאַרגעסנקייט אויף אַ טאָג אָדער אויף אַ יאָר אין די געדאַנקען פון די דאָזיקע קינדער. איך וויל זיי לערנען ג ע ד ע נ ק ע ן. איך האָף, אַז איר האָט מיך פאַרשטאַנען.

אוודאי האָב איך אים פאַרשטאַנען.

— איך פאַרשטיי — האָב איך אים געענטפערט — איך געהער אויך צו די, וואָס קאָנען נישט פאַרגעסן. אַלץ דערמאָנט, דער הימל, די ערד...

— איר בענקט צו אייער אַלטער היים.

איך האָב אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— איר האָט געלייענט די הײַנטיקע צייטונג? — האָט ער געענדערט דעם שמועס.

— ניין, איך האָב נישט געגלייבט. נישט היינט און נישט נעכטן.

— און איך האָב היינט איבערגעלייענט אַ ידיעה, וועלכע האָט מיך אויפגערעגט. איינער פון די אַלטע כאַדעקישע אָנפירער פון דייטשלאַנד האָט דערקלערט אין אַן אינטערוויו, אַז אין צען יאָר אַרום וועט דייטשלאַנד האָבן די שטאַרקסטע אַרמיי אין דער וועלט.

— נאַרישקייטן — האָב איך אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — קיינער וועט זיי דערויף נישט דערלויבן.

— איך מיין אויך דאָס זעלבע. אָבער ווי אַזוי עס זאָל נישט זיין... עס באַאומרואיקט מיך. ווער ווייסט? אין צען יאָר אַרום קאָן זיך פיל ענדערן.

— קיינמאָל — האָב איך געזאָגט מיט איבערצייגונג — כל זמן עס לעבט אונדזער דור, וועט דייטשלאַנד נישט האָבן קיין אַרמיי. צי האַלט איר פאַר מעגלעך, אַז עס זאָל בכלל נאָך ווען עס איז זיין אַ מלחמה?

— איך רעד נישט וועגן אַ מלחמה. דאָס דראָט אונדז נישט. אַ שאָד, וואָס איר לייענט נישט קיין צייטונגען. אויף דער גאַנצער וועלט קומען פאָר גרויסע מאַניפעסטאַציעס פאַר שלום. מענטשן פּראָטעסטירן קעגן וואַרפן אַן אַטאָם־באָמבע איבער יאַפּאַן. אין פּאַריז קומט זיך צונויף אַ וועלט־קאָנגרעס פון שלום־פּאַרטיידיקער. עס וועט זיין אַ גרויסער כוח קעגן יעטוועדן געדאַנק וועגן מלחמה. דאָס מוז דאָך האָבן אַ גרויסע באַדייטונג.

ער האָט גערעדט איבערצייגעוודיק און איך בין אים געווען דאַנקבאַר פאַר יעדער וואָרט.

עמעץ האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. עס איז אַריינגעקומען אירענע.

— איך זע, אַז עס האָט זיך צעבליט אַ נייע פריינדשאַפט — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכל — עס פרייט מיך זייער, ווען איך זע אייך צוזאַמען.

— מיין טייערע — האָט געזאָגט דער אַלטער לערער — אויף מיין שרייבטיש שטייט אַ פלעשל וויין. ווען דו וואָלסט אַזוי גוט געווען....

אירענע האָט אַריינגעבראַכט דעם וויין און גלעזלעך.

— מיר וועלן טרינקען פאַר דער צוקונפט פון אַלע וואָגלער — האָט געזאָגט אירענע.

זי איז געווען אין אַ לוסטיקער שטימונג און אויך אונדז האָט זי מיט דער דאָזיקער שטימונג אָנגעשטעקט.

„ווי שיין זי איז — האָב איך געטראַכט — נאָר איין מאָל ווען איך קאָן זי צודרוקן צו זיך און קושן...“

אָבער איך האָב געוווּסט, אַז עס וועט שוין קיינמאָל נישט געשען.

— ווי מאָדנע דאָס איז — האָט זי געזאָגט — עס איז דער ערשטער טאָג פון אונדזער אורלויב, און שוין ווייסן מיר נישט וואָס מיט זיך צו טאָן.

— מיר קאָנען גיין שפּאַצירן — האָט געזאָגט דער פּאַראַוואַלטער - עס רעגנט שוין נישט און עס שנייט נישט, דער הימל האָט זיך אויסגעלויטערט.

— איך וועל דיר ברענגען דעם מאַנטל, אַדאָלף. און איר דאַרפט אייך אויך אָנטאָן וואַרעם. די דאָזיקע לופט איז אַ פאַרעטערישע.

ווען מיר זענען אַרויס אויף דער שוועל האָט אונדז פאַרבלענדט די זון.

— ענדלעך — האָב איך געטראַכט — ענדלעך אַ ביסל וואַרעמקייט.

איך האָב צוגעמאַכט די אויגן און האָב געשמייכלט. איך האָב זיך געפרייט מיט דעם געדאַנק, אַז איך לעב, און אַז איינגיכן וועט קומען דער פרילינג.

דער נביא פון סדום

פערזאָנען:

דער נביא
דער נייטראַלער
דער פאַרפאָלגטער
לוט
לוטס טאָכטער
ערשטער פּאָליציאַנט
צווייטער פּאָליציאַנט
דינער פון האָטעל

שפּעט אין דער נאַכט אויף די גאַסן פון דער שטאָט סדום וואַנדערט אַ הײמלאָזער נביא. ער איז אָקאָרשט אָנגעקומען און זוכט אַן אַכסניה. אויף די גאַסן זעט מען נישט קיין דורכגייער, בלויז די אויטאָס פאָרן פאַרבײ אין גרויס אײלעניש. ווען דער זײגער אויפן ראָטהויז שלאָגט צוועלף מאָל, פאַרהאַלט זיך דער נביא און קלאַפּט אין די פאַרמאַכטע טויערן פון אַ הויז, אין וועלכן עס וווינט דער נייטראַלער.

נייטראַלער:

וועער איז דאָרט? וועער קלאַפּט עס אַזוי אין דער נאַכט, ווען מענטשן געניסן פון אָפּרו און שלאָף?

דער נביא:

דאָס בין איך.

נייטראַלער:

איך... איך... אויך מיר אַן ענטפער. (ער עפנט די טיר) דאָס קאָן דאָך יעדער אײנער זאָגן. אַ מלך זאָגט וועגן זיך „איך“ און אַ בעט־לער זאָגט אויך וועגן זיך „איך“. אַפילו גאָט זאָגט אויך אַזוי וועגן

זיך. און איך אַליין זאָג אויך אַזוי, אָבער צי איז דען פון דעם גע־דרונגען ווער איך בין? נו, קום שוין אַריין, קום, ביזט נעבעך דורכ־געגעצט ווי אַ היימלאָזער הונט.

דער נביא:

(אַריינקומענדיק) אָ, ווי גוט דאָ איז... ווי וואַרעם... אַ דאַנק דיר, גוטער מענטש...

נייטראַלער:

האָסט נישט פאַר וואָס צו דאַנקען. דערוואַרעמען זיך קאָנסטו ביי מיר שטענדיק. פאַרוואָס דען נישט? אויב דו ביסט נישט פּאָליטיש פאַרדעכטיקט... ווייל דאָס מוז איך דיר זאָגן: אין פּאָליטיק־זאַכן מיש איך זיך נישט. איך בין נייטראַל.

דער נביא:

נייטראַל?

נייטראַלער:

יאָ, נייטראַל. און דו ווער ביזט? אין די היינטיקע צייטן מוז מען וויסן וועמען מען לאָזט איבער דער שוועל. וויאַזוי הייסט דו און פון וואַנעט קומסטו?

דער נביא:

מען רופט מיך נביא און קומען קום איך פון דאָרט...

נייטראַלער:

אַ מאָדנער נאָמען... וועסט זיך מוזן מעלדן אין אַרבעטספּראַנט. און איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען קיין מענטש, וואָס זאָל קומען פון ד אָ ר ט. לאַנג ביסטו דאָרט געווען?

דער נביא:

לאַנג.

נייטראַלער:

נעבעך. עס איז מיר זייער פיינלעך, אָבער אויב דו ביסט דער, וואָס איז געקומען פון ד אָ ר ט, וועסטו ביי מיר נישט קאָנען נעכטיקן. אויב עס וועט ווער געוווויר ווערן, אַז דו ביזט ביי מיר, זענען מיר ביידע הם ושלום פאַרלוירן.

דער נביא:

איך פאַרשטיי נישט. פאַרוואָס זענען מיר פאַרלוירן?

נייטראַלער:

עס איז נאָך פאַראַן אַ סך זאַכן, וואָס דו פאַרשטייסט נישט. האָט דיך קיינער נישט געזען אויף דער גאַס?

דער נביא:

ניין. קיינער האָט מיך נישט געזען. עס רעגנט, די גאַסן זענען פּוסט. נאָר די רייטוועגן פליען פאַרביי מיט אַ גרויסער שנעלקייט און פון אונטער זייערע רעדער שפּריצט די בלאָטע.

נייטראַלער:

רייטוועגן? וואָס פאַרא רייטוועגן?

דער נביא:

נו, די דאָזיקע רייטוועגענער אייערע, וואָס פאָרן אָן פערד.

נייטראַלער:

מאָרגנע ווערטער הער איך פון דיין מויל.

דער נביא:

זיי מוחל... איך בין אַ מענטש פון די אַלטע צייטן.

נייטראַלער:

דאָס זענען נישט קיין רייטוועגענער. דאָס זענען אויטאָס. דאָס זענען פּאָליצייאישע אויטאָס, ווייל נאָר פּאָליציאַנטן געפינען זיך אויף דער גאַס אַזוי שפּעט אין דער נאַכט.

דער נביא:

(חזרט איבער דאָס וואָרט, וואָס איז אים פרעמד און אומבאַקאַנט) פּאָליציאַנטן?!

נייטראַלער:

קרימינאַלפּאָליציי... שוצפּאָליציי... זיכערהייטספּאָליציי... זיי לויפן אַרום ווי פאַרסמטע מייז און זוכן איינעם אַ רעוואָלוציאָנער. און אפשר... אפשר ביזטו דאָס איינער פון יענע, וואָס זוכן דעם פאַר־דעכטיקטן? און איך האָב געמיינט אַז איר זענט באמת אַ מענטש פון ד אָ ר ט און איך האָב שוין אַפילו געוואָלט טעלעפאָנירן צו איינעם אַ באַקאַנטן שטורמפירער. אַ קאָמישע סיטואַציע? הא? אָבער איך קאָן אייך פאַרזיכערן, אַז ביי אונדז איז קיינער נישטאָ. איך בין אַ לאָיאַלער בירגער, מענדעלסאָנס מוזיק האָס איך, היינעס לידער האָב איך פאַרברענט, און אויף ווינטערהילפע האָב איך גע־

געבן וויפל מען האָט פון מיר פאַרלאַנגט. איך שווער ביי מיינע גרויע האָר, איר קאָנט מיר גלייבן, איר מוזט מיר גלייבן — איך בין נישט קעגן דער מאַכט, איך האָב זיך קיינמאָל נישט פאַרנומען מיט פּאָליטיק...

דער נביא:

(לאָזט זיך גיין צו דער טיר) גאָט איז מיט דיר, מיין אָרעמער אומגליקלעכער פריינט.

נייטראַלער:

דער דאָזיקער מענטש גייט דאָך אין סאַנדאַלן... אפשר איז ער אַן אמתדיקער נביא? וואַרט! אַנטלויף נישט! איצט ווייס איך שוין ווער דו ביזט. דו ביזט אַ נביא. זאָג מיר בלויז, צי דיינע פּאַפּירן זענען אין אָרדענונג.

דער נביא:

(פאַרשטייט נישט) פּאַפּירן, זאָגסטו... וואָסערע פּאַפּירן?

נייטראַלער:

וואָס הייסט וואָסערע? אַלע פּאַפּירן, וואָס אַ מענטש דאַרף האָבן. אַ מעטריקע, אַ בעצוגשיין. אַ הייראַטסשיין. אַן אַרבייטסשיין. אַ פּאַ־סירשיין.

דער נביא:

איך האָב נישט קיין שום פּאַפּירן. איך בין אַ נביא.

נייטראַלער:

הער אויף איבערצוחזרן, אַז דו ביזט אַ נביא. עס וועט נאָך ווער הערן און דעמלט וועט דיר נישט אויסמיידן דער קאָנצענטראַציע־לאַגער. און דאָרט איז נישט פויגלדיק פאַר אַזעלכע מענטשן ווי דו.

"ער נביא:

ווי צו דער וועלט, דורך וועלכער אַ נביא קאָן נישט דורכגיין מיט אַ געהויבענעם קאָפּ.

נייטראַלער:

זאָג מיר דעם אמת. זאָג מיר, צוליב וואָס ביזטו אַהער געקומען?

דער נביא:

עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז עמיץ רופט מיך. עס איז געווען זייער טונקל, איך האָב געהערט געשרייען, איך האָב געהערט אַ געוויין

און איך בין געקומען, בכדי צו העלפֿן יענע אומגליקלעכע, וואָס האָבן אַזוי ביטער געוויינט. אָבער קיין איינציקן פֿון זיי איז מיר נישט געלונגען צו באַגעגענען. די גאַסן זענען פּוסט, די טויערן פֿון די הייזער זענען פֿאַרשלאָסן און פֿיל פֿענצטער זענען פֿאַרשלאָגן מיט ברעטער. אפשר בין איך געקומען צו שפּעט? אפשר בין איך געקומען נישט נייטיק?

נייטראַלער:

און דו האָסט אָנגעקלאַפּט צו מיר. פֿאַרוואָס גראָד צו מיר?

דער נביא:

דאָס האָט מיר מיין האַרץ אונטערגעזאָגט: אָט דאָ וווינט דער גערעכטער, דער גערעכטער, וועלכער געהער נישט צו ז יי...

נייטראַלער:

איך געהער נישט צו קיינעם. איך גיי נישט לינקס און איך גיי נישט רעכטס. איך בין געווען נייטראַל, איך בין נייטראַל, איך וועל זיין נייטראַל. איך ווייס: קומען וועט דער טאָג, ווען ס'וועט פֿאַלן די שטאָט סדום און אין אַש און פֿראָך וועט זיך פֿאַרוואַנדלען איר מאַכט. און איך וועל שטענדיק זיין נייטראַל און קיינער וועט מיר נישט קענען פֿאָרוואַרפֿן, אַז איך האָב געזינדיקט. און ווען עס זאָל אַפֿילו צען מאָל זיך ענדערן די ממשלה אין דער שטאָט, וועט מיך קיינער נישט קאָנען באַשולדיקן. איך האָב אַ רואיק האַרץ און אַ ריין געוויסן. קיינעם העלף איך נישט און קיינעם ברענג איך נישט קיין שאָדן.

דער נביא:

גאָט, זיי אים מוחל...

נייטראַלער:

צוריק געשמועסט, איז עס געווען זייער אַן איידעלער איינפֿאַל פֿון דיין זייט. אָבער ווען איז עס געווען נייטיק? ביסט געקומען פֿ ו ן ד אָ ר ט בכדי צו העלפֿן יענע מענטשן, וואָס וויינען. און ביי אונדז, קאָן איך דיר זאָגן, וויינט קיינער נישט. דער געוויין, וואָס דו האָסט געהערט, האָט געקאָנט זיין נישט מער ווי אַ פֿאַרבלאָנקעטער קלאַנג, אַ פֿאַרשפּעטיקטער ווידער־קול, אַן עכאָ. אין אונדזערע ציימן וואָלט קיינער נישט געוואַגט צו וויינען.

דער נביא:

אַ מאָדנע זאַך הער איך. אַמאָל זענען דאָך אין דער דאָזיקער שטאָט געווען אַ סך וויינענדיקע מענטשן.

נייטראַלער:

געווען, אָבער מען האָט זיך מיט זיי אַן עצה געגעבן. אונדזער זיכערהייטסדינסט האָט גענומען אין געפאַנגענשאַפט אַלע וויינענדיקע. מען האָט זיי אָפּגעהאַקט די קעפּ, מען האָט זיי אויסגעשטאָכן די אויגן און אַ טייל האָט מען באַזעצט אין די לאַגערן. איז עס נישט געווען געניאַל?

דער נביא:

(מיט טרויער) געניאַל.

נייטראַלער:

אויף אַזאַ אופן זענען אין סדום פאַרבליבן בלויז מענטשן צופרידענע.

דער נביא:

צופרידענע? פון וואָס זענען זיי צופרידן?

נייטראַלער:

ווייס איך? פון פיל זאַכן. צום ביישפּיל — ווען מע האַקט עמיצן אָפּ דעם קאָפּ און אונדזער אייגענער קאָפּ זיצט נאָך אויף די פּלייצעס, איז עס דען נישט קיין סיבה צו זיין צופרידן און גליקלעך?

(עמיץ קלאַפּט אָן אין דער טיר)

נייטראַלער:

לאָמיר האָפן, אַז עס איז נישט די פּאָליציי. (עפנט די טיר).

דער פאַלפאָלגטער:

(אַריינקומענדיק) גוטנאָוונט!

נייטראַלער:

ווער ביזטו? איך דערקאָן דיך נישט.

דער פאַרפאָלגטער:

דאָס בין איך, דער לעצטער פון די פאַרפאָלגטע.

נייטראַלער:

דו? דו לעבסט נאָך? קום זשע נענטער, אויב דו ביזט שוין דאָ. דערצייל אונדז, וויאַזוי איז עס דיר געלונגען אויסצומיידן דעם טויט.

דער פאַרפאָלגטער:

מיט גאָטס הילף.

נייטראַלער:

אמת. האָסטו געזאָגט. אַלץ טוט זיך מיט גאָטס הילף און אונטער זיין השגחה. זעט זיך. איין זאַך קאָן מען נישט פאַרלייקענען: איר מענטשן ווייַנענדיקע און פאַרפאָלגטע, איר זענט שטאַרק ווי אייזן. ווער וואָלט זיך עס געקאָנט ריכטן, אַז נאָך אַזויפיל אַקציעס און נאָך אַזויפיל יאָרן, ווען איך האָב שוין באַוויזן אָפּצוזאָגן תפילה פאַר דיין זינדיקער נשמה — האָסטו זיך פּלוצים באַוויזן און אָנגעקלאַפּט אין מיין טיר, און געטאָן האָסטו עס פונקט צו האַלבער נאַכט, ווי דו וואָלסט אויפגעשטאַנען תחית המתים.

דער פאַרפאָלגטער:

אַלץ איז אין גאָטס הענט, אַלץ און אויך מיר אַלע — די פאַרפאָל-גער און די פאַרפאָלגטע.

נייטראַלער:

האָט דיך קיינער נישט געזען אויף דער גאַס?

דער פאַרפאָלגטער:

קיינער. עס רעגנט און די גאַסן זענען פוסט. נאָר די אויטאָס פאָרן אַרום מיט דער גרעסטער געשווינדקייט. האָ, האָ... אַזעלכע אויטאָס וועט איר אינערגעץ אויף דער וועלט נישט געפינען.

נייטראַלער:

עס פרייט מיך זייער, וואָס דו ביסט שטאָלץ פון אונדזער נאַציאָ-נאַלער טעכניק. דו ביסט שטענדיק געווען אַ גוטער פּאַטריאָט און האָסט געהאַט שאַנסן צו לעבן אין פרידן און אין נייטראַלקייט. ביזט באַגאַנגען אַ פעלער מיט דיין אַריינמישן זיך אין דער גרויזאַמקייט פון די ווייַנענדיקע.

דער פאַרפאָלגטער:

נישט איך האָב מיך אַריינגעמישט, דאָס האָט געטאָן איינער פון מיינע אבות, עס איז געשען מיט פיל יאָרן צוריק.

נייטראַלער:

וואָס איז דען דער אונטערשייד, ווען עס איז געשען. און ווער עס האָט געזינדיקט?

דער פאַרפאָלגטער:

דו ווייסט דאָך, אַז מיר זענען אומשולדיק.

נייטראַלער:

אומשולד איז ביי אונדז די גרעסטע זינד. ווי צו די אומשולדיקע.

דער פאַרפאָלגטער:

כ׳האָב געהערט, אַז עס געפינט זיך ביי דיר אַ נביא.

נייטראַלער:

אַ נביא, זאָגסטו?

דער פאַרפאָלגטער:

מען זאָגט, אַז ער איז געקומען פון ד אָ ר ט...

דער נביא:

(דערנעענטערנדיק זיך) דאָס בין איך.

דער פאַרפאָלגטער:

זיי געגריסט, הייליקער מאַן.

דער נביא:

גאָט איז מיט דיר.

נייטראַלער:

אַ מענטש, וועלכער רעדט מיט זיך אַליין, איז אַ משוגענער.
אַ מענטש, וועלכער רעדט מיט זיין חבר, דאַרף זיין פּאַרזיכטיק.
אָבער דעמלט ווען עס טרעפן זיך אַזש דריי מענער און פירן אַ שמו-
עס, דעמלט אַנטשטייען שלעכטע געדאַנקען, פאַרבאָטענע רייד און
געפערלעכע פאַרשווערונגען.

דער פאַרפאָלגטער:

ווילסטו, הייסט עס, איך זאָל אַוועקגיין.

דער נביא:

טרייבסט אונדז אַרויס?

נייטראַלער:

איך בין נייטראַל, איך פאַרנעם זיך נישט מיט קיין פּאָליטיק. איך
וואַרט נישט אויף קיין שום זאַך, איך וויל האָבן אַ רואיקע נאַכט,

איך וויל רואיק פארדייען. איר פארשטייט מיך נישט? איך האָב ליב בלומען. בלומען זענען שיין און ריין. ביינאַכט, ווען די שטאָט שלאָפט, עפן איך די פענצטער און איך קוק אויף מיין גאָרטן — אין שיין פון דער לבנה זעט ער אויס ווי פארכישופט, און די רויזן שמעקן אַזוי זיס, אַזוי זיס... ניין, דאָס קאָנט איר נישט פארשטיין, דאָס קאָן קיינער נישט פארשטיין. בלומען זענען אומשולדיק. און די פּאָליטיק? אַ שמוציקע זאַך.

דער פאַרפאָלגטער:

ביסט אַן אָפּאָרטוניסט. אָט טאַקע דורך אַזעלכע ווי דו זענען י ע נ ע דערגאַנגען צו דער מאַכט.

נייטראַלער:

ווער עס איז ביי דער מאַכט, דעם מוז מען הערן. אַן מאַכט קאָן מען דאָך נישט לעבן. אַפילו גאָט איז אויף דער זייט פון די, וואָס האָבן די מאַכט.

דער נביא:

גאָט איז מיט די הערשער. אָבער ווער איז מיט די אונטערטעניקע?

נייטראַלער:

דאָס ווייס איך נישט. איך ווייס אָבער, אַז באַלד וועט אָנהויבן צו טאָגן און איך וויל נישט, איר זאָלט פון דאַנען אַרויסגיין ביים טאָגליכט. איר ווילט דאָך מיך נישט קאָמפּראָמיטירן?

דער נביא:

מיר וועלן דיך נישט קאָמפּראָמיטירן. מיר וועלן אַוועקגיין. פאַר־בלייב בשלום און זאָל גאָט זיך מרחם זיין איבער דיר.

נייטראַלער:

אויף ווידערזען. געדענקט, אַז איך בין געווען נייטראַל. איך האָב אייך נישט געשאַדט. ווען עס וועט קומען י ע נ ע ר ט אָ ג, זאָלט איר עס געדענקען.

דער פאַרפאָלגטער:

זייַ געזונט...

דער פאַרפאָלגטער און דער נביא:

(אָפּ).

בילד 2.

(ביינאַכט אויף די פוסטע גאַסן פון דער שטאָט סדום)

דער נביא:

ביזטו עס דער מענטש, וועלכער האָט מיך גערופן: איך האָב באַלד דערקאָנט דיין שטימע. יאָ, דו האָסט עס אַזוי שרעקלעך געוויינט, דאָס איז געווען אַ געוויין פון אַן איינזאַמען מענטש, און טרערן פון איינזאַמע, נעמען שטענדיק דורך און זענען הייס ווי אַ פלאַם. אַ מאָדנע קראַפט האָבן אַזעלכע טרערן.

דער פאַרפאָלגטער:

נישט וועגן זיך האָב איך געוויינט. ווי לאַנג קאָן דען אַ מענטש וויינען איבער זיך אַליין און רחמנות האָבן אויף זיך אַליין? ניין, נישט איבער זיך האָב איך געוויינט. איך האָב געוויינט איבער אַ יונג נפש, אַ יונג מיידל איז עס געווען, אַ באַרעמהערציק קינד...

דער נביא:

דיין טאָכטער?

דער פאַרפאָלגטער:

ניין. דאָס איז געווען אַ טאָכטער פון איינעם אַ היגן מיוחס. אַן איידעלע און נישט דערפאַרענע. איך האָב זי געקאָנט נאָך אין יענע יאָרן פאַר דעם גרויסן משוגעת. דעמאָלט זענען נאָך אירע עלטערן געווען מיינע פריינט. און שפעטער, ווען עס האָט איבער מיר אָנגעהויבן צו ווירקן די קללה, האָט דאָס דאָזיקע מיידל זיך מרחם געווען איבער מיר און זי האָט מיר געבראַכט אַ שטיקל ברויט און אַ גלאָז האָניק. און ווען זי האָט פאַרלאָזט מיין מעלינע, האָט איר באַגעגנט איר אייגענער ברודער און האָט זי געהייסן אַרעסטירן. מען האָט זי געפייניקט אַזוי לאַנג, ביז זי האָט זיך מודה געווען. זי האָט דערציילט, אַז זי האָט געוואָלט ראַטעווען אַ מענטשן פון הונגער. דעמאָלט האָט מען פון איר אַראָפּגעריסן די קליידער, אַ נאַקעטע האָט מען זי געבונדן, איר אומשולדיק יונג לייב האָט מען אויסגעשמירט מיט האָניק און געוואָרפן אין סאָד אַריין, וווּ עס זענען געווען בינשטאָקן. דער טאָג איז געווען אַ הייסער. אַ זונִיקער, די בינען האָבן זיך געריסן אין דער זון, גיך האָבן זיי באַזעצט דעם קערפּער פון

דער אומגליקלעכער און האָבן איבערגעלאָזט דעם גיפט זייערן אין איר לייב. דער הימל איז געווען אַ לויטערער און בלויער און די באַלעבאַטים פון דער שטאָט סדום זענען געזעסן אויף זייערע באַלקאָנען און האָבן געטרונקען קאַלט ביר. אין יענעם טאָג האָב איך זייער געוויינט און כ'האָב זייער געוואָלט, עס זאָל ווער קומען פון ד אָ ר ט... זיי מיר מוחל, וואָס איך האָב דיך מטריח געווען. איך ווייס ווי שווער עס איז צו רייזן אין די היינטיקע צייטן.

דער נביא:

נעם זיך נישט איבער. פריער צי שפּעטער האָב איך דאָך געמוזט קומען, בכדי אויף די אייגענע אויגן זיך איבערצייגן וואָס דאָ קומט פאָר.

דער פאַרפאָלגטער:

וואָס דאָ קומט פאָר... וויאַזוי זאָל איך דיר געבן צו פאַרשטיין, וואָס דאָ קומט פאָר? וויאַזוי זאָל איך עס דיר אויפקלערן? ביז צו אונדזערע צייטן איז די וועלט געשטאַנען אויף דעם פּרינציפּ פון קאָנטראַסטן: עס איז געווען טאָג און עס איז געווען נאַכט, עס איז געווען איידלקייט און עס איז געווען נידערטרעכטיקייט. שלעכטע האָט מען פאַראורטיילט, אָדער מינדעסטנס געמשפּט. אַנטקעגן די שלעכטע מענטשן זענען געשטאַנען די גוטע. וויפיל גוטע זענען געווען? ווער קאָן עס וויסן? איבעריקנס — עס איז נישט וויכטיק געווען זייער צאָל, גוטסקייט לאָזט זיך נישט מעסטן מיט ציפערן. מיר פלעגן זאָגן: דעמלט וועט די וועלט זיין גליקלעך, ווען אַלע מענטשן וועלן זיין גוט. און דערווייל איז אויפגעשטאַנען אין סדום אַ נייער פירער און ער האָט געזאָגט, אַז גליק קאָן מען געפינען בלויז אָננעמענדיק דעם פּראָגראַם זיינעם, דעם אכזריותדיקן פּראָגראַם, וואָס האָט פאַרוואַנדלט די וועלט אין אַ בלוטיקער יאַטקע. עס זענען אויפגעקומען נייע געזעצן און לויט די דאָזיקע געזעצן האָט מען אומגעבראַכט אַלע גוטע מענטשן. אַזוי־אַרום זענען פאַרבליבן בלויז די שלעכטע. שלעכטיקייט האָט אויפגעהערט צו זיין אַ פאַרברעכן. עס האָט אויסגעפעלט דער קעגנזאַץ פון שלעכטס. עס האָבן זיך געענדערט די מנהגים און די קאָדעקסן. עס איז נישט פאַרבאָטן צו הרגענען אַ מענטש. פאַרבאָטן איז צו שענקען דעם הונגעריקן אַ ביסן ברויט. מענטשן פון סדום געוויינען זיך ביסלעכווייז צו

צו דעם דאָזיקן צושטאַנד, זיי טרינקען ביר און פאַרזיכערן איינער דעם צווייטן, אַז זיי זענען זייער צופרידן.

דער נביא:

זענען זיי באמת צופרידן?

דער פאַרפאָלגטער:

די אומצופרידענע האָט מען אומגעבראַכט. מען האָט זיי ליקווידירט צוזאַמען מיט די ייִדן, מיט די ליבעראַלן און מיט די קאָמוניסטן.

דער נביא:

מיין ליבער, איך מיין, אַז דו טרייבסט איבער. איז דען מעגלעך, אַז אין אַזאַ שיינער שטאָט זאָל זיך נישט געפינען קיין איין גערעכטער? קיין איין אומשולדיקער? און דו? דו ביסט דאָך אַ גוטער מענטש, איך דערקען עס אין דיינע אויגן.

דער פאַרפאָלגטער:

רעד נישט אַזוי הויך. איך רעכן זיך נישט. איך בין דאָך איינער פון די פאַרפאָלגטע. איך בין נישט מער ווי אַן עמיגראַנט פון גאַליציע, וועלכער האָט זיך דאָ אַמאָל מיט יאָרן צוריק באַזעצט און געאַרבעט לטובת דער מדינה סדום. איך בין אַ מענטש פון אַ נידעריקער ראַסע.

(עס הערט זיך דאָס קרייען פון הענער)

דער נביא:

הערסט, מיין פריינד? באַלד וועט שוין אָנהייבן טאָגן. אפשר וועלן מיר אַריינגיין ערגעץ אין אַן אכסניה... אָט זע איך אַ שיינעם האָטעל.

דער פאַרפאָלגטער:

ניטע! וואַג נישט!

דער נביא:

פאַרוואָס? אַזאַ שיינע אכסניה. און אַזוי שיין הייסט זי: „האָטעל בבל" — אַ היסטאָרישער נאָמען. לאָמיר אַריינגיין, איך וויל אָפּוואַשן דעם שטויב פון מיינע פיס. איך בין שוין דריי טעג אונטערוועגנס. מיד בין איך.

דער פאַרפאָלגטער:

איך וואָרן דיך. אין דעם דאָזיקן האָטעל ביזטו נישט זיכער מיטן לעבן.

דער נביא:

זיי רואיק. מיין שעה האָט נאָך נישט געשלאָגן. איך בין אַ נביא.

דער פֿאַרפֿאָלגטער:

ווו וועלן מיר זיך מאָרגן טרעפֿן, רבי?

דער נביא:

מאָרגן פֿאַרנאַכט וועל איך אויף דיר וואַרטן ביי לוטן.

דער פֿאַרפֿאָלגטער:

איך וועל קומען, אַ הייליקער.

דער נביא:

זאָל דיך גאָט באַשיצן און באַהיטן.

(דער נביא גייט אַריין אין דער אכסניה, ביי דער טיר באַגעגנט אים דער משרת פֿון האָטעל)

משרת:

איר האָט אַ באַשטעלטן צימער? ווער זענט איר?

דער נביא:

איך קום פֿון ד אָ ר ט.

משרת:

זייער אינטערעסאַנט. קיינמאָל האָב איך נאָך נישט געזען קיין מענטש פֿון דאָרט. דערלויבט, איך וועל אייך צופֿירן צום צימער. אַ שיינער צימער מיט אַ בית הכסא און מיט וואַרעם וואַסער.

(פֿירט אים צום צימער)

משרת:

ביטע.

דער נביא:

דאַנקע.

משרת:

הייל־באָם! אַ גוטע נאַכט ווינטש איך אייך.

(דער משרת פֿאַרשווינדט, עס באַווייזן זיך צוויי פּאָליציאַנטן, זיי קלאַפּן אָן און גייען אַריין אין צימער פֿון נביא)

ערשטער פּאָליציאַנט:

הייל־באָם! מיר זענען געקומען ווינטשן אייך אַ גוטע נאַכט. לייגט

אייך, זייט מוחל, אין בעט אַריין. מיר מוזן זען, צי דאָס געלעגער איז אויף אייער מאָס.

צווייטער פּאַליציאַנט

אויב דאָס בעט וועט זיין צו קורץ, וועלן מיר אייך די פיס אָפּהאַקן.

ערשטער פּאַליציאַנט:

אויב עס וועט זיין צו לאַנג, וועלן מיר אייך די ביינער אויסציען מיט אַ ספּעציעלער מאַשין.

דער נביא:

איך בין געקומען פון ד אָ ר ט!

ערשטער פּאַליציאַנט:

דאָס האָבן מיר נישט געוווסט. זייט מוחל, אויב איר זענט אַן אויסלענדער, וועלן מיר פאַרשטייט זיך, מאַכן פאַר אייך אַן אויסנאַם.

צווייטער פּאַליציאַנט

זייט מוחל. מיר ווינטשן אייך אַ גוטע נאַכט.

בילד 3

(אין קאָרידאָר פון לוטס ווינונג. ביי אַ טישל זיצן די צוויי פּאַליציאַנטן.)

ערשטער פּאַליציאַנט:

דאָס זיצפליייש טוט מיר שוין וויי פון זיצן. מיינסטו, אַז דער דאָזיקער פאַרשווין וועט דאָ קומען? דער דאָזיקער פאַרדריפּעטער נביא?

צווייטער פּאַליציאַנט

אַזוי האָבן איבערגעגעבן אונדזערע קאָנפידענטן. ער האָט זיך אָפּגעשמועסט מיט איינעם אַ פאַרשווערער, זיי וועלן זיך דאָ באַגעגענען.

ערשטער פּאַליציאַנט:

ווער איז דער פאַרשווערער? איז עס דער לעצטער פון די פאַרפאַלגטע?

צווייטער פּאַליציאַנט

יאָ.

ערשטער פּאָליציאַנט:

אייגנטלעך פאַרשטיי איך נישט, פאַרוואָס מיר מאָרן דעם דאָזיקן נביא נישט אַרעסטירן?

צווייטער פּאָליציאַנט

ער איז געקומען פון ד אָ ר ט.

ערשטער פּאָליציאַנט:

איז וואָס? לויט מיין מיינונג...

צווייטער פּאָליציאַנט

זינט ווען האָסטו עס אַ מיינונג? די שנאַוצע האַלטען אונד ווייטער מאַכען! פערשטאַנדען?

ערשטער פּאָליציאַנט:

האַלט ס'מויל! דאַכט זיך, אַז דאָס איז ער...

דער נביא:

(קומט אָן) פרידן צו אייך...

צווייטער פּאָליציאַנט

פאַרשאָלטענער פּאַציפיסט!

ערשטער פּאָליציאַנט:

הייל־באָם!

דער נביא:

ווו איז לוט, דער אייגנטימער פון דעם דאָזיקן הויז?

ערשטער פּאָליציאַנט:

ער זיצט ביי זיך אין קאַבינעט.

דער נביא:

איך וויל אים באַזוכן

צווייטער פּאָליציאַנט

די צווייטע טיר אויף לינקס.

דער נביא:

(גייט לאַנגזאַם אין דער ריכטונג פון לוטס קאַבינעט)

ערשטער פּאָליציאַנט:

אַלץ איז אין אָרדענונג. אין לוטס צימער איז איינגעמאָנטירט אַ מי־קראָפאָן. מיר וועלן הערן יעדעס וואָרט.

דער נביא:

(קלאַפּט אָן)

לוטס טאָכטער:

אַנטרע!

דער נביא:

זײַ באַגריסט, טאָכטער!

לוטס טאָכטער:

זײַ געגריסט, פּעטערל!

דער נביא:

איך וויל זיך זען מיט לוטן.

לוטס טאָכטער:

איך בין לוטס טאָכטער.

דער נביא:

וווּ איז דײַן טאַטע?

לוטס טאָכטער:

ער שיכורט, ווי געוויינלעך. און ווער זענט איר?

דער נביא:

איך בין געקומען פֿון ד אָ ר ט.

לוטס טאָכטער:

(צעלאַכט זיך) פֿון ד אָ ר ט? דאָס קאָן דאָך יעדער איינציקער בעטלער זאָגן. דאָס דאַרף מען אָבער קאָנען באַווײַזן. באַווײַז אַ נס פּעטערל, וועל איך ווײסן, אַז דו קומסט פֿון ד אָ ר ט.

דער נביא:

איך וועל פּרוּוון. ווער איז דער דאָזיקער מענטש, וואָס זײַן בילד הענגט דאָ אויף דער וואַנט, אויף אַזאַ בכבודיק אָרט?

לוטס טאָכטער:

דאָס איז אונדזער פֿירער, דער מלך פֿון סדום.

דער נביא:

ווילסטו ער זאָל צו דיר רעדן?

לוטס טאָכטער:

אָ, דאָס וואָלט געווען פֿאַר מיר אַ גרויסער כבוד, מײַנע שוועסטער וואָלטן צעזעצט געוואָרן פֿאַר קנאה.

דער נביא:

(צום בילד) נו, דוראַק! רעד עפּעס!

דאָס בילד:

הייל־באָם! הייל־באָם! הייל־באָם! הייל־באָם! הייל...

דער נביא:

גענוג!

לוטס טאָכטער:

ער האָט אַזאַ שיינע מענערישע שטימע...

לוט:

(קומט אָן) ווער שרייט דאָס אַזוי? אַ גאַנצן טאָג הער איך נישט מער ווי הייל־באָם און הייל־באָם! אין דער אייגענער שטוב קאָן מען זיך קיין אָרט נישט געפינען.

לוטס טאָכטער:

רעג זיך נישט אויף, פּאָטערל. בעסער קנעפּל צו די הויזן, מען זעט דאָך שוין ווידער אַרויס די גאַנצע חרפּה. פּאָטערל, מיר האָבן אַ גאַסט. אַ גאַסט פון ד אָ ר ט.

לוט:

ענדלעך האָט ער זיך באַוויזן, דער שלים־מזל.

דער נביא:

איך ברענג דיר די ברכה פון גאָט...

לוט:

די העכסטע צייט. טאָכטער מיינע, ברענג אַריין אַ פלעשל משקה. הערסט דאָך ווער ס'איז געקומען.

לוטס טאָכטער:

ווילסט שוין ווידער טרינקען? און די דאָקטוירים זאָגן, אַז די לע־בער דיינע איז שוין געשוואָלן ווי אַ באַרג.

לוט

לעקער און בראָנפן ברענג אַריין. און אַ שערל גיב מיר אָדער אַ מע־סער, איך מוז איבערשניידן דעם דראָט פון מיקראָפאָן. די פאַרשאָל־טענע פּאָליציאַנטן האַלטן אין איין אונטערהערן.

דער נביא:

עס וועט דאָ קומען דער לעצטער פון די פאַרפאָלגטע.

(עמיץ קלאַפּט אין דער טיר)

לוט:

אָט קומט ער מסתמא אָן, דער בעטלער.

דער פאַרפאָלגטער:

אַ גוט מאָרגן אייך!

לוט:

ברוך הבא. לעבסט נאָך?

דער פאַרפאָלגטער:

(אָטעמט שווער) איך קאָן דעם אָטעם נישט כאַפּן.

לוט:

עפּעס נייעס?

דער פאַרפאָלגטער:

אַ סך נייעס. פּאָליציאַנטן לויפן אַרום אין דער שטאָט, ווי פאַר־סמטע מייז. אויך די באַפעלקערונג פון דער שטאָט איז זייער אויפ־געבראַכט. מען זוכט דיך, הייליקער נביא, מען וויל דיך אומברענגען...

לוט:

זייער אינטערעסאַנט. (ווענדעט זיך צום נביא) זאָג מיר דעם אמת, האָסט אַמאָל נישט באַוויזן קיין נישט גוטיקע מופתים, האַ?

דער פאַרפאָלגטער:

זינט דו ביסט געקומען, הייליקער נביא, איז דאָס ברויט אין די קראָמען צענפאַכיק טייער געוואָרן. אין דער שטאָט הערשט אַ פּול־קאָמע אינפלאַציע.

דער נביא:

גאָטעניו, פאַרוואָס פרוווסטו מיך אַזוי שווער. וואָס איז דאָס אַזוינס „אינפלאַציע“?

לוט:

אפשר האָסטו באַוויזן אַ נס מיט געלט? אָדער מיט דעוויזן?

דער נביא:

כ׳האָב באַגעגנט מענטשן, וואָס זייערע פּנימער זענען געווען פאַר־כמאַרעט ווי אַ האַרבסטיקע נאַכט. מענטשן אָרעמע זענען עס גע־ווען, זקנים און אלמנות מיט קליינע קינדער אויף די הענט — און אַלע זענען געווען הונגעריק, און פון די ביימער האָבן זיך געשיט האַרבסטיקע, גאָלדענע בלעטער. האָב איך די דאָזיקע בלעטער פאַר־

וואַנדלט אין באַנקנאָטן. און די מענטשן האָבן זיך געפּרייט און האָבן געזאַמלט די דאָזיקע בלעטער און זענען אַהיים געגאַנגען גליק־לעכע, פריילעכע...

דער פאַרפאָלגטער:

און היינט שעלטן זיי דיך און זידלען, און זיי זוכן דיך אַרום, בכדי דיך איבערצוגעבן אין די הענט פון די רוצחים.

לוט:

האָסט זיי געגעבן פאַלשע באַנקנאָטן, אָן דעקונג. האָסט נישט קיין אַנונג אין די עקאָנאָמישע ענינים פון אונדזער וועלט. איצט היט זיך פאַר דעם כעס פון פאָלק.

לוטס טאָכטער:

פאָטער, איך זע דורך דעם פענצטער אַ גרויסן המון. די בירגער פון סדום זענען, זעט אויס, געוויר געוואָרן, אַז דער נביא געפינט זיך ביי אונדז. זיי רינגלען אַרום אונדזער הויז, זיי קאָנען נאָך חרוב מאַכן אונדזער היים.

דער נביא:

מיין האַרץ איז צעבראָכן און מיינע רייד בלייבן מיר שטעקן אין האַלדז. געפינט זיך דאָ נישט קיין איין אָרטיקער מגיה, וואָס זאָל וועלן דעם עולם באַרואיקן.

לוט:

מיר האָבן געהאַט איינעם, איז ער געווען אַ גרויסער שיכור און שטענדיק האָט ער געהאַט צו טאָן מיט ווייבער. איצט געהער ער אויך צו די פאַרפאָלגער. ער האָט זיך פאַרקויפט דעם מלך פון סדום פאַר עטלעכע פלעשער יין שרף.

לוטס טאָכטער:

פאָטער, מיר זענען אין געפאַר. לאָמיר זיי איבערגעבן דעם נביא און ראַטעווען דאָס לעבן.

לוט:

גיי, און באַפעל די משרתים זיי זאָלן ברענגען בראָנפן. גיב זיי צו טרינקען. אַ שיכורע חיה איז נישט אַזוי געפערלעך, ווי אַ ניכטערע.

לוטס טאָכטער:

(אָפּ)

דער פאַרפאָלגטער:

איך האָב נאָך נישט אַלץ דערציילט. אין סדום גייען אַרום קלאַנגען, אַז פון ד אָ ר ט איז געקומען אַ גאַנצער דעסאַנט נביאים.

דער נביא:

סאַראַ אומזין

לוט:

וועסט מוזן אַנטלויפן, הייליקער פריינט מיינער.

דער נביא:

איך האָב נאָך נישט אויסגעפילט אַלע באַפעלן און אויפגאַבעס. עס איז מיר פאַרבליבן די געהיימע אינסטרוקציע „איקס 21“.

דער פאַרפאָלגטער:

וואָס פאַראַ אינסטרוקציע איז עס?

לוט:

נאַרישקייטן. אַן אַלטע אינסטרוקציע וועגן פאַרברענען די שטאָט סדום.

דער פאַרפאָלגטער:

פאַרברענען?

לוט:

פרימיטיווע מעטאָדן פון די ביבלישע צייטן. סדום האָט שוין נישט איינמאָל געברענט. נאָך יעדער שרפה הייבט מען דאָ אָן אויפדראָסניי צו בויען און די האָזיקע בויונג הייסט ווירטשאַפטס־וווּנדער. די בירגער פון סדום האָבן זייער ליב שרפות און ווירטשאַפטסוווּנדער. די בירגער פון סדום האָבן רייכע קרובים, וועלכע זענען שטענדיק גרייט צו העלפן דעם זינדיקן פלימעניק...

דער נביא:

ווי איז צו מיר... ווי צו דעם נביא, וואָס פאַרשטייט נישט דעם גייסט פון זיינע צייטן.

דער פאַרפאָלגטער:

הייליקער נביא, וווּ וועסטו זיך איצט באַהאַלטן? וווּ וועסטו וואַנדערן דיינע טריט?

לוטס טאָכטער:

(קומט אַריין און הערט דעם געשפּרעך) אפשר ווילסטו אומקומען, הייליקער מאַן?

דער נביא:

אויב איר האַלט, אַז דאָס וואָלט געווען גוט און גוצלעך...

לוט:

ניין! נישט וועגן קרבנות גייט עס דאָך. עס גייט וועגן רעאַלע מעשים.

דער נביא:

איך בין נישט מער ווי אַן אָרעמער נביא פון ד אָ ר ט. איך קאָן מתפלל זיין. איך קאָן פאַסטן תעניתים. איך קאָן בעטן גאָט, ער זאָל זיך מרחם זיין.

לוט:

רחמנות איז אַ שיינע זאַך, אָבער איך וואָלט געווען מער צופרידן, ווען עס וואָלט געקומען פון ד אָ ר ט אַן אַנדערער שליח, אַ שטאַרקערער, אַ ברוטאַלער, אַ העלד מיט ברייטע ביינער, וואָס זאָל אָננעמען די סדומישע באַרבאַרן ביי די בלאָנדע האָר זייערע, און אַ שאָקל טאָן מיט זיי, אַז פונקען זאָלן שפּריצן און אַז פּלאַצן זאָלן די ביינער. קראַפט דאַרפן מיר, אויף רחמים איז שוין צו שפּעט.

דער נביא:

וואָס זשע זאָל איך טאָן? פאַרשווינדן?

לוט:

ווירקן! טאָן! דערנעענטערן די שעה וואָס מוז קומען, דערנעענטערן די שעה, ווען אומגעבראַכט וועט ווערן די שלעכטע מאַכט פון דער שטאָט סדום, פון דער שיינער שטאָט, וואָס האָט אַמאָל געהאַט אַזוי פיל חכמים, מגידים, סופרים און פּאָעטן, פילאָזאָפן און נביאים. דערנעענטערן די שעה וואָס וועט קומען מיט פלאַם פון נקמה און מיט דער שווערד פון גערעכטיקייט. אָבער צי וועלן העלפן דיינע תפילות און תעניתים?

לוטס טאָכטער:

גענוג גערעדט! לאָמיר עסן וועטשערע. דער נביא איז בלאַס און אויסגעשעפּט. איך וועל היינט דערלאַנגען צום טיש.

דער נביא:

אַ דאַנק. איך וועל נישט געניסן פון אייער גאַסטפריינטלעכקייט. איך פאַסט היינט.

דער פאַרפאָלגטער:

דערפאַר וועל א י ד גערן עסן מיט אייך אָוונטברויט. גאָט איז אַן עדות, ווי שווער עס איז צו לעבן אַן לעבנסמיטל־קאַרטן.

לוט:

לאָמיר עסן, ברידער, לאָמיר עסן און טרינקען אַ גלאָז ביר פון אונדזער סדומער ביר, וואָס האָט זיך דערוואָרבן אַ שם אויף דער גאַרער וועלט.

דער נביא:

פרידן צו אייך, אומגליקלעכע. ווו זענען די צען גערעכטע פון סדום? ווו זענען זיי?

(סוף)

אַ גליקלעכער צופאַל

מיר זענען געזעסן אין קאַפע־הויז און דעם אָוונט פאַרבראַכט אויף אַ געמיטלעכן אופן — מיר האָבן געטרונקען קאַווע, דערציילט זיך אַנעקדאָטן און געהערט מוזיק. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט איינער פון אונדז גענומען רעדן וועגן דעם, וואָס איז אַזוינס אַ צ ו פ אַ ל. עמעץ האָט אונטערגעכאַפּט דעם שמועס און האָט געזאָגט, אַז עס איז זייער אינטערעסאַנט, ווען מען פאַרטראַכט זיך ווי אַזוי אַ נישטיקער, כלומרשט נישט וויכטיקער צופאַל קאָן ווירקן אויף דעם גורל פונעם מענטשן, אַפילו אויף דעם גורל פון דער געזעלשאַפט.

איינער פון מיינע פריינד האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אַ וויכוח. „נישטאָ קיין צופאַל — האָט ער געזאָגט — עס איז פאַראַן אַ לאָגישער סדר פון דער וועלט און אַלץ וואָס קומט פאָר, האָט זיינע סיבות. מען דאַרף באַטראַכטן דיאַלעקטיש. דאָס וואָס מיר רופן אָן צ ו פ אַ ל איז נישט מער ווי אַ המשך פון געוויסע סיבות, וועלכע מיר האָבן נישט באַטראַכט פון סאַמע אָנהייב“.

ווען אַלע אָנוועזנדיקע האָבן שוין אַרויסגעזאָגט זייערע מיינונגען, האָב איך אויך באַשלאָסן עפּעס דערצו צוגעבן. איך האָב פאַררויכערט אַ ציגאַר, באַשטעלט ביים קעלנער נאָך אַ גלאָז קאַווע און גענומען דערציילן:

— די דאָזיקע מעשה האָב איך געהערט פון איינעם אַ גוטן פריינד וועלכער האָט דאָ איבערגעלעבט די אָקופּאַציע־צייט. איך וועל דאָ נישט דערציילן אין וואָסאַראַ לאַגע ער האָט זיך געפונען, וועגן זיינע ליידן און בענ=נסיונות. יעדער איינער פון אונדז טראָגט אין זיין זכרון גאַנצע דער מיט דערמאָנונגען, מיט טראַגישע זכרונות און יעדער איינער פון אונדז איז אימשטאַנד שעהן־לאַנג צו דערציילן וועגן די דאָזיקע זאַכן. מיר ווייסן אָבער, אַז היינט זענען די מענטשן נערוועז, מענטשן ווילן פאַרגעסן וועגן יענע טראַגישע איבערלעבונגען, מענטשן ווילן רואיק

שלאָפֿן און רואיק פֿאַרדייען... איך ווייס וועגן דעם און איך וויל אייך פֿאַרזיכערן: אויב איך וועל דערציילן וועגן דער אָקופּאַציע־צײַט, איז נאָר אויף אַזויפֿיל, אויף וויפֿל דאָס געהער צו דער טעמע: צ ו פֿ ע ל י ק ײ ט, צ ו פֿ אַ ל...

געווען איז עס ערגעץ אין 1943 יאָר. דער פֿרײַנד מײַנער, דער העלד פֿון דער דאָזיקער דערציילונג איז נאָך דעמאָלט געווען אַ יונגער בחור. צוזאַמען מיט זײַן ברודער איז ער אַנטלאָפֿן פֿון געטאָ און ביידע האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן, פֿאַרשטייט זיך, מיט דער הילף פֿון גוטע פֿרײַנד — פּאָליאַקן. זיי זענען נישט געווען צוזאַמען. איינער האָט געוווינט אין אַ מפּולת הינטער דער שטאָט, דעם צווייטן האָבן זײַנע גוטע פֿרײַנד, וועלכע האָבן געוווינט אין מיטן שטאָט, באַהאַלטן אין אַ קעלער. אַזוי אַרום האָבן זיי געפּרוּווט זיך ראַטעווען אין דער גרויזאַמער צײַט. וועגן זייערע מעלינעס האָבן אָבער געוווּסט אייניקע מענטשן און אין אַ געוויסן טאָג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז וועגן איינעם פֿון די ברידער איז געוויר געוואָרן אויך אַ דײַטש, אַ דײַטשישער סאָלדאַט פֿון דער ווערמאַכט. עס איז נישט קלאָר ווי אַזוי דער דײַטש איז געוויר געוואָרן — על פּי צופֿאַל אָדער וועמענס שלעכטן ווילן. דער דײַטש איז אָבער נישט געווען קיין אוממענטש, עס האָט אין אים נאָך געדרימלט דער פֿונק פֿון מענטשלעכקייט און אין אַ געוויסן טאָג האָט ער צו וויסן געגעבן, אַז איינער פֿון די צוויי ברידער וועט בײַנאַכט אַרעסטירט ווערן. עס איז נישט קלאָר, צי דער דײַטש האָט עס געזאָגט אין ניכטערן צושטאַנד. פּונקט אין יענעם טאָג איז אויסגעפֿאַלן זײַן געבורטסטאָג און עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז דער דײַטש האָט אַ ביסל צופֿיל געטרונקען, ווײַל עס האָבן זיך געפֿונען מענטשן, וואָס האָבן אים געזען אַ וויינענדיקן — ער האָט געשאָלטן און געזידלט דעם מענטשלעכן גורל און אין אַ מעלאַנכאָלישער שטימונג געזונגען זײַנע „היימאַטלענדישע" טיראָלער געזאַנגען.

ווען מײַן חבר איז געוויר געוואָרן, אַז בײַנאַכט וועט מען אַרעסטירן זײַן ברודער, האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז איצט איז יעדע מינוט טײַער און ער מוז וואָס גיכער זיך פֿאַרשטענדיקן מיט זײַן ברודער וועגן דער דראָענדיקער געפֿאַר. געווען איז עס שוין פֿאַרנאַכט, די פּאָליציי־שעה האָט זיך דערנענטערט, פֿאַרבליבן איז בלויז נישט מער ווי אַ דרײַ פֿערטל שעה. מײַן פֿרײַנד האָט זיך געמוזט זייער אײַלן, בכדי צו באַוויזן דורכצושפּאַנען דעם מהלך אין שטאָט אַרײַן און צוריק. די מעלינע

זיינע האָט זיך געפֿונען אין יענעם פּראָלעטאַרישן קוואַרטאַל, וווּ עס איז נישט געווען קיין טראַמוויי און נישט קיין אויטאָ-פּאַרקער. אַפֿילו קיין דראָזשקע האָט מען דאָ נישט געקאָנט כאַפּן, ווייל די מענטשן וואָס האָבן דאָ געוווינט פֿלעגן זיך נישט באַנוצן מיט קיין פֿיאַקער — בלויז אין אַ דרינגענדיקן פֿאַל פֿלעגט מען פֿון דאַנען אָפּפֿירן עמיצן אין שפּיטאָל אַריין.

ווען מיין חבר איז אָנגעקומען אין שטאָט אַריין איז שוין צוגעפֿאַלן דער אָוונט און די מיליטער-פּאַטרולן האָבן שוין אַרומגעשפּאַנט אויף די גאַסן, די לעצטע דורכגייער האָבן געאיילט צו זייערע היימען און צוגעשלאָסן די טויערן. דער ייִדישער בחור האָט איילנדיק מאַרשירט און ווען ער האָט באַגעגנט אַ פּאַטרול, האָט ער מיט אַ פֿאַרזאָרגטן שמייכל גענומען קוקן אויפֿן וויגערל, אַנטשולדיקנדיק זיך מיט אַ זשעסט פֿון די אָרעמס. איינמאָל האָט עס געווירקט — דער דייטש האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געלאָזט אים לויפֿן ווייטער.

עס האָט אָנגעהויבן צו רעגענען, פֿאַר זיך האָט ער נאָך געהאַט אַ היפּש שטיקל וועג. די גאַסן זענען געווען פֿאַרנעפּלט אין רעגן און אין גענאַכט. ער איז געלאָפֿן, דער שווייס האָט אים באַגאָסן און ער האָט געציטערט פֿאַר פּחד און אויפֿרעגונג — צי וועט ער באַוויזן צו דערגיין? צי וועט נישט זיין צו שפּעט? עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די געסלעך האָבן נישט קיין סוף, אַז אומענדלעך זענען זיי און בייוויליק. ער האָט געהאַסט די שטאָט און די גאַסן. די דאָזיקע גאַסן אויף וועלכע ער האָט זיך דערצויגן און וועלכע האָבן זיך געפּלאָנטערט אַרום אים און געגרייט דעם אומקום פֿאַר אים און זיין ברודער. ער האָט אין יענע מינוטן געהאַסט די דאָזיקע היימשטאָט זיינע, פּונקט ווי זי זאָל עס שולדיק זיין אין דער גרויסער מפּלה.

ער האָט געהערט ווי דאָס בלוט רוישט אים אין די שלייפֿן, ווי דאָס האַרץ קלאַפּט אין אים, אָבער דאָס מאָל האָט ער נישט דערהערט ווען און פֿון וועלכער זייט עס איז אָנגעקומען דער פּאַטרול, ער האָט נישט דערהערט זייערע שטימעס. זיי האָבן אים אַרומגערינגלט. דריי זענען זיי געווען. זיי האָבן אים פֿאַרבלענדט מיט זייער האַנט-לאַמטערנדל. עפּעס האָבן זיי צו אים גערעדט, געפֿרעגט עפּעס, אין דער ערשטער מינוט האָט ער זיי נישט פֿאַרשטאַנען, כאָטש ער האָט זיך געקאָנט משער זיין וואָס זיי פֿרעגן אים און וווּהין זיי ווילן אים איצט אַוועקפֿירן.

ער האָט זיך דערפֿילט אומבאַהאָלפֿן, באַזיגט — סוף כל סוף איז ער דאָך געווען כמעט אַ קינד נאָך. ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן און וויאַזוי זיך אַרויסצודרייען פֿון זייערע הענט. עס האָט זיך אים פֿאַרגלוסט וויינען. ער האָט אַזוי ווייניק דערפֿאַרונג. אַן אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט אפֿשר געפֿונען אַן אויסוועג. ער אָבער האָט זיך דערפֿילט פֿאַרלוירן און אומבאַהאָלפֿן. וואָס זאָגן? וואָס טאָן?

ער האָט געשוויגן און ז יי האָבן געוואַרט אויף עפּעס אַן אויפֿקלערונג, אויף עפּעס אַ פ ר ו ו פֿון אַן אויפֿקלערונג, און ערשט ווען ער האָט דערפֿילט אַ שטויס, ווען ער האָט דערפֿילט דאָס אייזן פֿון דער ביקס אויף דעם רוקן, ערשט דעמלט האָט ער גענומען „מאָביליזירן" זיינע שוואַכע קענטעניש פֿון דער דייטשישער שפּראַך. ער האָט גערעדט ווי אַ קליין יינגל, וואָס מען כאַפּט אים ביי אַ ליגן און ער וואַרט אויף אַ נס, אָדער אויף אַ גליקלעכן צופֿאַל, וועלכער זאָל דעם ליגן פֿאַרוואַנדלען אין אמת, ער האָט געוואַרט אויף אַ נס, וואָס זאָל פֿאַר אים עדות זאָגן. ער האָט געזאָגט, אַז ער לויפֿט נאָך אַ דאָקטער — פּונקט דאָס איז אים איינגעפֿאַלן. ער לויפֿט נאָך אַ דאָקטער, ווייל אַ פֿרוי ליגט אין קימפּעט. זי ליידט זייער שטאַרק... ער האָט געזאָגט: „קינד... פֿראַו... געבאָרען... אַרצט..." איינער פֿון די דייטשן האָט געלאַכט פֿון דעם דאָזיקן מאָנאָלאָג, דער צווייטער האָט געשוויגן, דער דריטער האָט געפּרוווט דערגענצן די כאַאָטישע ווערטער פֿונעם יינגל און אַרויסברענגען פֿון זיי אַן אינהאַלט. דער דאָזיקער שמועס האָט געדויערט אַ פּאָר מינוט, נישט מער, אָבער מיר קאָנען זיך פֿאָרשטעלן, אַז פֿאַר דעם יידישן בחור איז יעדע מינוט געווען אומענדלעך לאַנג, אַזוי לאַנג, אַז ער האָט שוין אפֿשר אַליין אָנגעהויבן צו גלייבן אין דער פֿרוי, וואָס ליגט אין קימפּעט און אין דעם דאָקטער, צו וועלכן ער האָט זיך מכלומרשט אויסגעקליבן נאָך הילף.

דער זשאַנדאַרם, וואָס האָט געלאַכט, האָט אויפֿגעהערט צו לאַכן און האָט געזאָגט: „פֿיר אונדז דאָרט, וווּ די פֿרוי געפֿינט זיך, אויב דו זאָגסט נישט קיין ליגן, וועלן מיר דיך לאָזן גיין..."

דער צווייטער סאָלדאַט, דער שווייגנדיקער, האָט אים ווידער אַ שטויס געגעבן מיט דער ביקס. און דעמלט האָט מיין פֿריינד פֿאַרשטאַנען, אַז איצט איז שוין אַלץ פֿאַרפֿאַלן — נישט נאָר דעם ברודער וועט מען אַרעסטירן, נאָר ער אַליין איז שוין אויך אַ פֿאַרפֿאַלענער.

ער האָט זיך געלאָזט גיין דורך טונקעלע געסלעך, ער האָט געפֿירט און זיי זענען געגאַנגען נאָך אים, עס איז אים געווען אַלץ איינס, דורך

וועלכע געסלעך ער פירט, ווייל געוווּסט האָט ער דאָך, אַז סיי ווי איז ער שוין אַ פאַרלוירענער. דער סאָלדאַט, וואָס האָט ביז איצט געשוויגן, האָט דער ערשטער זיך אויפגערעגט: „דו, שייסדרעק! — האָט ער געזאָגט — וואָהין פירסט דו אונדז?“

און אין דער זעלבער מינוט, ווען ער האָט דאָס געזאָגט, האָט דער ייִדישער בחור אויפגעהערט צו גלייבן די אייגענע חושים: ער האָט געהערט אַ געשריי... עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַ קינד וויינט ערגעץ, אַ ניי־געבוירן קינד. ער האָט נישט געגלייבט זיינע אייגענע אויערן, אָבער זיי, די דייטשן, האָבן אויך געהערט. איינער פון זיי איז געגאַנגען פאָרויס, אין דער ריכטונג פון וואַנען עס האָבן זיך געטראָגן די געשרייען. דער ייִדישער בחור איז געגאַנגען אינמיטן...

זיי האָבן זיך דערנעענטערט צו אַ הויז, פון וואַנען מען האָט שוין געהערט דאָס מענטשיש געוויין. דער דייטש האָט אָנגעקלאַפּט, דערנאָך זענען זיי געגאַנגען מיט טונקעלע שיפּע טרעפּ, און מיין פריינד האָט געפילט דאָס אייזן פון דער ביקס, וואָס איינער פון דעם פּאַטרול האָט אים צוגעשטעלט צו דער פּלייצע.

אויף דעם צווייטן אָדער דריטן שטאָק האָבן זיי זיך ענדלעך געפונען אין אַ שמאָלן טונקעלן קאָרידאָר, וווּ עס האָט געהערשט אַ טוכלער גערוך פון אָרעמקייט. דאָרט, אין אַ צימער הינטער דער טיר האָט זיך געהערט דאָס געשריי — דער ניי־געבוירענער האָט געוויינט, ער האָט געשריגן, געקלאָגט זיך, אפשר האָט ער אויף אַזאַ אופן אַרויסגעבראַכט זיין פּראָטעסט, זיין ערשטן פּראָטעסט קעגן דער ברוטאַלקייט פון דער נאַטור, וואָס האָט אים געצוווּנגען אָפּצוטיילן זיך פון דעם גוטן קערפּער פון זיין מוטער, בכדי צו קומען אויף דער וועלט אין אַזעלכע טראַגישע צייטן.

אַ מינוט זענען זיי געשטאַנען הינטער דער טיר. דער שווייגנדיקער דייטש האָט ווייטער געשוויגן, אָבער די צוויי אַנדערע סאָלדאַטן האָבן גוט־מוטיק געשמייכלט. אפשר זענען זיי געווען אַ ביסל פאַרשעמט, כאָטש אָנגעקלאַפּט האָבן זיי ווי שטענדיק — שטרענג, און זענען אַריינגעקומען אין דער שטוב. די פרוי איז געלעגן אַן אויסגעשעפּטע. אירע אויגן, אירע איבערגעשראָקענע אויגן האָבן געקוקט אויף דער טיר, ווי פאַרחידושט, וואָס אפילו די דאָזיקע געבענטשטע גרויסע מינוט ווערט פאַרשטערט דורך דעם אַריינקומען פון די פרעמדע.

אַן אַלטיטשקע פרוי האָט געבאָדן דעם ניי־געבוירענעם, און דער דאָק־

מער — אַן עלטערער מענטש מיט פאַרקאַשערטע אַרבל, האָט געוואַשן די הענט אין אַן אַנדערער שיסל.

די דייטשישע סאָלדאַטן זענען אַ ווײַלע געשטאַנען שווײַגנדיק און האָבן פאַרלאָזט דאָס צימער. דער ייִדישער בחור איז געשטאַנען בײַ דער טיר אַ געריהרטער. קיינער האָט אים גישט געפרעגט קיין וואָרט און אויך ער האָט געשוויגן. דערנאָך האָט ער זיך אַרויסגערוקט אויפן קאָרידאָר און איז אַוועק אין דער נאַכט.

אַ גליקלעכער צופאַל האָט צוגעהאָלפן דעם דאָזיקן מענטשן ראַטעווען זײַן לעבן אין די גרויזאַמע צײַטן פון דער היטלעריסטישער הערשאַפט...

...איך האָב פאַרענדיקט מײַן דערציילונג. אַ ווײַלע איז בײַ אונדזער טיש געווען שטיל, עס האָט זיך בלויז געהערט דאָס זשומען פון קאַצעהויז. אין צווייטן זאַל האָט געשפּילט אַן אָרקעסטער. מענטשן האָבן געטרונקען קאַווע, אַנדערע האָבן געטאַנצט, געשמייכלט צו שיינע דאַמען...

איינע פון די צוויי יונגע פרויען, וואָס זענען געזעסן בײַ אונדזער טיש האָט געזאָגט:

— יאָ, דאָס איז ווירקלעך געווען אַ גליקלעכער צופאַל. און דער דאָזיקער בחור — צי האָט ער באַוויזן באַצײַטנס קומען צו זײַן ברודער?

— יאָ... — האָב איך געענטפערט — ער האָט באַוויזן. ער האָט געהאַט דאָס גליק מער אין דער דאָזיקער נאַכט נישט צו טרעפן קיין שום פּאַטרול. צוזאַמען מיט דעם ברודער איז ער אַוועק אין אַ וואַלד און דאָרט האָט אים צוגענומען צו זיך אַ פּאַרטיזאַנער-אָפּטייל. אין אַ צײַט אַרום האָט זיך ערשט אַרויסגעוויזן, אַז דער אַליאַרם איז געווען אַ פאַלשער. יענער דייטש, יענער שיכורער דייטש, וואָס האָט געוואָרנט וועגן אַרעסט, האָט פאַרדרייט די נעמען. אָבער דאָס איז שוין נישט געווען קיין גליקלעכער צופאַל. אין געפאַר איז דעמלט געווען אַן אַנדערער ייִדישער בחור, וועלכן מען האָט געכאַפּט און אַרויסגעפירט קיין אָשוויענטשים.

— איז ער אַרויס אַ לעבעדיקער פון אָשוויענטשים? — האָט עמעץ געפרעגט.

— יאָ, ער איז אַרויס אַ לעבעדיקער.

— איז דאָך אַלץ אין אָרדענונג... — האָט געזאָגט די שיינע פרוי און זי האָט זיך אויפגעהויבן פון איר אָרט, ווײַל אָט האָט שוין דער אָרקעסטער גענומען שפּילן אַ סענטימענטאַלן טאַנגאָ. און די שיינע פרוי וואַרט איך זאָל זי פאַרבעטן צום טאַנץ

מעשהלעך
פאר דערוואקסענע

אַוועקשווימענדיקע שיפֿן

ווען איך טראַכט וועגן די געזיכטן פֿון יענע אַלע, וואָס זענען שוין אַוועק און וועגן יענע שמייכלען, וואָס זענען צערונען, ווי אַ זון־שטראַל אַ פֿאַרטריבענער דורך די געדיכטענישן פֿון דער נאַכט, דעמלט ווייס איך, אַז —

די דאָזיקע דערמאָנונגען האָבן נישט קיין שום צוועק און קיין שום ציל האָבן זיי נישט, ווייל אַליין זענען זיי אַ ציל אין זיך, אַליין אַ מזבח און אַ קרבן, און אויך טויט זענען זיי און אויפֿלעבונג. דע־ריבער דערמאָן איך.

איך רוף זיי, די זכרונות מיינע, און עס איז פּונקט אַזוי, ווי איך וואָלט פֿון פֿייער אַרויסגעצויגן רויטע בייגעלעך, ברענענדיקע בייגעלעך פּאַפּיר, וואָס זענען נאָך פֿייער, נאָר שוין קילן זיי זיך אָפּ און פֿאַרוואַנדלען זיך אין אַש. און איך וויל זיי ראַטעווען...

ראַטעווען זיי, ראַטעווען די בלאַסע שפּורן פֿון אותיות אויפֿן אַש, אומקערן זיי צום לעבן, צום שימער, זאָלן זיי תמיד האָבן זייער פֿאַרב, זייער אינהאַלט און אויך זייער אָרט אין דער אייביקייט.

מיט זכרונות, ווי מיט שטריק זענען מיר צוגעבונדן צו אַוועק־שווימענדיקע שיפֿן. און מיר ליבן די דאָזיקע שיפֿן, מיר ליבן זיי מיט ווערטער, מיט קלוגער דיכטונג און מיט לירישע לידער.

מיר ליבן זיי אפֿילו דעמלט ווען מיר שפּעטן און זידלען.
די דאָזיקע שיינע שיפֿן, וואָס טראָגן דעם נאָמען ל ע ב ן...

די פרוי, וואָס קאָן נישט לייענען

זי קומט ביינאַכט און זעצט זיך שטיל לעבן מיר. זי טיילט מיט מיר די פרייד פון שטילקייט.

— זייט אַ געוויסער צייט האָסטו ליב צו שווייגן... — פליסטערט זי.

— דאָס איז אמת — און איך פיל ווי עס נעמט מיך אַרום אַן אומרו.

— גיב מיר אַ קוש... — בעט איך — גיב מיר אַ קוש, בכדי איך זאָל נישט מורא האָבן פאַר קיין שום זאַך.

זי קושט מיך לאַנג און זי גלעט מיך מיט גרויס ליבשאַפט. דערנאָך גייט זי אַוועק.

דאָס איז מיין מוטער.

איך האָב נישט באַוויזן אָפּצוגעבן פאַר איר דאָס לעבן. היינט וואַרט איך אויף איר יעדע נאַכט, יעדע נאַכט.

טיילמאָל קומט זי. מיר זיצן געבויגן איבער אַן אַלטן אָפּגעבליאַקעוועטן בריוו, וואָס איך האָב צו איר געשריבן מיט צוואַנציק יאָר צוריק.

— מאַמע — זאָג איך צו איר טיילמאָל — איך בין שוין נישט אַזוי יונג, מאַמע... דו ווייסט דאָך, וואָס איך בין אויסן מיט די דאָזיקע ווערטער... און דו האָסט נאָך קיינמאָל נישט איבערגעלייענט קיין איין אות פון דעם, וואָס איך האָב געשריבן אין מיינע ביכער.

— מיין קינד — זאָגט דער פאַרשעמטער שאָטן פון דער אַלטער פרוי — מיין אָרעם נאַריש קינד, דו ווייסט דאָך, אַז איך קאָן נישט לייענען. פון קינדוויז אָן האָב איך געמוזט שווער אַרבעטן.

אפילו היינט, נאָך אַזויפיל יאָרן בין איך אַלץ נאָך מיד, און דו וואָלסט געוואָלט איך זאָל לייענען דיינע ביכער. מיין נאַריש יינגעלע...

ביז צום באַגינען ליג איך מיט צוגעפרעסטע אויגן און איך שטעל צוזאַמען פאַרביקע פּאָעמעס. איז וואָס, אַז זי קאָן נישט לייענען? סײַווי וועל איך דאָך די דאָזיקע פּאָעמעס קיינמאָל נישט באַווייזן אויפצושרייבן...

לופט

ביז היינט ווייס איך נישט, פאַרוואָס אין יענער דירה איז מיר געווען אַזוי ענג. און נישט נאָר אין דער דירה, נאָר אפילו אויך אויף יענער גאַס, וווּ איך האָב געוווינט. עס איז דאָרט נישט געווען קיין לופט צום אָטעמען.

די זאַך זאָל זיין קלאָר, מוז איך צוגעבן, אַז אין יענער געגנט איז נישט געווען קיין פאַבריקן, וואָס מאַכן געוויינלעך שווער די לופט מיט דעם רויך פון די קוימענס. ניין, די סיבה פון דער שלעכ־טער לופט איז געווען אַן אַנדערע, און אויפגעקלערט דעם ענין האָט מיר איינער אַ ספּעציאַליסט, צו וועלכן איך האָב זיך געווענדעט נאָך אַן עצה.

— די געגנט, וווּ איר פילט אייך אַזוי שלעכט — האָט ער געזאָגט — איז באַוווינט דורך מענטשן שטאָלצע און פאַרליבטע אין זיך. עס איז וויסנשאַפטלעך פעסטגעשטעלט, אַז אַזעלכע לייט פאַר־נוצן פיל מער לופט, ווי אַ געוויינלעכער בשר ודם. דעריבער קאָנט איר נישט דאָרט כאַפּן דעם אָטעם. איר מוזט ענדערן די וווינונג.

איך האָב מיך צוגעהערט צו זיין עצה.

איצט וווין איך אין דער געגנט פון באַשיידענע מענטשן. עס איז דאָ פאַראַן אַ סך לופט, קיינער שטערט נישט קיינעם, און אַלע פילן זיך אויסגעצייכנט.

אויך אייך ווינטש איך דאָס זעלבע, ליבע פריינד פון גאַנצן האַרץ...

אַ מינוט אַזאַ

די וועלט — אַ ים פון גרינקייט. אַ פאַרפלייצונג פון ליכט, וואָס שטראָמט פון דעם לויטערן הימל. איך האָב צוגעמאַכט די אויגן — עס האָט געשמעקט מיט קימל, מיט ווילדע קרייטעכצער, מיט טרוקענעם היי. ערגעץ נאָענט האָט זיך געזונגען אַ זשייוואָראָנ. גוט איז מיר געווען אין יענער מינוט, און דאָס האַרץ מיינס האָט אַזוי געקלאַפט, און געשטיקט האָט עפּעס אין האַלדז. אַ טרער?

די לאַנדשאַפט — דער טונקעלער רוקן פון וואַלד, פעלדער גאָלדיקע, רייפע צום שניט, און לאָנקעס סאַמעטענע, לאָנקעס גרינע פון מיינע שענסטע חלומות. און אויך ווערבעסביים טייך, טענצערינס לאַנגהאָריקע, פאַרגליווערטע, און טאָפּאָלעס שלאַנקע און שטאָלצע, און ליפּעס לענגאויס דעם וועג.

צווישן צוויי ביימער האָבער האָט זיך באַוויזן אַ יונגע פרוי. איר פייערלדיק געלעכטער האָט זיך דערוויטערט, דערוויטערט און פאַרשוווּנדן אין די קלאַנגיקע געזאַנגען פון גרילן און גרויע פעלדפייגל.

אַ שווייגנדיקער בין איך געשטאַנען, דערשטוינט מיט דער אַנטדעקונג: מיין שיינע ליבע וועלט!

איך האָב זיך אומגעקוקט הינטער זיך. אין לייכטן ווינטל האָט געכוואַליעט דער פלייך — גאָלד און ווייץ, זעטיקייט און ברויט, ברכה און פרידן.

מיט אַ שמייכל האָב איך זיך געלאָזט פאָרויס, און געפילט האָב איך זיך יונג און פול מיט האָפענונג און בטחון.

שאַגאַלס בילדער

דער טאַטע שלעפט ביים שטריקל אַן אַלטע איינגעהויקערטע קו. מיט אַ שטאָלצן שמייכל זאָגט ער:

— זעט נאָר, ווי זי גייט, די דאָזיקע קו. ווי אַ פּרינצעסין, ווי אַן אמתע בת מלכּה.

גלעט איך זי, די דאָזיקע בת מלכּה און איך שמייכל.

— אוי, ווען זי זאָל נאָך האָבן אַ פּאָר פליגל, די דאָזיקע פּרינצעסין דיינע, ווען זי זאָל האָבן אַ פּאָר פליגל...

די קו האָט געהאַט אַ טאַנצנדיקן הילוך און שטאָלצע באַוועגונגען. און געפּאַשעט האָט זי זיך אין אַ בערעזעווע וועלדל, און וואַסער האָט זי געטרונקען אין דער רעטשקע, וואָס איז געווען לויטער און זינגעוודיק. און דעם רוקן פלעגט זי רייבן אָן די ביינגעוודיקע טאָפּאָליעס...

און פּאַסירט האָט עס אין אַ קליין, קליינינק שטעטל, וואָס איז נאָך עד היום פאַרבליבן שיין און פאַרכישופט. איבער דעם פאַרוואָקסענעם מאַרק־פּלאַץ באַווייזט זיך אין די לבנהדיקע נעכט דער גייסט פון מיין מוטער מיט דעם מגן־דוד אויף דעם אָרעם און מיט אַ מעשענער מנורה אין דער האַנט. אויפן שטערן האָט זי אַ זילבערנע קרוין און גאָלדענע פּאַוועס באַגלייטן זי מיט זייער געזאַנג...

קליינע שטעטלעך

שטעטלעך קליינע, אומפאַרגעסלעכע, פאַרכישופטע.

אַלטע פרויען דרימלען אויף די אויסגעריבענע ווייכע שוועלן פון די הייזער. בינען און פליגן שוועבן אַרום זייערע גרויע קעפ. די וועלט איז פול מיט נגונים, אפילו די שטילקייט איז פול מיט נגונים און איך יעדן נגון לעבן הערמאָנונגען ווייטע, גרינע, יונגע...

אַלטע פרויען שמייכלען הימליש און גוטמוטיק, זיי פלוידערן און טרוימען וועגן עולם הבא, וועגן אַ הימל ווו עס איז וואַרעם און ווו מען איז יעדן איינציקן גאַסט מכבד מיט זיסע וואַרעניע.

אין קליינע פאַרכישופטע שטעטלעך האָט זיך גאָרנישט געענדערט.

פרײלעך הירזשעט די וועלט — יונגע זשרעבעקעס שפּרינגען ווי לייבן, קצבים טראַכטן וועגן אומשטערבלעכקייט, די דינסטמויד ביים מילנער איז ווידער מעוברת, און דער קרעטשמער גיסט וואַסער צום בראָנפן, און דער פייערלעשער פוצט ווי שטענדיק זיין גלאַנציקן קאַפּעליוש, וואָס איז געמאַכט פון ריינעם גאָלד, און אויף די אַלטע מצבות פון בית עולם צעוואַקסט זיך דער פליושענער גרינער מאָך.

— האָט עך געהערט אַ מעשה? די ערד דרייט זיך גאָר אַרום דער זון? משיחס צייטן...

קליינע פאַרכישופטע שטעטלעך האָבן זיך גאָרנישט געענדערט.

נאָר ווו איז דער פידל־שפּילער פון שאַגאַלס בילדער?

און מיר ווי זענען?

אַלטמאָדישע ליבע

אין חלום זעט ער אירע שוואַרצע האָר, פאַרפלאָכטענע אין צוויי לאַנגע צעפּ. אין חלום זעט ער אירע בעקעלעך, אירע ליפּעלעך און שמייכל, און ער קאָן שוין די גלאַטקייט פון אירע אָרעמס, און פון דער נאַכטיקער שטילקייט דערגייט צו אים די דיכטונג פון אירע ווערטער, דער שיינער קלאַנג פון איר שטימע.

הייבט ער זיך אויף פון זיין געלעגער בחצות הלילה און ער שרייבט אַ בריוועלע אַ האַרציקס, וואָס הייבט זיך אָן מיט די דאָזיקע ווערטער: „אין חלום האָב איך אייך געזען, אָ, שיינע אומבאַקאַנטע...“ — און זיין נשמה, זיין אָרעמע אַלטמאָדישע נשמה הייבט זיך אַרויף, איבער די דעכער פון די הייזער און זי שוועבט און אַנטלויפט ביז צו די ווייסע וואָלקנדלעך, וואָס ציען זיך איבער דעם טונקעלן וואַלד און איבער דער בלויער ווייטקייט.

און זי —

די שיינע אומבאַקאַנטע — זי ווייס, אַז פאַראַן איז ערגעץ אַ בחור אַ פאַרליבטער, אַ גרויהאָריקער און סענטימענטאַלער. און זי טרוימט וועגן יענעם וווּנדערבאַרן טאָג, וועגן יענעם פאַרכישופטן פאַרנאַכט, ווען ער וועט קומען און אָננעמען זי ביי דער האַנט און אַוועקפירן ווייט, ווייט, און די שטערן וועלן באַלייכטן דעם וועג, און אין אַ שטילן קאַפע-הויז וועלן זיי זיך אַוועקזעצן ביי אַ טישל, און אַ קעלנער אין אַ בלויען פראַק וועט זיי צוטראָגן אַ גלעזעלע טיי מיט איינגעמאַכטס.

חלומען זיי אַט אַזוי זייט כמה יאָרן, און זיי זוכן זיך, און זיי וואַרטן און קאָנען זיך נישט באַגעגענען. און די יאָרן גייען פאַרביי, פאַרביי...

אַ טרוים

פאַראַן אַ וואונדערלעכער ווינקל אויף דער וועלט — אַ געגנט אַ פאַרכישופטע, וואָס נאָר דו און איך, וואָס נאָר מ י ר ווייסן וועגן איר שיינקייט.

פלעגסט צו מיר זאָגן: „דאָרט וועט אונדז זיין גוט“.

און איך האָב געגלייבט און צוגעגרייט זיך צו דער רייזע. אַ נעץ האָב איך געקויפט אַ זיידענע, אַ נעץ פאַר שמעטערלינגען, און אַ שירעם, וואָס האָט געזאָלט אונדז דינען פאַר אַ דאַך, און אויך אַ פידעלע וואָס איז געווען פול מיט זיסע טענער.

נאָר געווען איז פרילינג און דו האָסט געזאָגט צו מיר: „פרי־לינגצייט זענען די פרימאָרגנס קילע“. און מיר האָבן מורא געהאַט פאַר דער קעלט.

און געווען איז זומער, און דו האָסט געזאָגט: „אין זומער זענען די היצן גרויסע און טיילמאָל דונערט און טיילמאָל בליצט...“ און מיר האָבן מורא געהאַט פאַר דונערן און בליצן.

און אין האַרבסט האָסטו געזאָגט: „עס רעגנט“. און מיר האָבן מורא געהאַט פאַר דעם רעגן.

און געקומען איז דער ווינטער און האָט פאַרשאָטן די וועגן.

קום אַריין, מיין ליבע. ס׳איז קאַלט און דער ווינט — ער בלאָזט אונדז אין די אויגן.

עגל הזהב

זיי האָבן געווינט ווייט פון מענטשן און גליקלעך זענען זיי געווען. זיי האָבן זיך געליבט. יונג זענען זיי געווען און געהאַט האָבן זיי קערפּערס שיינע און שטאַרקע. אין זוניקן פרימאָרגן פלעגן זיי אַרויפלויפן אויף דעם שפּיץ פון באַרג און דעמלט זענען זיי צו גאָט געווען ענלעך. לאַנג האָט געדויערט דער פרימאָרגן און לאַנג זענען זייערע גופים געווען שיין און געטלעך.

געקומען איז די זאַטע שעה פון מיטאָג און דערזען האָבן זיי זייערע שאָטנס — פלאַטשיקע שאָטנס וואָס ליגן צוגעקלעפּט צו דער ערד — און אַן אומרו האָבן זיי דערפילט.

פאַרנאַכט איז זיי באַפאַלן אַן אומעט, ווייל געווינט האָבן זיי ווייט פון מענטשן.

— אונדזער שטוב איז פוסט — האָט געזאָגט די פרוי — נישטאָ אין איר אַפילו קיין שאָטן. אונדזער שטוב איז שטום, ווייל אַלץ איז שוין געזאָגט געוואָרן. און די זייגערס באַוועגן זיך וואָס אַ מאָל שנעלער און איך געדענק שוין נישט, צי איך בין ווען עס איז געווען יונג. איך האָב מורא פאַר דער נאַכט.

— צי זאָל איך פאַרמאַכן די לאָדנס, בכדי דו זאָלסט נישט הערן דאָס וואָיען פונעם ווינט? — האָט געפרעגט דער מאַן — זאָג, וואָס דו ווילסט.

— אַמאָל פלעג איך דיר פליסטערן אַלע מיינע סודות. — האָט געזאָגט די פרוי—היינט ביזטו טויב, ווי אַ געפלאַצטער גלאָק. אַמאָל האָב איך אין דיר געהאַט אַן אָנלען, אָבער היינט ביזטו שוואַך. אַמאָל זענען מיר געווען ענלעך צו געטער, און היינט...

זי האָט אַראָפּגענומען פון פינגער איר רינגל און פון האַלדז די גאָלדענע בראַנזלעטן און ער האָט די צירונג צוגענומען און גע-

וואָרפן אין פייער אַריין און פון דעם ווייכן גאָלד אויסגעקאָוועט אַ קליין גילדן קעלבעלע.

— מיר ווינען ווייט פון מענטשן — האָט געזאָגט דער מאַן — און אונדזער איינזאַמער שטוב וועט צונוצקומען אַזאַ קליין גילדן באַשעפעניש.

די פרוי האָט גענומען גלעטן דאָס אָקאָרשט געבוירענע נאָך וואַרעמע באַשעפעניש און געפליסטערט האָט זי דערביי אירע תפילות און געאיילט האָט זי זיך זייער, ווייל די נאַכט איז צוגעפאַלן גיך און ביי דער טיר האָט געלויערט דער ווינט.

דערוואַרטונג

געוווינט האָב איך אין אַ גרויסן בנין, וואָס האָט געהאַט ווענט בלויע און פענצטער אויסגעפּילטע מיט הימל.

אין די פּוסטע צימערן האָבן אומגעדולדיק געקלאַפּט די זייגערס און זייער דפק האָט געמאָסטן די פאַרבייגייענדיקע צייט.

אַלע פענצטער האָבן געקוקט אויפן וועג, מיט וועלכן דו האָסט געזאָלט קומען. און אַלע פענצטער זענען געשטאַנען אָפן.

איך האָב צוגעגרייט אַלץ, וואָס האָט פאַר אונדז געקאָנט זיין נויטיק: וואַסער, ברויט, ווילדע בלומען, אַ געלעגער, און אַפילו אַ שפּיגעלע, אין וועלכן דו האָסט געזאָלט זען דיין געזיכט.

און ווען כ׳האָב אַלץ שוין געהאַט צוגעגרייט, האָב איך מיך אַנידערגעזעצט אויף דער שוועל און גענומען וואַרטן.

אין דעמערונג האָב איך איבער דעם וועג דערזען אַ שאָטן.

אָבער מיין שטוב איז שוין דעמלט פאַרוועבט געווען מיט דיקעם נעפּל פון פאַרנאַכט.

און דו האָסט נישט דערזען מיין פּוסטע שטוב און האָסט נישט דערהערט דאָס שוואַכע קלאַפּן פון מיינע זייגערס, וואָס קלינגען אויס די שעהן און ליגן אויף מיינע ליפּן אַ חותם פון שווייגן.

פריינדשאַפט

א

איך האָב געווונען אַ גוטן פריינד.

ער איז געקומען אַ נישט דערוואַרטער, אַ נישט געבעטענער, אַ ליבער — זיין דערשיינען האָט מיר געבראַכט פיל פרייד.

— איך האָב דיך תמיד ליב געהאַט — האָט ער געזאָגט וואָ־רעם — שטענדיק האָב איך דיך געהאַלטן פאַר אַ האַרציקן חבר, כאָטש דו האָסט עס נישט געוווּסט. גלייב מיר — פון היינט אָן וועלן מיר זיין ווי ברידער...

איך האָב אים געפרעגט:

— וואָס פאַר אַן אומגליק האָט דיך געטראָפן?

— איך האָב פאַרשפּילט מיין אָנגעזעענע שטעלע, מיינע גע־שעפטן גייען זייער שלעכט, און אפילו דעם גוטן שם האָב איך פאַרלוירן... — האָט ער אומעטיק געענטפערט.

איך האָב אים געטרייסט און פאַרגעלייגט אים צו העלפן. ער איז דאָך געווען מיין פריינד.

ב.

איך האָב פאַרלוירן אַ גוטן פריינד.

ער איז פון מיר אַוועק פלוצים, אָן אַ וואָרט, ער האָט זיך אפילו נישט געזעגנט. און מיטגענומען האָט ער מיט זיך אַלץ — די גאַנצע פריינדשאַפט.

אַנומלט האָב איך אים באַגעגנט.

— וואָס פֿאַר אַ גליק האָט דיך געטראָפֿן? — האָב איך געפֿרעגט.

— מיינע געשעפֿטן גייען ווידער גוט. — האָט ער געענטפֿערט מיט גדלות — איך האָב ווידער אַ גוטן שם און איך בין ווידער אַ מענטש אַן אָנגעזעענער, אַ איש חשוב בעיר.

איך האָב אים פֿאַרזיכערט, אַז איך פֿאַרשטיי די גאַנצע קאָמפּליצירטקייט פֿון דער דאָזיקער געשעעניש, און איך האָב נישט צו אים קיין שום טענות. איך האָב אים אַלץ מוחל געווען — ער איז דאָך געווען מיין פֿריינד...

חתן־כלה

באַקאַנט האָבן זיי זיך דורך אַן אַנאָנס אין דער צייטונג. אַ קורצע צייט האָבן זיי צווישן זיך קאָרעספּאָנדירט, און אין זייערע בריוו איז געווען אַ סך בענקשאַפט און ליידנשאַפט.

אין אַ געווויסן טאָג האָבן זיי באַשלאָסן פּערזענלעך זיך צו באַקענען.

צו דער באַגעגעניש זענען זיי געקומען גערירט — זייערע הערצער האָבן געצאַפּלט פון ליבע.

צוערשט האָבן זיי גערעדט וועגן וועטער. דערנאָך האָבן זיי געשוויגן — זיי זענען געווען פאַרשעמט און האָבן נישט געקוקט איינס אויף דעם צווייטן.

ער האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס.

זי האָט נערוועז געצופּט אַ פאָדעם פון דער הענטשקע. אירע האַנטפלאַכן זענען געווען טונקל פון דער אַרבעט. ער האָט דאָס באַמערקט און אַראָפּגעלאָזט דעם בליק. איצט האָט ער דערזען אירע פּיס אין געצירעוועטע זאָקן, אירע געלאַטעטע, נישט מאָדער־נע האַלבשיך — און עס איז אים געוואָרן פּיינלעך.

ס׳האָט אָנגעהויבן רעגענען, און ער איז געווען אין אַ יום־טובדיקן קאַפּעליוש.

אויפן וועג איז געווען אַ בלאָטע. זי האָט דערפילט, אַז אירע האַלבשיך נעצן דורך, און גענומען גיין שנעלער.

זי איז געווען בייז אויף זיך און בייז אויף דער גאַנצער וועלט.

— אַ פֿאַרלוירענער טאָג — האָט זי געטראַכט — דער איינציקער טאָג אין דער וואָך, ווען מען קאָן זיך רואיק און צו דער זעט אויסשלאָפֿן...

דער יונגערמאַן איז געגאַנגען לעבן איר מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אַ נעבעכדיקער, אַ שולדיקער.

זיי האָבן געשוויגן, זיי האָבן גאָרנישט געהאַט וואָס זיך צו זאָגן...

אונטערוועגנס

דער וואַגאָן איז געווען פול מיט פּאַסאַזשירן און פול מיט רויך — די מענטשן האָבן גערויכערט ליולקעס און פּאַפּיראָסן — געדיכט איז געווען פון דעם דאָזיקן רויך, וואָס האָט געגריזשעט די אויגן. לעבן מיר איז געזעסן אַן עלטערער מענטש און האָט געלייענט אַ צייטונג.

— אַפּעלסינאָוויטש איז געשטאָרבן — האָט ער געזאָגט אין אַ געוויסן מאָמענט און האָט אַ זיפץ געטאָן.

— אַפּעלסינאָוויטש? — האָב איך איבערגעחזרט — איר האָט אים געקענט?

— ניין — האָט געענטפערט דער בירגער — איך האָב אים נישט געקענט. כ'האָב אפילו קיינמאָל נישט געהערט וועגן אַזעלכן, אָבער נישט דאָס איז דאָך וויכטיק, צי איך האָב אים געקענט. וויכטיק איז, אַז עס איז געווען צווישן אונדז אַזאַ מענטש און אַז דער דאָזיקער מענטש איז געשטאָרבן.

דער בירגער האָט געזיפצט און זיין פּנים איז געווען גרוי ווי דער דאָזיקער האַרבסטיקער רעגנדיקער בין השמשות.

— שטענדיק הייב איך אָן צו לייענען די צייטונג אויף יענער זייט, ווו מען דרוקט געווייינלעך די נעקראָלאָגן. — האָט ער ווייטער געצויגן, פּאָכנדיק מיט דער צייטונג — און וויפל מאָל איך טרעף אַ נאָמען, וואָס איז אַרומגעצוימט מיט אַ שוואַרץ רעמל, פאַרטראַכט איך זיך: ווער איז ער געווען, דער דאָזיקער מענטש? וויאַזוי האָט ער אויסגעזען? וויאַזוי האָט ער אויסגעזען, דעמלט ווען ער איז אַלט געווען אכצן יאָר און ווען ער האָט געקוקט אין דער צוקונפט מיט וווּנדערלעכער לייכטזיניקייט? אָט, צום ביישפּיל דער דאָזיקער פּאָמעראַנצעוויטש, צי אַפּעלסינאָוויטש... ער איז אַוועקגעגאַנגען אין דער אומענדלעכקייט מיט דעם דאָזיקן עטוואָס

קאָמישן נאָמען זיינעם, אונטער וועלכן עס האָט פולסירט אַ מענטש־לעך לעבן — וואָסער לעבן איז עס געווען? אַ גוטס, אָדער אַ שלעכטס? אַ געלונגען לעבן, אָדער אַ טראַגיש לעבן?

עס איז מיר געוואָרן שווער אויפן האַרץ.

— אַלץ מער מענטשן שטאַרבן אָפּ פון מיין דור — האָט געזאָגט דער בירגער — און מיר דאַכט זיך, אַז די ריי וואָס איז פ אַ ר מיר, ווערט אַלץ קלענער און קלענער...

— ע־ע... —האָב איך אויסגערופן טרייסטנדיק — איר זענט דאָך נישט אַזוי אַלט. איר האָט נאָך פאַר זיך אַ לאַנגע רייזע...

— איך האָף... — האָט ער געענטפערט באַשיידן — איך האָף...

און ער איז שטיל געוואָרן.

אינדרויסן איז צוגעפאַלן דער אָוונט, עס האָט גערעגנט און דער רעגן איז טראַנסווייז געשוווּמען און האָט געקאַפּעט אויף די שויבן פון פענצטער, אָבער אין וואַגאָן איז געווען טרוקן און וואַרעם. דער קאָנדוקטאָר האָט אָנגעצונדן דאָס ליכט און דעמלט האָב איך באַמערקט, אַז אַנטקעגן מיר זיצט אַ פרוי, אַן אומבאַקאַנטע פרוי, און איך האָב באַמערקט, אַז שיין איז זי און אַז אירע שיינע אויגן באַטראַכטן מיך מיט פריינטלעכקייט. פלוצים האָב איך דערפילט אַ באַגער, אַז די דאָזיקע רייזע זאָל דויערן וואָס לענגער, און אַז...

מעגלעך, אַז די דאָזיקע שיינע פרוי האָט געלייענט אין מיינע געדאַנקען — זי האָט מיך באַשאָנקען מיט אַ שמייכל און אויסציענ־דיק צו מיר די האַנט, האָט זי געזאָגט:

— אונטערוועגנס דאַרף מען זיך שטענדיק אויפפירן אַזוי, ווי די רייזע זאָל נאָך דאַרפן דויערן זייער לאַנג.

וואָס עס איז געווען ווייטער, האָט נישט קיין זין צו דערציילן. עס איז דאָך נישט מער ווי אַ משל, פון יענע משלים, וואָס געוויסע רעצענזענטן קאָנען זיי נישט פאַרשטיין...

אומזיכערקייט

די דאָזיקע פרוי האָב איך באַגעגנט אין דער שווערסטער צייט פון מיין לעבן. איך בין דעמלט געווען הונגעריק און היימלאָז. מיינע מלבושים זענען געווען אין צויטן און מיינע פיס באָרוועס. מיין אויסזען האָט אָבער ביי קיינעם נישט געוועקט קיין רחמנות. אויב עס האָט שוין ווער געוואָרפן אויף מיר אַ בליק, האָט ער עס געטאָן בכדי אויסצודריקן גדלות און שטאָלצקייט.

און נאָר זי, די דאָזיקע פרוי, איז געווען דער איינציקער מענטש, וואָס האָט מיר דערלאַנגט די האַנט. זי האָט געזעטיקט מיין הונגער. אירע באַרמהאַרציקע הענט האָבן פאַריכט מיינע אָרעמע מלבושים. זי האָט אָפּגעוואַשן און אויסגעהיילט מיינע וווּנדן און באַשאָנקען האָט זי מיך מיט האַרץ און געפיל.

— דו ביסט הייליק דורך דיין גוטסקייט... — האָב איך צו איר געזאָגט.

זי האָט זיך צעלאַכט און געענטפערט:

— איך בין נישט הייליק. איך האָב אַזאַ שלעכטן שם אין שטעטל, אַז דו דאַרפסט צו מיר פילן אַן עקל...

— אויב אַזוי... — האָב איך שטיל געזאָגט און האָב אָנגעהויבן צו פילן צו איר אַן עקל.

נאָר ביז היינט איז אין מיר פאַרבליבן אַ פונק פון אומזיכערקייט: און אפשר איז זי דאָך געווען אַ הייליקע?

די שטאָט

נישט צופעליק האָב איך באַשלאָסן צו באַזעצן זיך אין דער דאָזיקער שטאָט. איך האָב צוערשט דורכגעוואַנדערט אַ פּאָר קאָנ־טינענטן, באַזוכט אַ סך מדינות און באַקענט זיך מיט הונדערטער אַנדערע ישובים, ביז איך האָב זיך באַזעצט אין מ יי ן שטאָט.

איך האָב ליב די איינוווינער פון דער דאָזיקער שטאָט. דאָס זענען מענטשן אייד׳לע, מיט שיינע טראַדיציעס און גוטע מנהגים. די מענטשן זענען דאָ העפלעך, יונגע האָבן דרך ארץ פאַר זקנים, מענער טרעטן אָפּ דעם פּלאַץ פאַר פרויען, דערוואַקסענע — פאַר קינדער.

דאָס איז די שטאָט פון ערלעכקייט. די אָרטיקע תפיסה האָט מען מיט יאָרן צוריק פאַרוואַנדלט אין אַ פאַרווייליונגס־הויז.

און אין דער דאָזיקער שטאָט איז איין מענטש דעם צווייטן — אַ ברודער, די מאַכט — איז אַ האַרציקע מאַמע, דער מיליציאַנט — אַ גוטמוטיקער פריינד.

די מענער ליבן דאָ בלויז די אייגענע פרויען. יעדער בעל־חוב צאָלט גערן זיינע חובות. אַפילו די סוחרים האָבן דאָ אַ גוטן שם. די בעלי דרשנים זאָגן שטענדיק דעם אמת, און ליגן איז דאָ אַן אומ־באַקאַנט וואָרט.

אָט דערפאַר טאַקע האָב איך ליב מיין שטאָט.

אָבער פאַרוואָס — זייט מוחל — פאַרוואָס שמייכלט איר אַזוי איראָניש?

פּראָגרעס

אַ מנין מענטשן האָט זיך געמאַטערט אַרום אַ גרויסן שווערן שטיין. דער שוויס האָט געטריפט פון זייערע פּנימער און פון גרויס אָנשטרענג זענען די אָדערן אויף זייערע אָרעמס און ברוסטן געוואָרן דיק ווי שטריקלעך.

פון צייט צו צייט איז זיי געלונגען צו רירן די שווערע מאַסע פון אָרט. ענדערנדיק זיין פּאָזיציע, פלעגט דער שטיין צעקוועטשן און צו נישט מאַכן די שוואַכע געוויקסן, וואָס האָבן געלעבט אַרום אים.

— אייער שטיין פאַרניכטעט די בלומען — האָב איך געזאָגט מיט פאָרוורף.

— ניין — האָט געענטפערט איינער פון די פאַרהאָרעוועטע מענטשן — אונדזער שטיין פאַרניכטעט די דערנער.

— לוינט עס אייך צוליב אַ פּאָר נישטיקע דערנער צו טאָן אַזאַ שווערע אַרבעט? די דערנער וועלן במילא אין אַ געווויסן טאָג פאַרוויאַנעט ווערן און דעם שטיין קאָנט איר דאָך לאָזן ליגן אויף דעם זעלבן אָרט.

די מענטשן האָבן אויף מיר געקוקט מיט רחמנות, און איינער פון זיי האָט געזאָגט:

— דער דאָזיקער שטיין מוז שטענדיק זיך באַוועגן פאָרויס. דאָס איז אַ שווערע זאַך, אָבער אַ וויכטיקע. אַנדערש וואָלט אונדזער לעבן נישט געהאַט קיין זין.

— ווי לאַנג ווילט איר טאָן די דאָזיקע שווערע אַרבעט? — האָב איך ווייטער געפרעגט.

— שטענדיק, ווי לאַנג מיר וועלן לעבן.

— איר זענט אָבער נישט אומשטערבלעך.

— געווים. נאָך אונדז וועלן קומען אַנדערע און אויך זיי וועלן טאָן די זעלבע אַרבעט. פאַרשטייסט נאָך אַלץ נישט?

זיי האָבן אויך מיר געקוקט מיט פאָרוורף און מיט דערוואַרטונג. איך האָב אויסגעטאָן מיין יום־טובדיקן ראָק און פאַרשאַרצט די אַרבל.

— איך וועל אייך העלפן — האָב איך געזאָגט און גענומען זיך צו דער אַרבעט.

דאָס העמד

דער דאָזיקער מענטש האָט נישט געהאַט אויף זיך קיין העמד.

— ווו איז דיין העמד? — האָב איך אים געפרעגט.

— פאַרקויפט... — האָט ער געענטפערט.

— ביזט, הייסט עס, אָרעם...

— אָ, ניין! — האָט ער געענטפערט מיט גדלות — איך האָב פאַרקויפט מיין העמד, בכדי צו זיין רייך...

לאַנג האָב איך נישט געקאָנט פאַרשטיין זיין תשובה, כאָטש זי איז געווען אַזוי פשוט און קלאָר: „פאַרקויף דאָס לעצטע העמד אַבי צו זיין אַ נגיד...״

עס מאַטערט מיך מיין אָרעמקייט. ווער פון אייך וועט קויפן מיין לעצט העמד?

דער מענטש פֿון קאַלאָמיי

אַ פֿרעמדער מענטש האָט מיך אַרומגעכאַפּט אויף דער גאַס און גענומען מיך קושן און האַלדזן.

— סאַראַ ליבע באַגעגעניש! איך פֿלעג אַזוי אָפֿט וועגן אייך טראַכטן...

איך האָב אויף אים געקוקט פֿאַרחידושט און האָב געשוויגן. דער אומבאַקאַנטער האָט מיך לאַנג און גוטברודעריש געקלאַפּט אין דער פּלייצע.

— אַזוי, אַזוי... עד היום קאָן איך נישט פֿאַרגעסן דאָס, וואָס מיר האָבן דעמלט איבערגעלעבט אין קאָלאָמיי. און איר — איר מסתמא קערט אייך אויך צוריק צו יענע דערמאָנונגען...

— איך... — מיין שטימע איז געווען כמעט שעמעוודיק — איך בין קיינמאָל נישט געווען אין קאָלאָמיי...

דער פֿרעמדער מענטש איז אַנטשוויגן געוואָרן. איך האָב געפֿילט, אַז עס דערהייבט זיך און וואַקסט אוים צווישן אונדז אַ קאַלטע וואַנט פֿון פֿרעמדקייט.

— אַזוי, הייסט עס... — האָט ער געזאָגט מיט אַן אַנטוישטער שטימע — זענט איר, הייסט עס, קיינמאָל נישט געווען אין קאָלאָמיי... טאָ פֿאַרוואָס־זשע האָב איך אייך אַזוי האַרציק באַגריסט און געקושט?

עס איז מיר געווען אומעטיק און פּיינלעך.

— מיין ליבער גוטער מענטש — האָב איך אים געענטפֿערט — צי מוז מען זיין דווקא פֿון קאָלאָמיי, בכדי צו זיין ראוי צו דיין באַגריסונג און צו דיין קוש?

דער פאַרליבטער וואַלפיש

האָט געזאָגט דער וואַלפיש צום קליינעם פישעלע:

— דו ביסט דאָס שענסטע פישעלע אויף דער וועלט. איך בין אין דיר פאַרליבט און איך וויל, אַז דו זאָלסט מיך ליבן. מיין ליידנשאַפט צו דיר איז אַזוי גרויס, אַז איך מוז דיך איינשלינגען.

— דו ביסט ברוטאַל — האָט געענטפערט דאָס פישעלע — איך צווייפל, צי איך וועל דיך קאָנען ליבן. און דו — ליב מיך ווייניקער און לאָז מיך לעבן...

דער פאַרליבטער וואַלפיש האָט אומעטיק געזיפצט, און געטאָן האָט ער דאָס, וואָס וואַלפיש טוען געוויינלעך מיט קליינע פישעלעך...

אַ שעה אין הימל

איך האָב זיך אַרויסגעלאָזט אויף מיין טאָג־טעגלעכן שפּאַציר און באַמערקט, אַז די גאַס איז היינט אויסגעפּוצט מיט בלומען. מענטשן האָב איך באַגעגנט פריילעכע, לאַכנדיקע און יעדעס געזיכט האָט געשפּראָצט מיט גוטסקייט און פריינדלעכקייט.

— וואָס פאַראַ יום טוב איז היינט? — האָב איך געפרעגט.

— קיין שום יום טוב — האָט מיר געענטפערט אַ דורכגייער און מיך מכבד געווען מיט אַ גוטן ציגאַר — אַ געוויינלעכער וואָכעדיקער טאָג...

געזעגנט זיך מיט דעם אומבאַקאַנטן, האָב איך מיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פון ביוראָ, וווּ איך אַרבעט שוין זייט כמה יאָרן.

— זייט מוחל! — האָט מיך פּלוצים פאַרהאַלטן אַ פאַרשוין מיט אַ פאַרדעכטיקטן אויסזען, אָט פון יענע פאַרשוינען, וואָס זענען אונדז באַקאַנט פון די קרימינעלע ראָמאַנען — זייט מוחל, איר האָט פאַרלוירן אַ פאָרטפעל, וואָס איז אָנגעשטאָפּט מיט געלט...

— עס איז אַ מיספאַרשטענדעניש — האָב איך געפרווט אויפקלערן — איך האָב קיינמאָל אין לעבן נישט געהאַט קיין גראָשן ביי דער נשמה און איר זענט מיך חושד, אַז איך האָב פאַרלוירן דעם דאָזיקן פּאַקעט...

— נישט דיסקוטירן! — האָט אויסגעשריגן דער מאָדנער פאַרשוין — נעמט און זאָל אייך זיין צום געזונט. איך ווייס דאָך, אַז דאָס געלט וועט אייך צונוץ קומען. איבעריקנס, איר האָט דאָס ערלעך פאַרדינט, און אָן קיינעמס שאָדן. אַחוץ דעם וועט איר אין דער נאָענטסטער צוקונפט באַקומען אַ גאָלדענעם מעדאַל. און

איצט גייט געזונטערהייט צו דער אַרבעט און זעט, אַז איר זאָלט אייך נישט פאַרשפּעטיקן...

אַביסל אַ צעחושטעטער האָב איך באַהאַלטן דאָס געלט און געלאָזט זיך צו דער אַרבעט. ווי נאָר איך האָב באַוויזן אַריבערצוטרעטן די שוועל, האָט מען מיך באַלד אַרייַנגערופן צום שעף. ער איז דאָס מאָל געווען זייער גוט, מאָלט אייך אויס, אַז ער האָט ביי מיר גענומען דעם מאַנטל און אייגנהענטיק אויפגעהאָנגען אויף דעם הענגער.

— ליבער פריינד — האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ ווייכער, גערירטער שטימע — איך באַדויער פון גאַנצן האַרץ, וואָס נישט געקוקט אויף אייערע גראָע האָר, און נישט געקוקט אויף אייערע פאַרדינסטן פאַר דער געזעלשאַפט, האָב איך אַזויפיל יאָרן, טאָג טעגלעך, געשיקט אייך נאָך פּאַפּיראָסן, אָדער נאָך זעלצער־וואַסער, כאָטש געוווסט האָב איך דאָך, אַז איר ליידט אויף רעוומאַטיזם, אויף אַסטמע און נאָך עטלעכע חולאתן, און נישט געקוקט דערויף, וואָס מיר געפינען זיך אין אונדזער ביוראָ אויפן זעקסטן שטאָק. איך באַדויער שטאַרק, וואָס אַזוי איז עס געווען, און איך באַגער, אַז פון היינט און ווייטער, זאָלן אונדזערע ראָלן זיך ענדערן. זאָגט מיר, וואָסערע באַגערן האָט איר? וואָס פאַרלאַנגט איר? ווערט איר דערלויבן, מיין ליבער, אויב איך וועל אייך ברענגען אַ גלעזל פרישע שמעקעוודיקע קאַווע?

איך האָב אָנגעהויבן צו פּראָטעסטירן, אָבער מיין שעף איז געווען עקשנותדיק־קאָנסעקווענט. איך בין געווען געצוווּנגען צו קאַפּיטולירן. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אין דעם ווייכן פּאָטערשטול, אָנגעשפּאַרט די הענט אויפן שרייבטיש און זיך פאַרטראַכט.

און אָט אַזוי זיץ איך, אָן שום זאָרגן, אַ גליקלעכער... די זון שיינט, דער טאָג איז אַ פּרעכטיקער, אַ וואַרעמער און דער הימל איז אַ בלויער. און די ערד ווי שיין זי איז...

און באַלד וועט אַרייַנקומען מיין שעף און וועט מיר ברענגען אַ גלעזל פרישע קאַווע. אוי, ווען איר זאָלט וויסן ווי מיר איז גוט...

דער גרויסער

אַ מענטש אויף הילצערנע שטאָלצן איז געשטאַנען צווישן המון און האָט געשריגן:

— איך בין גרויס!

אַלע אַנווייזנדיקע האָבן צוגעבאָמקעט:

— דו ביסט דער גרעסטער!

דער מענטש אויף שטאָלצן האָט ווידער און ווידער איבער־געחזרט:

— איך בין קלוג!

דער כאָר האָט געזונגען:

— זיי געלויבט!

דער מענטש אויף שטאָלצן:

— איך בין גוט...

קלעזמאָרים האָבן געשפּילט און פרויען האָבן געטאַנצט, דיכ־טער האָבן געשריבן שבחים און דער עולם האָט געבויט אַ דענק־מאָל פאַר דעם מענטש אויף שטאָלצן.

נאָר אין אַ געוויסן טאָג, ווען דער מענטש אויף הילצערנע פיס האָט, ווי געוויינלעך אַ רוף געטאָן: „איך בין גרויס!“ — האָט אים געענטפערט אַ שטיל שווייגן.

— עך, ליבע, גוטע פריינד! פאַרוואָס האָט איר פאַרשעמט דעם גרויסן מענטש אויף הילצערנע פיס?...

דער העלד

מיר זענען געשטאַנען אומבאַהאָלפן און פאַרזאָרגט, און נישט געוווסט וואָס צו טאָן. עס זענען צווישן אונדז נישט געווען קיין דרייסטע, מוטיקע מענטשן, מיר האָבן געקוקט איינער אויף דעם צווייטן פאַרשעמט. שלים־מזלניקעס...

— אפשר זאָלן מיר עפענען און אַריינגיין — האָב איך שטיל געזאָגט צו איינעם, אַן אומבאַקאַנטן, וואָס איז געשטאַנען לעבן מיר.

— אויסגעשלאָסן —האָט ער געענטפערט — די דאָזיקע טיר איז פאַרשלאָסן.

— פון וואַנען ווייסט איר, אַז זי איז פאַרשלאָסן? — האָב איך געפרעגט — איר האָט שוין געפּרוווט?

— ניין, אָבער איך ווייס... — האָט געענטפערט דער מענטש, קוקנדיק אויף מיר מיט אַן אומחן.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מיין פאָרשלאַג איז נאַיוו, און כ׳בין רויט געוואָרן פון שאַנד.

און ווידער זענען מיר געשטאַנען לאַנג אויף דעם זעלבן אָרט, וואַרטנדיק אויף אַ נס, אָדער אויף אַ היסטאָרישער געשעעניש.

פּלוצים האָט זיך צווישן המון באַוויזן אַ מענטש — אַ ברייט־פּלייציקער, מיט ענערגישע באַוועגונגען, אַ גיבור. זיינע שטאַרקע עלנבויגנס האָבן געוועקט באַוווּנדערונג און דרך ארץ. מיר האָבן זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט, בכדי צו מאַכן פּאַר אים אַ וועג. עס איז געווען קלאָר: אַ העלד.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר, פאַרקאַשערט די אַרבל, שטאָלץ אַ קוק געטאָן אויף אונדז און — מיט איין באַוועגונג פון דער האַנט האָט ער די טיר געעפנט.

די באַגייסטערונג פון עולם האָט נישט געהאַט קיין גרענעצן. מיט אַ ספּאָנטאַנישער אָוואַציע האָבן מיר אים אָפּגעגעבן דעם געהעריקן כּבוד.

— אַ העלד! — האָט געשריגן דער המון.

— אַ העלד! — האָב איך געשריגן מיט טרערן אין די אויגן.

ערשט שפּעטער האָב איך זיך פאַרטראַכט און האָב גאָר די גאַנצע מעשה נישט געקאָנט פאַרשטיין. די טיר איז דאָך תּמיד געווען אָפן...

דער זוכנדיקער

דעם דאָזיקן מענטש קאָנט איר באַגעגענען אין יעדער שטאָט. עס קאָן אָבער פּאַסירן, אַז איר וועט זיין שטאַרק פאַרנומען מיט זיך און מיט אייערע אייגענע ענינים, און איר וועט אים נישט באַמערקן. ווען איר וועט אָבער האָבן אַ ביסעלע גוטן ווילן, וועט איר אים לייכט דערקענען.

ער איז שיין, נאָר נישט דאָס איז זיין עיקרדיקער סימן, ווייל יעדער מענטש פאַרמאָגט אין זיך אַ קערנדל שיינקייט.

דערקענען וועט איר אים אין זיינע גרויסע, ברייט צעעפנטע אויגן, וועלכע זוכן און נישטערן צווישן דעם המון דורכגייער, און כאָטש זיי שווייגן, לייענט איר אין זיי די פראַגע:

— ווער פון אייך האָט געפונען? ווער האָט געפונען?

טויזנטער דורכגייער באַמערקן אים נישט. און טויזנטער שמייכלען איראָניש:

— אַ משוגענער...

אָבער מיר ווייסן דאָך, אַז ער איז נישט משוגע.
אפשר וועלן מיר אים העלפן זוכן?

דער אומגליקלעכער לץ

דורך דער וועלט וואַנדערט אַ מענטש אין אויסטערלישע אָפּגעריסענע און פילפאַרביקע מלבושים. אַ לץ, אָדער אַ משוגענער?

זיין פּנים איז פאַרקרימט אין עקלהאַפטע גרימאַסן. דער המון קוקט אויף אים און פאַרווײַלט זיך מיט זיין משוגעת, און לאַכט, און לאַכט...

און נאָר איין מענטש קוקט אויף דעם ווילדן פאַרשוין מיט אומעט און צער. בלויז איין מענטש שטייט צווישן דעם לאַכנדיקן עולם און טרערן קייקלען זיך אויף זיין געזיכט.

— פאַרוואָס וויינט איר? פאַרוואָס לאַכט איר נישט אויס דאָס דאָזיקע פאַרזעניש?

דער אומעטיקער מענטש לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און זיפצנדיק ענטפערט ער שטיל:

— איך וואָלט מסתמא אויך געלאַכט, ווען דער דאָזיקער אומגליקלעכער זאָל נישט זיין מיין ברודער...

דער דעמב

ביים פענצטער פון הויז איז געוואָקסן אַן אַלטער שטאָלצער דעמב מיט ברייטע צווייגן, צווישן וועלכע דער ווינט פלעגט סו־דותפּול פליסטערן.

אין שאָטן פון דעם דאָזיקן בוים איז געזעסן אַן איינזאַמער זקן, וועמענס חושים האָבן שוין פאָרגעפילט דעם אָנקומענדיקן סוף.

דעם אַלטן מענטש איז געווען אומעטיק.

— פון קינדווייז אָן האָב איך געלעבט אין שאָטן פון דעם דאָזיקן דעמב. שווער וועט מיר זיין מיט אים זיך צו שיידן.

גוטע מענטשן האָבן אים געטרייסט:

— ווען דו וועסט שטאַרבן, וועלן מיר דעם בוים אָפּהאַקן. מיר וועלן אים צעזעגן אויף ברעטער און צודעקן מיט זיי דיינע ביי־נער. אַזוי אַרום וועסטו מיט אים פאַרבלייבן אויף אייביק.

דער אַלטער האָט זיך צעוויינט און געזאָגט:

— מיט וואָס ווילט איר מיך טרייסטן? מיט דעם טויט פון מיין פריינד? אָ, ניין, מיט זיין שיינקייט זאָל דער דאָזיקער דעמב דינען פאַר לעבעדיקע און נישט פאַר טויטע...

דער זקן איז געשטאָרבן און מיט אַ צייט שפּעטער האָט מען דעם דעמב אונטערגעהאַקט.

מען האָט פון אים געמאַכט אַ תליה און, פאַרשטייט זיך, גע־האָנגען אויף אים לעבעדיקע מענטשן.

אַזוי אַרום זענען מקוים געוואָרן די ווערטער פון דעם זקן...

עקזאָטיק

דערציילן וועל איך אײַך אַ מעשה פֿון ווײַטע מקומות — פֿון אַן עקזאָטיש לאַנד, פֿון אַן אינדזל וואָס ליגט אין די זוניקע לענדער, ווו דער פֿרילינג דויערט אײביק און ווו די מענטשן זענען אײביק יונג.

גליקלעכע מענטשן זענען אויף דעם דאָזיקן אינדזל.

באַגעגנט האָב איך מיך מיט זיי בעת איינער פֿון מײַנע ווײַטע רײַזעס. קוים האָב איך באַוויזן צו פֿאַרלאָזן די שיף, קוים האָב איך זיך געפֿונען אויף דער יבשה, און שוין האָבן זיי מיך אַרומגערינגלט, די אײַנוווינער פֿון דעם דאָזיקן אינדזל, און איינער נאָכן צווייטן האָבן זיי מיר דערלאַנגט די האַנט און באַגריסט מיך האַרציק און געפֿרעגט:

— זענט איר נישט הונגעריק?

— זענט איר נישט דורשטיק?

— ווילט איר נישט געניסן פֿון מײַן הילף?

— דערלויבט מיר צו זײַן אײַער פֿרײַנד...

איך בין געווען דערשטוינט. קיינמאָל ביז איצט האָב איך זיך נישט באַגעגנט מיט אַזויפֿיל האַרציקייט. מיט וואָס און ווי אַזוי האָב איך מיר עס פֿאַרדינט?

אינגיכן האָב איך מיך איבערצייגט, אַז האַרציקייט און פֿרײַנדלעכקייט געהערן דאָ צו די אַלטע, גוט אײַנגעוואָרצלטע מנהגים.

— פאַרוואָס קוקט איר אויף אונדז אַזוי מאָדנע? — האָט מיך געפרעגט איינער פון די דאָרטיקע באַלעבאַטים — מיר טוען זיך קעגנזייטיק גוטס, בכדי צו זיין גליקלעך. אונדזער לעבן איז דערפאַר זוניק און שיין, און דער פרילינג דויערט ביי אונדז אייביק.

איר ווילט וויסן ווו עס געפינט זיך דאָס דאָזיקע אינדזל? איר וועט עס נישט געפינען אויף קיין שום מאַפּע. אויב אָבער איר וועט וועלן ווען עס איז אַהין זיך אויסקלויבן, וועל איך אייך ווייזן דעם וועג: לעבט אַזוי ווי יענע מענטשן לעבן, און דעמלט...

דאָס ווונדערלעכע וואַסער

דאָס מאָל האָב איך מיך פֿאַרהאַלטן אין אַ שטאָט, וואָס האָט געשמט מיט אירע גרויסע רעדנערס. מיט באַוווּנדערונג האָב איך זיי באַטראַכט און געטראַכט האָב איך דערביי ווי אַזוי צואייגענען זיך אַ ביסעלע פֿון זייער חכמה און טאַלאַנט.

— ביי זיי קאָנט איר נישט איין זאַך לערנען — האָט צו מיר געזאָגט דער בעל אכסניה — גייט און הערט...

איך בין אַרויס אויף דעם שטאָטישן פּלאַץ, ווו עס איז געווען זייער אומעטיק. עס האָבן דאָ געבליט פֿיל שטעכעדיקע דערנער.

אַרומגערינגלט פֿון אַ מנין קרעמער און הינקענדיקע מענטשן איז געשטאַנען איינער פֿון די אָרטיקע אָנגעזעענע מגידים און האָט געזאָגט מוסר. זיינע ווערטער זענען געווען פּליסיק ווי אַ טייך — ווי אַ טייך, וואָס זיין אָנהייב און סוף פֿאַרלירן זיך אין דער אומ־ראַוווּסטער ווייטקייט.

די רעדע האָט געדויערט לאַנג, און ווען זי האָט זיך פֿאַר־ענדיקט זענען די מענטשן מיט גרויס צופֿרידנקייט אַוועק, יעדער צו זיין באַשעפֿטיקונג, און דער בעל דרשן האָט זיך געלאָזט אין דער ריכטונג צום שטאָטישן ברונעם. דאָרט האָט ער אָנגעפּלומפּט אַ גרויסן און פֿולן עמער וואַסער, און עס אויסגעזשלאָקעט ביז צום לעצטן טראָפּן. דערנאָך האָט ער איינגעטונקט דעם קאָפּ אין אַ סאַ־זשעלקע, וואָס איז געווען אַרום דעם ברונעם און אין דער דאָזיקער פּאָזיציע איז ער פֿאַרבליבן ביז צום אָוונט. אַרום אים האָבן דאָס זעלבע געטאָן אויך אַנדערע חכמים, סופֿרים און מגידים.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן זיך געמאַכט גרויסע היצן און דער ברונעם איז אינגאַנצן אויסגעטריקנט געוואָרן. די באַרימטע רעדנער זענען אַרומגעגאַנגען אומעטיקע און שווייגנדיקע. זיי האָבן געהויבן דעם בליק צום הימל, מתפּלל געווען און געוואַרט אויף אַ רעגן.

זיי האָבן אויפגעהערט צו האַלטן דרשות.

אַ מעשה מיט אַ גוט־מאָרגן

מיין טאַטע, דער באַשיידנסטער מענטש אויף דער וועלט, פלעגט מיר שטענדיק אָנזאָגן:

— ווען דו באַגעגנסט אַ מענטש, גיב אים אָפּ דעם געהעריקן כבוד. וואַרט נישט עמיץ זאָל דיך באַגריסן. זאָל דיין באַגריסונג און דיין שמייכל זיין שטענדיק גרייט פאַר יעדן דורכגייער.

איך שעץ דעם אָנדענק פון מיין פאָטער און איך באַמי זיך אַזוי צו פירן, ווי ער האָט זיך געפירט.

דאָ נישט לאַנג האָב איך אפילו געהאַט צוליב דעם גרויס עגמת נפש. לויפנדיק צו דער אַרבעט, האָב איך באַגעגנט צוויי על־טערע בירגער, פאַרנומענע מיט אַן ערנסטן געשפּרעך, מסתמא וועגן די לעצטע נייעסן אויף דער וועלט. ווי געוויינלעך, האָב איך זיי באַשאָנקען מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל און פריינטלעך זיי באַ־גריסט.

די צוויי עלטערע בירגער האָבן זיך פאַרנויגט, ווי דער סדר איז צווישן גוט דערצויגענע מענטשן, און אין זייערע געזיכטער האָב איך באַמערקט אַ צופרידנקייט.

ווען איך האָב זיך עטלעכע טריט דערווייטערט, האָב איך דערהערט, אַז צווישן די דאָזיקע צוויי מענטשן האָט זיך אָנגע־הויבן אַ וויכוח.

— איך מוז אייך אויפמערקזאַם מאַכן — האָט געשריגן איי־נער פון זיי — אַז דער דאָזיקער „גוטמאָרגן" געהערט צו מיר...

— שווייג! — האָט זיך געבייזערט דער צווייטער — דו ביסט געוווינט צוצואייגענען זיך פרעמדע זאַכן. מ י ך האָט באַ־גריסט דער דאָזיקער יונגערמאַן, און נישט דיך...

מיט אַ קאָפּעלע שטאָלצקייט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז צו־ליב מיר און צוליב מיין באַגריסונג פירט מען דעם דאָזיקן וויכוח. איך האָב זיך אומגעקערט, בכדי צו פאַראייניקן די צוויי איינגע־שפּאַרטע מענטשן.

מיינע באַמיונגען זענען אָבער פאַרבליבן אָן דערפאָלג. די צוויי קעגנער זענען אַריבער פון ווערטער צו מעשים — געערדט האָבן איצט זייערע פויסטן.

אין אָנבליק פון אַזאַ פאַרביסנקייט האָבן אויך אַנדערע דורכ־גייער נישט געקאָנט פאַרבלייבן גלייכגילטיק. אַ טייל פון זיי האָבן פאַרנומען אָרט לעבן איינעם, אַנדערע לעבן צווייטן. אַלע האָבן געקעמפט, כאָטש נישט אַלע האָבן געוווסט פאַרוואָס.

דערוויל האָט זיך באַוויזן אין אַ זייטיקן געסל אַן אָפּטיילונג פייערלעשער און אַ לאַנגע ריי אויטאָמאָבילן פון דער גיכער הילף. אָבער קיין סוף פון דעם געשלעג האָט מען נישט געזען.

און שולדיק געווען — בין איך. צוליב מיין „גוטמאָרגן" האָט זיך אָנגעהויבן דער וויכוח.

איך האָב געוואָלט באַרואיקן דעם עולם, געבן אים צו פאַר־שטיין, אַז די סיבה איז אַ נישטיקע — מיינע ווערטער האָט אָבער קיינער נישט געוואָלט אויסהערן.

פּלוצים בין איך געפאַלן אויף אַ גענייאַלער המצאה. איך בין אַרויפגעקראָכן אויף אַ פּאַרקן, און אויסשטרעקנדיק מיין אָרעם צו די קעמפנדיקע, האָב איך אַ געשריי געטאָן:

— אידיאָטן!

— אויף אַ ווײַלע איז געוואָרן שטיל.

— אידיאָטן! — האָב איך איבערגעחזרט, נישט אָנרופנדיק קיינעם ביים נאָמען.

איצט האָבן מיינע ווערטער געווירקט. די צוויי מענטשן האָבן זיך גענומען אַנטשולדיקן, דאָס זעלבע האָבן אויך געטאָן אַנדערע. איצט האָבן זיי אַלע גענומען דערנענטערן זיך צו מיר.

— שלאָגט אים! — האָט אויסגעשריגן איינער.

— שלאָגט אים! — האָט אונטערגעכאַפּט דער עולם — ער האָט אונדז באַליידיקט...

און איך... איך האָב זיי געוואָלט באַרואיקן און געבן צו פאַרשטיין, אַז מיין טאַטע, דער באַשיידנסטער מענטש אויף דער וועלט, האָט מיך תמיד געלערנט אָפּגעבן כבוד יעדן באַגעגנטן מענטש און אַז...

אָבער מיינע ווערטער האָט קיינער נישט געהערט.

דאָס גילדענע זייגערל

קיין גנב בין איך קיינמאָל נישט געווען. מענטשן האָבן תּמיד געהאַט צו מיר צוטרוי.

— איר זענט אַן אָרענטלעכער מענטש — פלעגט מען מיר אָפּט זאָגן. — אייער פּנים זאָגט וועגן אייך עדות.

און דאָך...

איך בין געשטאַנען אין דעם איבערגעפּולטן וואַגאָן פון דער עלעקטרישער באַן, צוגעדריקט צו דער וואַנט און קוים אַ לעבע־דיקער. קיינער האָט נישט געווענדט אויף מיר זיין אויפמערקזאַמ־קייט. קיינעם האָבן נישט גערירט די גראָע האָר מיינע, און אויך נישט מיין בליק פון אַ מאַרטירער — קיינער האָט פאַר מיר נישט געמאַכט קיין פּלאַץ.

אויף אַ געווויסער סטאַציע איז געוואָרן גרוימער, אַ צוויי דריי צענדליק פּאַסאַזשירן זענען אויסגעשטיגן און אַרום מיר זענען איצט געווען פיל פרייע פּלעצער. איך האָב מיך אַוועקגעזעצט און פלו־צים — אַ שטילקייט. די בליקן פון אַלע אַרומיקע פּאַסאַזשירן האָבן זיך געווענדעט אויף מיר.

— אַ זייגערל... — הער איך דעם פּליסטער פון איינעם.

— אַ גילדן זייגערל... — זאָגט דער צווייטער.

אין דער זעלבער רגע האָב איך דאָס גילדן זייגערל דערזען. עס איז געלעגן ביי מיינע פיס. איך האָב עס דערקענט, אָבער בכדי צו זיין זיכער, האָב איך נאָך אָנגערירט די האַנט, דאָרט ווו מען טראָגט אַ האַנט־זייגער. בקיצור, דאָס איז געווען מיין אייגן זיי־גערל, וואָס איך האָב עס באַקומען בירושה נאָך מיין טאַטן. איך האָב עס אויפגעהויבן פון דער ערד, אָפּגעווישט פון דער בלאָטע און באַהאַלטן.

— פראָשע פאַנאַ — האָט זיך אָנגערופן אַן עלטערע דאַמע, וואָס איז געזעסן אַנטקעגן מיר — וואָס טוט איר?

— דאָס איז מיין זייגערל — האָב איך געענטפערט אַ ביסל פאַרשעמט.

— אייער? — האָט אַ וואָרקע געטאָן אַן עלטערער מענטש — איר האָט דאָך עס איצט געפונען...

— נו, יאָ... איך האָב דעם זייגער פאַרלוירן און געפונען...

— דאָס איז אַ פאַרדעכטיקטע מעשה. יעדער איינער פון אונדז קאָן דאָך דאָס זעלבע זאָגן...

— מיינע הערן! — האָב איך מיך באַליידיקט און אויפגערעגט — איך גיב אייך מיין ערנוואָרט...

די פאַסאַזשירן האָבן אויסגעבראָכן מיט אַ בייז געלעכטער. און איינער האָט געזאָגט:

— איר זענט מינדעסטנס פאַרפליכטעט צו מעלדן און פרעגן, צי עס האָט ווער נישט פאַרלוירן אַ זייגערל...

— איך זאָג דאָך אייך, אַז איך אַליין האָב עס פאַרלוירן — האָב איך מיך געוועהרט.

— איר מעגט אייך שעמען — האָט אויסגערופן מיט פאַראַכטונג די אַלטע דאַמע און צוגעגעבן סענטענציאָנעל — עך, ווייניק ערלעכע מענטשן זענען פאַראַן אין אונדזערע צייטן...

באַלד האָט זיך דער צוג פאַרהאַלטן. ווען איך בין אַרויס פון וואַגאָן, האָב איך געפילט אויף זיך די בייזע בליקן פון די פאַסאַזשירן. און איך האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין, נישט דעם חשד און נישט די פאַראַכטונג — עס איז דאָך געווען מיין אייגן זייגערל...

געדערים

— נייגט צו די אויערן צו אייערע הערצער — האָט געזאָגט דער רבי — פאַרטראַכט זיך אין דעם אינערלעכסטן פון אייער וועזן. וואָס באַמערקט איר דאָרט? וואָס הערט איר דאָרט?

— אַ פלאַם פייער — האָט געזאָגט דער ערשטער תלמיד.

— זינדיקע לײדנשאַפטן — האָט געענטפערט דער צווייטער.

— יסורים...

— ליבע...

דער לעצטער האָט געזאָגט:

— געדערים! פשוטע הונגעריקע געדערים.

דער רבי האָט זיך טיף פאַרטראַכט און לאַנגע שעהן האָט ער נישט געקאָנט אַנטשיידן, ווער פון די שילער איז גערעכט.

ערשט אַ בת קול פון הימל האָט פאַר אים אַנטפּלעקט דעם אמת:

— גערעכט איז דער לעצטער!

דער בער

— איך פֿגר פון ווייטאָג — האָט געוויינט דער בער, ווען אַ דאָרן פון דער ווילדער רויז האָט לייכט אַ קיצל געטאָן זיין די־קע פעל.

— איך וועל מיך הרגענען! — האָט ער געדראָט, ווען אַ יונג ביימל איז אומגעפאַלן אויף זיין רוקן בעת אַ געוויטער.

— איך האַלט שוין נישט אויס, איך וויל שטאַרבן — האָט ער געיאָמערט, ווען עס איז אים אויסגעקומען צו זיין אַ פּאָר שעה הונגעריק.

נאָר אין אַ געווויסן טאָג, ווען ער האָט זיך געפונען אין אַן אמתדיקער געפֿאַר, האָט ער אַ רעווע געטאָן צו די יעגער, וועלכע האָבן אים אַרומגערינגלט:

— איך וויל לעבן! לאָזט מיך לעבן...

מאָדנע ענלעך צו אַ מענטש איז געווען דער דאָזיקער בער.

דער נגיד

מען האָט אים גערופן באַראָן ראָטשילד, כאָטש ער איז קיינ־מאָל קיין באַראָן נישט געווען. נאָר רייך איז ער געווען, דער דאָזיקער נגיד, דער גרעסטער נגיד אין שטעטל. קיינער האָט נישט געוווּסט גענוי וויפל ער פאַרמאָגט, אָבער עס איז געווען באַוווּסט, אַז ער איז רייך ווי אַ גאָלד־גרוב, און אַז אויב ער איז רייך, דאַרף מען אים אָפּגעבן דעם געהעריקן כבוד.

אין בית־מדרש פלעגט מען דערציילן, אַז ער פאַרמאָגט אַ מי־ליאָן, און אפשר נאָר טאַקע אַ גאַנצן מיליאַרד.

זיינע קרובים און גוטע פריינד האָבן געקרענקט אויף איי־פּערזוכט. נישט קאָנענדיק זיך דערוואַרטן אויף זיין טויט, פלעגן זיי אַריינפאַלן אין אַ מאָדנער חולאת. די גאַל פלעגט ביי זיי פּלאַצן און זיי פלעגן גיין פון דער וועלט פאַרביטערטע און אַנטוישטע.

אָבער זיינע בני־בית פלעגן דערפאַר לעבן שטאָלץ, ווי עס פּאַסט פאַר אַ מיליאַרדערס משפּחה. טאָג טעגלעך פלעגן זיי פאַר־ברענגען פיל שעהן פאַר דעם שיינעם אייזערנעם פייער־קאַסטן, אין וועלכן עס זענען געווען באַהאַלטן די גרויסע אוצרות. און בכדי די שטימונג זאָל שטענדיק זיין אַ דערהויבענע, האָבן זיי דעם אייזער־נעם קאַסטן באַצירט מיט בלומען־קרענץ און אויף זיין אויבערשטער וואַנט פלעגן זיי אָנצינדן אַ זילבערנעם לייכטער.

און אַזוי האָט עס געדויערט פיל שיינע און גליקלעכע יאָרן.

ויהי היום — געקומען איז דער טאָג, ווען דער רייכער מענטש איז געשטאָרבן. די יורשים האָבן געוויינט און געחלשט פאַר צער און — האָבן געעפנט דעם פייער־קאַסטן. קיין אוצר איז אין אים נישט געווען. זיי האָבן בלויז געפונען אַ בריוועלע מיט די

דאָזיקע ווערטער: „ווען איך בין שולדיק געבליבן, בין איך מוחל פון גאַנצן האַרץ...“

די יורשים האָבן לאַנג געלייענט די דאָזיקע צוואה, און מיט באַוווּנדערונג האָבן זיי געכליפּעט:

— אַזאַ גילדענע נשמה... נישט פאַרגעסן וועגן מחילה...

און ער, דער וואַרשעווער מיליאַרדער, דער בן־מינן איז זיך געלעגן רואיק אויפן טויטן־בעט און זיין גילדענע נשמה האָט גע־קייכט פון געלעכטער...

דער קינסטלער

ער איז געווען אַ גרויסער און באַגייסטערטער קינסטלער. זיין גרויסקייט האָט מען אָבער פעסטגעשטעלט ערשט דעמלט, ווען ער איז פון אונדז אַוועק.

איינמאָל האָט ער אויסגעמאָלט אַ בילד, אויף וועלכן אַ מענטש גרייכט צו די שטערן. די שטערן האָבן אויסגעזען ווי רייפע עפל און דער מענטש האָט זיי געקליבן אין אַ קיישל אַריין, פונקט ווי אַ גערטנער קלייבט אמתדיקע פרוכטן.

— דיין מאָלעריי איז משוגעת — האָבן די מענטשן געזאָגט — ווי אַזוי קאָן אַ מענטש דערגרייכן צו די שטערן? דו ביסט אַן אידעאַליסט. גלייבסט אין אוממעגלעכע זאַכן...

— עס איז נישטאָ קיין אוממעגלעכע זאַכן — האָט געענטפערט דער קינסטלער — צום הימל איז אַזוי נאָענט...

זיינע ווערטער האָבן אַרויסגערופן שפּאָט און לייכטזיניקע לצנות

— איר גלייבט מיר נישט — האָט געזאָגט דער קינסטלער — איך וועל אייך אָבער איבערצייגן...

אויף דעם זונענשטראַל, וועלכן ער פלעגט שטענדיק באַנוצן צו דער אַרבעט, האָט ער זיך דערהויבן איבער דער ערד, דאָרט ווו די שטערן באַלייכטן די אַסטראַלע וועגן און סטעזשקעס.

אויף אַזאַ אופן איז ער פון אונדז אַוועק און עד היום איז ער נישט צוריקגעקומען.

ווער פון אייך וועט אים דערלאַנגען אַ פּעקל טאַבאַק צו דער ליולקע? זאָגט אים ביי דער געלעגנהייט, אַז זיין בילד האָבן מיר שוין פאַרשטאַנען...

א דענקמאָל פאַר דעם באַשיידענעם

איך האָב אַ גוטן פריינד. מען האַלט אים פאַר איינעם פון די איידלסטע מענטשן אין אונדזער געזעלשאַפט. אַ דאַנק דער דאָזיקער איידלקייט האָט ער זיך דערוואָרבן פיל באַקאַנטע און פריינד.

— מיין ליבער — האָב איך איינמאָל צו אים געזאָגט — דיינע מעשים טובים האָבן שוין אַ שם איבער דער וועלט. אויב דו וועסט מיר דערלויבן וועל איך זייער גערן פאַראייביקן זיי אין איינעם פון מיינע ליטעראַרישע שאַפונגען...

— מיינע מעשים טובים? — האָט ער זיך פאַרחידושט — זייט איך לעב, האָב איך מיט אַזעלכע זאַכן נישט געהאַט צו טאָן.

— זיי נישט אַזוי באַשיידן... — האָב איך אים געפּרוּווט איבערצייגן — דיין לעבן איז דאָך אַ מוסטער פאַר אונדזערע קינדער.

— איך בין נישט באַשיידן — האָט מיר אויפגעקלערט מיין גוטער פריינד — איך האָב אָבער קיינמאָל קיינעם קיין גוטס נישט געטאָן.

— אויב אַזוי, פאַרוואָס־זשע ליבן דיך אַלע דיינע באַקאַנטע, פאַרוואָס שעצן זיי דיך?

— דערפאַר, ווייל איך האָב קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן.

איך האָב זיך פאַרטראַכט איבער זיין ענטפער.

— אַך, ס'אַרא פּרעכטיקער מענטש! קיינעם האָט ער קיין שלעכטס נישט געטאָן. וויאַזוי גיט מען אים אָפּ דעם געהעריקן כבוד? בירגער און פריינד, לאָמיר אים שטעלן אַ דענקמאָל!...

איך בין גרייט אָוועקצוגעבן פאַר דעם דאָזיקן צוועק אַלץ, וואָס איך וועל באַקומען פאַר דער דאָזיקער דערציילונג...

אייגענע דערפאַרונג

א

געפינענדיק זיך אין גרויסער נויט, האָב איך איינמאָל לייכטזי־ניק געבאָרגט אַ געוויסן סכום געלט ביי איינעם אַן אָרעמאַן. עס איז דאָך אַ באַקאַנטע זאַך, אַז אָרעמעלייט האָבן גוטע, מיטפילנדי־קע הערצער.

ביז היינט באַדויער איך די דאָזיקע הלוואה. דער מלווה מיי־נער איז נישט געווען קיין דיסקרעטער מענטש און באַלד איז די גאַנצע שטאָט געוואויר געוואָרן, אַז איך בין אַן אָנזעצער, אָדער ווי מען זאָגט היינט — אַ פאַרשפּילטער, אַ באַנקראָט.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט זאָלט איר פאַרגעדענקען: ביי אַן אָרעמאַן באָרגט מען נישט קיין געלט...

ב.

לייכטזיניק האָב איך אַ קוש געגעבן אַ געוויסע מויד, און דווקא איז עס געווען אַ מיאוסע מויד און טאַקע דערפאַר וועל איך מסתמא לאַנג דעם דאָזיקן קוש באַדויערן.

די מויד האָט זיך פאַרטרויט צו אירע חברטאָרינס און איצט ווייסט שוין די גאַנצע שטאָט, אַז איך בין אַ ביגאַמיסט.

אפילו מיין פרוי איז שוין אינפאָרמירט געוואָרן וועגן מיין מאָראַלישער ירידה.

וואָס איך בין אויסן צו זאָגן?

איך מיין, אַז קושן דאַרף מען שיינע מיידלעך. שיינע זייַען פיל מער דיסקרעט...

אין מדבר

אין דער סאַמע טיפעניש פונעם היינטיקן מדבר האָב איך געפונען צוויי מענטשישע סקעלעטן.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויפן זאַמד און זיך פאַרטראַכט. כ'האָב אַראָפּגעלאָזט די וויעס און מיטן כוח הדמיון האָב איך דערזען צוויי וואַנדערער, פאַרבלאָנקעטע אין דער וויסטעניש. דורשטיקע און אויסגעשעפּטע.

ערגעץ ווייט איז געווען אַן אָאַזיס, ערגעץ ווייט האָבן געריזלט קוואַלן אין קילן שאָטן פוןביימער. ערגעץ ווייט — אָבער געווען זענען עס בלויז מיראַזשן. די ווירקלעכקייט איז געווען טרוקן און היים, און די צוויי וואַנדערער האָבן געהאַט מיט זיך בלויז אַ בי־סעלע וואַסער.

— טרינק! — האָט געזאָגט איינער פון זיי, געבנדיק דעם צווייטן די כלי מיטן מים חיים.

— איך דאַנק דיר — האָט געענטפערט דער צווייטער — איך בין נישט דורשטיק.

— איך אויך נישט...

מיט די לעצטע כוחות האָבן זיי זיך באַשאָנקען מיט אַ שמייכל.

— איך וועל עפענען די כלי מיטן וואַסער — האָט געזאָגט דער עלטערער פון די צוויי פריינד.

— פאַר וועמען, מיין ליבער?

— פֿאַר די שאַקאַלן. פֿאַרצוקנדיק אונדזערע ביינער, וועלן זיי מסתמא זיין דורשטיק...

זיי האָבן זיך אַרומגענומען מיט די אָרעמס און אויסגעהויכט די פֿאַרמאַטערטע נשמות.

אָט אַזוי, אַנטפּלעקנדיק דעם סוד פֿון די צוויי סקעלעטן אין מיטן מדבר, האָב איך אַ צופֿרידענער פֿאַרשריבן אין נאָטיץ־בוך די דאָזיקע מעשה און גענומען גיין אין דער ריכטונג פֿון דעם אָאַזיס...

דער וואָס שמייכלט

אַנומלט בין איך געזעסן אין קרייז פון מיינע חברים און גוטע פריינד און געפירט מיט זיי אַ געמיטלעכן געשפּרעך וועגן העלדישקייט.

מיר האָבן גערעדט וועגן העלדן אַמאָליקע, וועגן העלדן פון ראָמאַנען און העלדן פון לעבן, וועגן העלדן מכלומרשטע און וועגן אמתדיקע העלדן.

— זאָגט מיר, ליבע פריינד, וועלכער העלד איז דורך אייך צומייניסטן באַוווּנדערט און באַליבט?

אַלע אָנוועזנדיקע האָבן זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט, און דערנאָך געטיילט זיך מיט זייערע מיינונגען.

דער לעצטער האָט געזאָגט:

— מיין באַליבטן העלד באַגעגן איך יעדן טאָג. איך זע אים אין איבערפולטן טראַמוויי, אין דער פאַבריק, אין ביוראָ. ער איז ביז גאָר ענלעך צו אייך און צו אונדז אַלע. פּונקט ווי דו, גייט ער אין אַן אַנצוג, וואָס איז שוין אַ היבש ביסל אָפּגענוצט. פּונקט ווי דו, האָט ער געציטערוועטע אַרבל ביי דער וואָכעדיקער בלוזע; זיין אויסזען איז באַשיידן, טיילמאָל אָרעם. עס איז אויך נישט אויסגעשלאָסן, אַז אין דער היים האָט ער אַ קראַנקע פרוי, קליינע קינדער, אַן ענגע דירה און אונטער דעם דיל — אַ שוואַם. עס איז אויך מעגלעך, אַז ביי דער אַרבעט האָט ער אַ בייזן שעף און אַז ער וווינט צווישן שלעכטע שכנים. און דאָך — שמייכלט ער, דער

דאָזיקער פֿאַרהאָרעוועטער און פֿאַרזאָרגטער מענטש. פֿאַר יעדן איינציקן האָט ער אַ גוטמוטיק וואָרט, ער איז אַ גוטער מאַן און אַ גוטער פֿאָטער, אַ גוטער מענטש און אַ גוטער בירגער. און פֿאַרגעסט נישט, מיינע ליבע, וועגן דעם וויכטיקסטן: ער שמייכלט... וויאַזוי אַנדערש, אויב נישט העלד וועט איר אָנרופֿן דעם דאָזיקן מענטש?!

דער מענטש מיטן בעזים

אין אַ געוויסן זוניקן פֿרימאָרגן בין איך אַרויס אין דער גאַס, האָב פֿאַררויכערט אַ שמעקנדיקן ציגאַר און געלאָזט זיך אויף שפּאַציר, בכדי ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט צו זען, וואָס עס טוט זיך אויף דער ליכטיקער וועלט.

מיט צופֿרידנקייט האָב איך פֿעסטגעשטעלט, אַז די טראַמוויי קלינגען מיט דעם ריכטיקן טאָן, מענטשן שטייגן אַריין הינטן אַרומעט און שטייגן אַרויס פֿון פֿאָרנט, די טראָטואַרן זענען ווי געוויינלעך ריין און פֿון די ווענט שמייכלען אַראָפּ אומשולדיקע געזיכטן פֿון שוישפּילערינס.

אין די פֿענצטער פֿון די געשעפֿטן האָב איך געזען פּרעכטיקע סחורות: לאָקשן מיט טרוקענע פֿלוימען, פּולווער צו די ציין, בראָנפֿן און אַנדערע מטעמים.

איך האָב דערפֿילט אין האַרצן אַ פֿונק פֿון שטאָלצקייט. „זעט — האָב איך געטראַכט — זעט, חברים און בירגער, ווי פּרעכטיק עס איז אויף דער דאָזיקער וועלט“.

דערנאָך האָב איך אַ טראַכט געטאָן וועגן יענע פּילצאָליקע און נאָמענלאָזע מענטשן, וועלכע באַלעבאַטעווען מיט דעם דאָזיקן שיינעם לאַנד און קערעווען מיט אים. דאָס זענען די ערלעכע בירגער, וואָס פֿלאַנצן בלומען, מעלקן קי, מאַכן לאָקשן, קאָווען פֿערד, רייסן פֿון דער ערד אַרויס שטיקער קוילן אָדער פֿירן דורך פֿאַרשיידענע נויטיקע רעמאָנטן.

פּלוצים האָב איך באַמערקט אויף דער גאַס אַ קליין מענטשעלע, אַ קליינעם הינקענדיקן בירגער, מיט איין פֿוס אַ לענגערן און מיט איינעם אַ קירצערן. אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ לאַנגן בעזים, מיט וועלכן ער האָט פֿאַרקערט די גאַס. פֿון צייט צו צייט

פלעגט ער זיך פֿאַרהאַלטן און גענוי צוזאַמענשאַרן אַ הויפֿן (זייט מוחל) פֿערד־מיסט.

— ווער זענט איר? — האָב איך אַ פֿרעג געטאָן — און וויאַזוי הייסט איר?

— איך בין אַ קאָמונאַלער אַרבעטער — האָט ער באַשיידן געענטפֿערט — איך בין אויך דערצו אַ בירגער און מיין פֿראָפֿע־סיע איז רייניקן די גאַסן.

— זייער שיין — האָב איך געענטפֿערט און האַרציק פֿאַר־זיכערט אים אין מיין פֿריינדשאַפֿט.

איך בין געווען גערירט פֿון מיין נייער באַקאַנטשאַפֿט און געוואָלט דעמאָנסטרירן מיין פֿרייד און אויך מיין טיפֿע דאַנק־באַרקייט צו יענע אַלע באַשיידענע און גוטע מענטשן, וואָס פֿירן טאָג טעגלעך אויס זייערע פֿליכטן לגבי דער געזעלשאַפֿט.

איך בין אַרויפֿגעקראָכן אויף אַ הויכן פֿאַרקן, וווּ מען קלעפּט געוויינלעך פֿאַרשידענע אַנאָנסן און פּלאַקאַטן און — האָב געגנו־מען שרייען:

— בירגער! זאָלן לעבן אונדזערע קאָמונאַלע אַרבעטער, וואָס אַ דאַנק זיי האָבן מיר אַזעלכע שיינע גאַסן און בכלל אַזאַ שיינע וועלט!

איינציקע דורכגייער האָבן זיך פֿאַרהאַלטן אויף אַ ווײַלע, אָבער זיי האָבן געשוויגן און געקוקט אויף מיר פֿאַרחידושט.

אַ מיליציאַנט אין דינסט איז צו מיר צוגעגאַנגען און גע־פֿרעגט שטרענג:

— וואָס שרייט איר, בירגער? און בכלל, פֿאַרוואָס שטערט איר די רו?

— זאָל לעבן אָט יענער קאָמונאַלער אַרבעטער — האָב איך ווידער אויסגעשריגן — יענער הינקענדיקער עלטער בירגער, וואָס פֿאַרקערט די גאַסן...

דער מיליציאַנט האָט אַ שמייכל געטאָן און איז אַוועקגעגאַנ־גען. אַנדערע דורכגייער זענען אייליק געלאָפֿן יעדער צו זיין באַ־שעפֿטיקונג. קיינער האָט נישט געוואָלט אָפּגעבן כבוד דעם קליינעם מענטשעלע מיטן בעזים.

און איך בין אַ פֿאַרשעמטער אַראָפּגעקראָכן פֿון פֿאַרקן און געלאָזט זיך גיין אַהיים.

אַ מעשה מיט אַן ערלעכן מענטש

קודם כּל דערלויבט, אַז איך וועל זיך פאָרשטעלן. דעם נאָמען מיינעם קאָנט איר געווים, און מיין אַרבעטס־פּלאַץ איז פאַר אייך אויך נישט קיין סוד. איך בין אַן אָנפירער פון איינער אַ קאָאָפּעראַ־טיווער ווירטשאַפט און קיין פּרנסה פעלט מיר חס ושלום נישט און קיין דאגות אַוודאי נישט.

אַנומלט האָט מיך אין מיין ביוראָ באַזוכט אַ געוויסער פאַר־שוין, וואָס איך קאָן אים שוין זייט אַ פּאָר גוטע יאָרן. שטענדיק קומט ער וועגן דעם זעלבן ענין און דער ענין איז ווי אויף להכעים אַ שווערער, אַ לאַנגווייליקער און לאַנגדויערנדיקער און בשום אופן קאָנען מיר דעם דאָזיקן ענין נישט דערליידיקן.

דערניבער וויפל מאָל איך דערזע לעבן מיין שרייבטישל דעם דאָזיקן פאַרשוין, פיל איך מיך אַזוי, ווי איך וואָלט דערזען להבדיל דעם מלאך המות.

קומט ער אַנומלט אַריין און באַגריסט זיך מיט מיר ווי מיט אַן אַלטן באַקאַנטן און שטעקט מיר אַריין אין דער האַנט כּאַבאַר, אָדער ווי מען פלעגט זאָגן ביי אונדז אין שטעטל — שוחד־געלט.

— איך האָב אייך געבראַכט אַ קלייניקייט — האָט ער גע־זאָגט מיט אַ פאַלשן שמייכל — איך מיין, אַז איצט וועט שוין מיין ענין זיך מיט גאָטס הילף דערנעענטערן צו אַ גוטן סוף...

אַזוי האָט ער געזאָגט און איך... איך האָב מיך אויפגערעגט, אַז אַ האַרץ־שלאַג האָט מיך שיעור נישט געטראָפן.

— איך בין אַן אָנשטענדיקער בירגער — האָב איך גענומען שרייען — איך אַרבעט אויף אַ געזעלשאַפטלעכן פּאָסטן און קיין כּאַ־באַר האָב איך קיינמאָל נישט גענומען!

— אַנטשולדיקט — האָט שטיל געזאָגט דער פּאַרשוין — אַנטשולדיקט און זייט מיר מוחל. איר דאַרפט אייך נישט אויפ־רעגן און נישט שרייען אויף מיר. איבעריקנס בין איך אַ בירגער און איך פֿאַרלאַנג מען זאָל מיך באַהאַנדלען אַזוי ווי די געזעצן פאָדערן עס. און אויב דאָס, וואָס איך גיב איז ווייניק, וועל איך נישט זיין קיין עזות פּנים און איך וועל אייך דערלייגן.

— איך נעם נישט! — האָב איך אויסגעשריגן און געעפנט די טיר.

דער גאַסט מיינער, אַ דערשלאָגענער האָט גענומען זוכן זיין קאַפּעליוש און דערנענטערן זיך צו דער טיר.

— איך באַדויער שטאַרק — האָט ער שטיל געזאָגט — אָבער מער קאָן איך נישט געבן. איך האָב אויך אַ ווייב מיט קינ־דער...

— אַרויס!... — האָב איך געשריגן און ער איז נעבעך אַרויס פון מיין צימער מיט גאָרנישט.

דאָס אַלץ האָט פּאַסירט ערשט מיט אַ וואָך צוריק.

היינט האָב איך באַגעגנט איינעם פון מיינע קאָלעגן, אויך אַן אָנפירער פון אַן אונטערנעמונג. שמייכלענדיק צו מיר אירא־ניש, האָט ער געזאָגט:

— נו, נו, מע זאָגט, אַז דו וואַקסט. פונדעסטוועגן מעגסטו אַביסל אַכטונג געבן, ס׳זאָל דיר באַקאָם נישט אַרויסקריכן...

— איך פאַרשטיי נישט. וואָס ביסטו אויסן צו זאָגן?

— מאַכסט זיך פּאַר אַ נאַר... אַלע ווייסן שוין, אַז דו נעמסט דעם גרעסטן כאַבאַר אין שטעטל. וויפל מען גיט דיר, איז אַלץ ווייניק. איך פאַרשטיי, אַז יעדער מענטש האָט אַמביציע און בכלל... אָבער מען טאָר נישט זיין קיין חזיר...

איך האָב זיך געזעגנט מיט דעם קאָלעגע און גייענדיק אַהיים, האָב איך געטראַכט:

— ווײ, וויי, ווי דאָס לעבן איז פול מיט געפאַרן...

אינדערהיים האָב איך אַלץ דערציילט מיין פרוי.

— זע, ווי שלעכט עס זענען די מענטשן — האָב איך צו איר געזאָגט — שלעכט און אומגערעכט...

— מענטשן זענען נישט שלעכט — האָט געזאָגט מיין קלוגע פרוי — דו אַליין ביסט שולדיק. שטענדיק טוסטו עפּעס אַזוינס, וואָס מאַכט דיר אַ שלעכטן שם. אַ מענטש אויף אַזאַ שטעלע ווי דו, מוז זיין פּאָרזיכטיק...

איך האָב איר געמוזט צוזאָגן, אַז איך וועל שוין איצט זיין פּאָרזיכטיק און באַמיען זיך צו האָבן אַ גוטן שם...

סדר היום

מען האָט מיך פאַרבעטן אין אַ קליין שטעטל אויף אַ ליטע־ראַרישן אָוונט. עס האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ סך מענטשן און די שטימונג איז באַלד פון דער ערשטער מינוט אָן געווען אַ האַרציקע. בעת דעם פריינדלעכן שמועס האָב איך דערציילט וועגן דיכטונג און וועגן ליבע, וועגן איינפלוס פון דער ליטעראַטור אויף מענטש־לעכע נשמות, און אויך וועגן די פּערספּעקטיוון פון דעם מאָדערנעם ראָמאַן.

אין אַ געוויסן מאָמענט איז אויפגעשטאַנען איינער פון די אָרטיקע בירגער און האָט געזאָגט:

— אַנטשולדיקט. איך וואָלט געוואָלט הערן דעם סדר היום פון דעם היינטיקן אָוונט.

— נישטאָ קיין סדר היום... — האָב איך געענטפערט.

— און אַ באַגריסונג? — האָט ער שטרענג געפרעגט — אַ באַגריסונג און אַ דערעפענונג, האַ? אויך נישטאָ?

— אויך נישטאָ.

— און אַ רעפעראַט וועט זיין?

— ניין — האָב איך געענטפערט, שוין אַ היבש ביסל פאַר־שעמט — נישטאָ קיין שום רעפעראַט.

— טאָ צו וואָס האָט מען מיך דאָ פאַרבעטן? — דער ביר־גער האָט זיך אויפגערעגט, ער איז אויפגעשטאַנען און געלאָזט זיך צו דער טיר.

— זייט מוחל, בירגער... — האָב איך זיך אָנגעהויבן צו אַנט־שולדיקן — אמת, עס איז טאַקע נישטאָ קיין רעפעראַט און נישט קיין סדר היום. אָבער מיר קאָנען דאָך מאַכן אַ דיסקוסיע.

— אַ דיסקוסיע? — דער מענטש האָט זיך פאַרהאַלטן אין דער טיר, געטראַכט אַ ווײַלע, און פּלוצים האָט אויף זיין געזיכט

זיך באַוויזן אַ גוטמוטיקער שמייכל — זאָגט איר, אַז מיר קאָנען מאַכן אַ דיסקוסיע? אויב אַזוי פאַרבלייב איך טאַקע...

ער האָט זיך צוריק דערשטופּט צו דעם פּלאַץ, ווו ער איז פריער געזעסן, און גענומען הערן און שלינגען יעדעם וואָרט. נישט געקוקט דערויף האָב איך זיך געפילט אַביסל שולדיק, און אין זינען האָב איך אויף מיר גענומען די פליכט: צום צווייטן באַזוך אין שטעטל וועל איך שוין מיטברענגען אַ רעפעראַט און וועל זען, אַז עס זאָל נישט אויספעלן קיין סדר היום...

אינהאלט

זייט

שפורן . . . 5

אײנטאָגיקע ליבע . . . 29

דערמאָנונג פון אַן אַלטן קאָמיוואָיאזשאָר . . . 34

וואַגאַבונדן . . . 47

דערציילונג וועגן א פענעץ ברויט . . . 57

אין שפיטאָל . . . 64

דיכטונג און ליבע . . . 67

שייד־וועגן . . . 76

דער נביא פון סדום (אײנאַקטער) . . . 161

אַ גליקלעכער צופאל . . . 183

מעשהלעך פאר דערוואקסענע

אַוועקשווימענדיקע שיפן . . . 191

די פרוי, וואָס קאָן נישט לייענען . . . 192

לופט . . . 194

אַ מינוט אַזאַ . . . 195

שאגאלס בילדער . . . 196

קליינע שטעטעלעך . . . 197

אַלטמאָדישע ליבע . . . 198

אַ טרוים . . . 199

עגל הזהב . . . 200

דער ווארטונג . . . 202

פריינדשאפט . . . 203

חתן־כלה . . . 205

אונטערוועגנס . . . 207

אומזיכערקייט . . . 209

די שטאָט . . . 210

זייט

פראגרעס 211
דאס העמד 213
דער מענטש פון קאלאמיי 214
דער פארליבטער וואלפיש 215
א שעה אין הימל 216
דער גרויסער 218
דער העלד 219
דער זוכנדיקער 221
דער אומגליקלעכער ליץ 222
דער דעמב 223
עקזאטיק 224
דאס וואונדערלעכע וואסער 226
א מעשה מיט א גוט־מארגן 228
דאס גילדענע זייגערל 231
געדערים 233
דער בער 234
דער נגיד 235
דער קינסטלער 237
א דענקמאל פאר דעם באשיידענעם 238
אייגענע דערפארונג 239
אין מדבר 240
דער וואס שמייכלט 242
דער מענטש מיטן בעזים 244
א מעשה מיט אן ערלעכן מענטש 246
סדר היום 249